STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05197

# SENDER BLANK UN ZAYN GEZINDEL

Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Jacob Minsky*
*in memory of*
*the Minsky Family: Aurom, Nacha, Motele, Leibele, Moishelle*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שלום עליכם.

# נאָכװעהעניִשען.

פערלאַג
פאמיליען-ביבליאטעק.

פערקויף:
געז. „צענטראל", װארשא.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

## 1.

## דער שטורעם.

שטיל, גאַנץ שטיל.

גענײטע לײט זאָגען — און גענײטע לײט װײסען, װאָס זײ זאָגען — אַז תמיד פאַר אַ גרױסען שטורעם װערט שטיל, שטאַרק שטיל. תחילת זעהט זיך — גרינגע לופטיגע װאָלקענס שװימען אונטערן הימעל, קװיקלען זיך, קנױלען זיך, װי רױך, בילדען זיך אױס אין פרעמדע פאָרמען, בעקומען אַ פּנים פון לעבעדיגע בעשעפענישען, װילדע חיות, װיזעלטירען... ביסלעכװײז בעהעפטען זײ זיך אַלע אינאײנעם, און עס רוקט זיך אָן אױף דער װעלט אַ חמאַרע, אַ געדיכטע, אַ שװערע, אַ שװאַרצע, אַ מורא'דיגע, פערשטעלט די שײנע די ליבטיגע פרײליכע זומערדיגע זון, און אין מיטען העלען טאָג װערט נאַכט, שטאָק-פינסטער, חושך ואפלה!

עס טוט אַ בלאָז אַ מאָדנע װינטעל פון אױבען, פון צפון-זײט... שװעלבעלעך, אַ גאַנצע פאַמיליע, האָבען דערשמעקט, אַז דאָ װעט עפּיס זײן, האָבען פאַר אימפעט פערלױרען זײער הײם, פליהען זײ צוזײהט און צושפּרײט, לאָזען אַרױס אַ משונה קװיטש, פּאַטשען מיט די פליגעלעך און שנײדען דורך די לופט, װי אײן אַרױסגעלאָזטע פײל, װי אַ בליץ, און װערען פערשװאונדען, מע װײסט ניט װאוהין...

עס הערט זיך אַ קרעהען פון אַ האָהן, נישט קײן געװעהנליכער קרעה, עפּעס מיט אַ בײזער, מיט אַ פּזור „!" און לאָזט זיך אױס לאַנגזאַם מיט אײן אתנחתא „—"—

קוקאַריקאו! — אואואואו...

צוויי חזירים לויפען הענדום-פענדום, טראָגען אין מויל דער אַ פעדער, דער אַ שטרוי, דרעהען זיך און קוויטשען; אויף חזיר-לשון הייסט דאָס: „אַי, ברידער, ס׳וועט באַלד זיין פריילין!...“

דער הימעל ווערט בעלייגט מיט בליי; די לופט ווערט אָנגעגאָסען מיט שוועפעל; פון ווייטען, פון דאָרטען ערגיץ, לאָזט זיך הערען אַ הילך, און דער ווייטער האָריזאָנט ווערט אויף אַ רגעלע בעלייכט, ווי עמיצער האָט אויסגעריבען אַ שוועבעלע אין דער פינסטער און באַלד פערלאָשען, און ווידער אַ בלישטש און ווידער פערלאָשען. נאָר דער ווייטער הילך ווערט נעהענטער, צושפרייט זיך איבערן גאַנצען הימעל, טוט אַ פאָהר איבער פון איין עק וועלט ביז׳ן אַנדערען— טעררררררר! און פלוצים—טראַך!— עס הערט זיך אַ מורא׳דיגער קנאַק, אַ בראָך אויף דער האַלב און אַ פאַל אין דער ערד אַריין אָט דאָ ערגיץ ניט ווייט, און אַ מאָדנע גרינעס פייער טוט אַ בלישטש און בעלייכט די גאַנצע וועלט פון איין עק ביז׳ן אַנדערען און וואַרפט אָן אַ פחד אויף אַלע לעבעדיגע... גוים צלמ׳ען זיך, יודען מאַכען אַ ברכה „שכחו וגבורתו מלא עולם“ און בעהאַלטען זיך אונטער אַיין איבערבעט... און אָט — קליפ-קלאַפ! קליפ-קלאַפ! בריק - בריק - בריק!—אַ האָגעל זעצט אין די פענסטער אַריין, ברעכט שויבען, וואַלגערט אום בוימער, מאַכט היזקות און לייגט זיך אויף דער ערד ווייס, ווי שניי, ווי פעדערן... עס האָבען זיך געעפענט אַלע פענסטער פונ׳ם הימעל און אַיין אויסגאָס פון גאָט איז געקומען אויף דער ערד, אַ גרוס פונ׳ם אַמאָליגען ווילדען מבול, וואָס איז געווען אויף דער וועלט... אַ סך האָט דאָס צעוואַלגערט, אַ סך צובראָכען, אויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל, צוריסען, צושמיסען, פערטראָגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר; אויך לעבעדיגע נפשות זענען געשעדיגט געוואָרען, פגרים-מתים ליגען אין גאַס... דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט, נאָר די וואַסערן לויפען נאָך. דער הימעל הויבט שוין אָן זיך רייניגען, נאָר דער האָגעל ליגט נאָך ווי ווייסע פעדערן אויף דער נאַסער ערד... דאָרטען, פון יענעם עק הימעל, שיינט אַריין די שענע די ליכטיגע פריילינע זומערדיגע זון, נאָר אָנגעשראָקענע בעשעפענישען ליגען נאָך בעהאַלטען, גלויבען ניט, אַז דאָס איז די אמת׳ע זון, אַז דאָס איז אַ סוף פון דער בערע... אַיין אַלטער הונד האָט זיך אַיינגעגראָבען ערגיץ אין אַ ווינקעל, ליגט און קוקט שטאַרק מרה-שחורה׳דיג אויף דער וועלט; שטאַרק צוטראָגען שטעהט דער האָהן מיט אַ נאַסען ווידעל,

רופט די היהנער און נישטאָ זיי נאָך; אַ ברוגז׳ע זיצט די קאַץ און וואַשט זיך, ניט צוליעב געסט, נאָר איבער אַיין אַנדער טעם: אין דער גרויסער בהלה האָט זי געזאָלט חאַפּען אַ פייגעלע, וואָס איז אַרויסגעפאַלען פונ׳ם נעסט... שוין גרייט געווען אַריינשטעקען אין דעם די שאַרפע נעגעל... האָט זי געחאַפּט אַ מיאוסען פּסק פונ׳ם שטיינערדיגען האָגעל און דערצו נאָך שטאַרק פערנעצט די לאַפּקעס נעבעך... זי זיצט און בעלעקט זיך, רייניגט די פערנעצטע, פערמיאוס-טע לאַפּקעס... און פון אונטערן דאַך קוקען אַרויס אַ פּאָר פערנעצטע טייבעלעך, זיצען פערזאָרגט, צולאָזט די נאַסע פעדערלעך און בעדוי-ערן די וועלט. זיי פערשטעהען ניט, וואָס איז דאָ געווען? וואָס האָט גאָט געוואָלט פון דער אָרעמער וועלט?... צו וואָס האָט ער עס בעדאַרפט?... און דער הימעל ווערט ריין ווי קרישטאָל, און די זון קוקט אַראָב, בעלייכט דעם חורבן, וואָס דער רעגען האָט אָנגעמאַכט אויף דער ערד, און גאָט הערט דעם געוויין פון די אָרעמע, גע-שלאָגענע, פריהלישעטע, צובראָכענע נפשות, וואָס שטעהען פערצווויי-פעלט און פרעגען אַ קשיא: צו וואָס דאַרף מען עס?... און גאָט וואַרפט אַרויס די געטליכע פאָהן, דעם פיעלפאַרביגען קיילעכיגען רע-גענבויגען — אַ סימן, אַז ער געדענקט, וואָס ער האָט אַמאָל צוגעזאָגט, אַז ער זאָל שוין מעהר ניט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט — און יודען קוקען אויפ׳ן צייכען מיט גרויס אמונה און מאַכען אַ ברכה: „זוכר הברית, ונאמן בבריתו, וקים במאחרו" — די טייטש איז: „גאָט געדענקט זיין צוזאָג, גאָט איז בעגלויבט, גאָט האַלט וואָרט"... גאָט געדענקט? גאָט האַלט וואָרט?

אַז וואויל איז דעם, וואָס גלויבט...

## II.

## אַ גבור.

אָנגעטרונקען זיך מיט ווין, אָנגעזעטיגט זיך מיט בלוט, האָבען זיך אונזערע ווייסע-חברה'ניקעס געלאָזט אין די בתי-מדרשים, פון איין שוהל אין דער אַנדערער, אויפגעשלאָגען דעם ארון-קודש, אַרויס-געלאָזט די ספר-תורה'ס און אַרויסגעוואָרפען דורך די פענסטער אין דרויסען אַרויס. און דאָרט האָבען קליינוואַרג צוצויגען דאָס פּאַרמעט איבער דער גאַנצער גאַס, געטאַנצט אויף דעם מיט די באָרוויסע פיס, געשפּיגען אין די הייליגע אותיות אַריין און געפייפט און געזונ-גען און געהוקעט און געשפּרונגען און אויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגען ווילדען הורררראַאַאַאַ!!!

נאָר אין איין שילכען, דוקא אַ קליין אָרעם שילכען, האָבען זיי געהאַט אַ ביסעל בזיונות פונ'ם שמש.

דער שמש, דוקא אַ קליין יודעל און אַ טרוקענס, אַז ער האָט דערזעהען — מען האָט צורעכט געמאַכט די גרויסע שוהל, האָט ער זיך פערשלאָסען ביי זיך אין קליינעם שילכען, אָנגעטאָן זיך אין טלית ותפילין, זיך אַוועקגעשטעלט געבען אָרון-קודש, אָנגעוואָפענט מיט אַ משניות, מיט אַ סדור און מיט אַ תהלים, און זיך געגעבען דאָס וואָרט: דער טויט זאָל איהם זיין — פון דאַנען טרעט ער ניט אָב!

און ער האָט געהאַלטען וואָרט. אַז מען האָט אויפגעבראָכען די טיר און מען איז אַריין אין שילכען, איז דער שמש נישט אָבגעטו־אָ-טען פונ'ם אָרון-קודש, אויסגעצויגען די הענד צו די ווייסע-חברה'ני-קעס און אַזוי געזאָגט:

— היצלים! רוצחים! ווי אַזוי האָט איהר קיין מורא ניט פאַר גאָט? ביי אונז איז דאָך ביי אַלעמען איין גאָט, ווי איך בין אַ יוד, איין גאָט! אונזער תורה, אַייער תורה—אַלץ איין תורה! איהר וועט ניט זאַטשעפּען די תורה, ווי איך בין אַ יוד, סיידען איהר וועט מיך הרג׳ענען?!...

אַזוי האָט פעסט געזאָגט דער שמש און האָט צושפּרייט ביידע הענד ווי צוויי פליגלען צו בעשיצען דעם ארון-קודש, און האָט אויס-געזעהען בשעת-מעשה, ווי אַ געטרייע מוטער, וואָס בעשיצט איהרע ליע-בע קינדער, און דער טלית האָט זיך ביי איהם צולאָזט, און דער של-ראש פון תפילין האָט זיך אַ ביסעל אַראָבגערוקט אויף אַ זייט, און די אויגען—די אויגען האָבען געפינקעלט, געברענט ווי האָלע-וועשקעס...

סע פערשטעהט זיך, אַז איין זעץ מיט אַ שטיק אַייזען איבערן קאָפּ האָט דעם אָרעמען טרוקענעם שמש אין איין מינוט אַנידערגע-לייגט מיט׳ן טלית און מיט די תפילין, מיט׳ן משניות און מיט׳ן תהלים, און חברה האָבען גענומען טאַנצען איבער זיין גוף און טרע-טען מיט די פיס, אַזוי אַז ס׳איז געוואָרען פון איהם אַ מין פרעזשע-ניצע, אַ שטיק פלייש מיט ביינער מיט רצועות פון תפילין, אָהן אַ פנים, אָהן הענד אָהן פיס, אָהן לייב און לעבען...

## III.

## אַ קאָנצערט.

אין דער גרויסער זומפּיגער בלאָטע האַלטען זיך אַלערליי זשאַבעס, ראַקעס, ווערעם, שלענגלעך, וויאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטען, וואָס ווידמענען, קריכען, פּאַיזשען און פּאָליוסקען זיך אין געמייזעכץ. און קומט פּאַרנאַכט, אַז די זון געהט אונטער, שטעקען אַרויס די זשאַבעס זייערע פלאַטשיגע קעפּלעך, שטעלען אָן די העלזלעך און הויבען אָן צו קראַקען און צו קוואַקען, איטליכע אויף איהר שטייגער, איינע שענער פון דער אַנדערער, און עס לאָזט זיך הערען אינ'ם גאַנצען געגענד אַ קוואַקעריי מיט אַ גראַגעריי פון טויזענדער זשאַבעס, גרויסע און קליינע, אַ משוגה-ווילדער קאָנצערט, אַ קאַקעפאָניע פון זשאַבעס, וואָס גרילצט אין די אויערן, מען קאָן טויב ווערען: קוואַ-קוואַ-קוואַ! קרי-קרי-קרי! קרו-קרו-קרו! זש-זש-זש! שאַרררררר!...

— שאַררדר-אַפּאָוו! שאַררדר-אַפּאָוו! — שרייט אַ גרויסע פעטע זשאַבע, — וואָס טוען דאָ די פרעמדע פישלעך אין אונזער טייך? אונזער טייך איז בעשאַפען געוואָרען פאַר אונזערע העכט, פאַר אונזערע לעשטשעס און פאַר אונזערע קאַרפּען! אויף דער יבשה, אויף דער טריקעניש לאָז מען זיי פערטרייבען! דאָרטען לאָזען זיי דערשטיקט ווערען, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

— אָקריי!... אָקריי!... אָקרייך! — העלפט אונטער אַ קליין זשאַבעלע, — איך זאָג שוין לאַנג, אַז אויף דער יבשה, אויף דער טריקעניש זאָל מען זיי פערטרייבען!

— זשש... זשש... זשידי! עקספּלאָאַטאַטאָרי! — זשומעט אַ שלענגעל און קאַטשעט זיך ווי אַ וואָרעם אין בלאָטע, — זיי לעבען פון אונזער טייך! זיי טרינקען אונזער וואַסער! געהרען זיך מיט אונזערע ווערעם! זשש... זשש... זשידי! עקספּלאָאַטאַטאָרי!

— קרו... קרו... קרו... קרושעוואַן! — רייסט זיך אַ מיאוסקייט — וואָס שווייגסט דו? קום נאָר אַהער! טו אַ קוק, ווי די דאָזיגע פערשאָלטענע פישלעך האָבען זיך צובויפגעשלאָגען אַלע אינאיינעם. פרעסען איינס דאָס אַנדערע און מעהרען זיך פונדעסטוועגען משוגענערווייז!... וואָס שווייגסט דו, קרו... קרו... קרו... קרושעוואַן!...

# VI.

## דאָס אויג.

שכור פון בלוט, פערטומעלט פון רציחה, זענען זיי דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ לאָך, אַ מין שטיבעל אַזעלכס, און דערזעהען דורכ'ן פענסטער איין אַלטען בלינדען, אַ בלינדען אויף איין אויג.

אַראָבגעלאָזט זיך אין לאָך אַריין זענען זיי געווען איבערראַשט פונ'ם אָרעמקייט, וואָס דאָ איז. מעהר אַז איין אַלטע צובראָכענע בעט, כ"ט אַ צוריסענע שמאַטע איבערגעצויגען, אַ בענקעל אויף דריי פיסלעך און איין אַלטע בלעכענע אויסגעבויגענע לעכעריגע קוואָרט, איז דאָרט נישט געווען.

ניט מחמת מען האָט פון דאַנען אַרויסגעטראָגען און בעהאַלטען, ניין! ס'איז טאַקע קיינמאָל מעהר ניט געווען.

נאָך מעהר איבערראַשט זענען זיי געווען פון דעם, וואָס דער אַלטער זיצט אַזוי רוהיג, אַנטלויפט נישט, ריהרט זיך ניט פונ'ם אָרט און קוקט — קוקט מיט איין אויג, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען.

— האָסט גאָר קיין מורא ניט?

— וואָס זאָל איך מורא האָבען? וואָס וועט איהר ביי מיר נעמען?

אַזוי האָט זיי דער אַלטער געענטפערט מיט גרויס עזות און מיט גדלות, מיט אַ סך מעהר גדלות, ווי דער גרעסטער גביר זאָל זיך בעריהמען מיט זיינע מיליאָנען!

— די אויגען וועלען מיר דיר אַרויסנעמען! — האָבען זיי איהם אַ זאָג געטאָן און געוואָרפען אַ קוק אויף די הוילע ווענד פון דער עלענדער שטוב.

— די אויגען? — האָט זיי דער אַלטער געענטפערט מיט אַ מאָדנע געלעכטערל, — וואָסערע אויגען? איך האָב סך-הכל איין אויג.

— געב אהער דאס איינע אויג! . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און איידער דער אלטער האט זיך געגעבען א ריהר, איז ער שוין געלעגען אויף דער ערד א פריטשמעליטער, און איינער (ער געדענקט איהם גאנץ גוט: א הויכער מיט א געשטופעלט פנים) האט איהם ארייג-גערוקט דעם גראבען פינגער מיט'ן נאגעל גלייך אינ'ם זעהענדיגען אויג אריין ...

און וואס ווייטער איז געווען — געדענקט ער ניט. ער געדענקט נאר, ווי ער האט זיך ביי זיי געבעטען, זיי זאלען איהם בעסער דער-הרג'ענען שוין אויף טויט.

און וואו ער איז אצינד — ווייסט ער ניט, ווארום היינט איז ער שוין בלינד אויף ביידע אויגען ...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

א, נעראן-קיסר! א, טיטוס! וועספאסיאנוס! גאנטע-צדיק! וואו זענט איהר ערגיץ? שטעהט אויף פון אייערע קברים און טוט א קוק, וואס פאר א פנים איהר האט אצינד מיט אלע אייערע אמאליגע רציחות, הריגות, אינקוויזיציעס, און לייגט זיך שלאפען!...

איך האב פערווארפען די פען — איך שרייב ניט מעהר! איך שרייב ניט מעהר!

ס'איז ערשיענען:

# די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור.

פון ד"ר מ. פינעס.

אונטער דער רעדאקציע פון בעל מחשבות.

„די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור" איז די ערשטע פראבע אין דער יודישער שפראך, צו געבען דעם לעזער א קלארע שילדערונג פון דעם גאנצען ענטוויקלונגס-פראצעס, וואס די יודישע ליטעראטור האט דורכגעמאכט פאר די פיער הונדערט יאהר פון איהר עקסיסטענץ. דאס איז א קאפיטאלעס ווערק, וואס איז געשאפען געווארן נאך יאהרען-לאנגער ארבייט אין פערשידענע ארכיוועז און ביבליאטעקען, און נעהמט ארום, אויסער די בעדייטענדע ווערק פון דער לעצטער צייט, אויך דעם גאנצען אונגעהויערן מאטעריאל, פון וועלכען ס'איז ענטשטאנען דאס, וואס מיר רופען היינט „יודישע ליטעראטור". די בעריהמטע „בבא-מעשה" אין דער ערשטער העלפט פון XVI-טען יאהר-הונדערט, ווי פרצ'עס גייסטרייכע נאוועלן פון די לעצטע צעהנדליגער יאהרען; דער פאלקס-טימליך-ליבער „צאינה וראינה", ווי די הארציגע ראמאנען פון דעם פאלקס-בעליבטען דינעזאהן; די פרימיטיווע פאלקס-געשיכטען פון XVII-טען און XVIII-טען יאהר-הונדערט, ווי די הומאר-

און טאַלענט־פולע מאָנאָלאָגען פון דעם בעריהמטען שלום עליכם; אונזערע פאָלקס־ליעדער, ווי די ליעדער פון אונזערע מאָדערנע דיכטער — אלע ווערט איז דער „געשיכטע" אויפגעפאַסט, בעלויכטען, אָבגעשאַצט און אויף אַזאַ אופן ווערן דאָ דורכגעפיהרט אלע פעריאָדען און עטאַפען פון אונזער ליטעראַטור. פאַר'ן לעזער'ס אויג ציהט זיך דורך אַ גאַנצע גאַלעריע פון אַלטע און נייע, בעקאַנטע און נישט בעקאַנטע שריפטשטעלער און ווערק, און איהם ווערט געגעבען די מעגליכקייט, זיך גענוי צו אָריענטירען נישט בלויז אין יעדען ווערק, אלס בעזונדערע זעלבסטשטענדיגע שאַפונג, נאָר אויך אין דעם בעהאַלטענעם צוזאַמענהאַנג, אין דעם היסטאָרישען פאָדים, וואָס בינדט צונויף אַט די אַלע איינצעלנע שריפטשטעלער און ווערק און מאַכט פון זיי איין גאַנצען אָרגאַניזם — אַ ליטעראַטור.

---

געשריבען פריהער אַלס וויסענשאַפטליכעס שטודיום אין דער פראַנצעזישער שפראַך, איז „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור" איצט אויף ס'ניי בעאַרבייט געוואָרען פונ'ם מחבר אַליין אין יודיש, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם בעקאַנטען קריטיקער און קענער פון דער יודישער ליטעראַטור בעל מחשבות. פון וועלכען ס'איז אויך געדרוקט אַ איינלייטונג צום ווערק. די שפּראַך פון דער געשיכטע, ווי די גאַנצע אויפפאַסונג פון דעם היסטאָרישען פראָצעס בכלל, איז זעהר לייכט און צוגענגליך, און דאָס ווערק ווערט געלייענט מיט גרויס אינטערעס פון יעדען לעזער.

---

**פרייז פון ביידע בענדער 2 רובל.**

טראַכט געבונדען 2,70.

# בוכהאנדלונג „צענטראל"

וויִלנא — ווארשא — ניו־יאָרק

## יודישע לעהר־ביכער

די
### פאָלקס־שפּראַך:
אַ עלעמענטאַר לעהר־בוך
פיר אַנפענגער.
מיט אילוסטראַציעס און ציייכנונגען
אין טעקסט, פון י. קלעפּפיש.
פרייז 25 קאָפּ.

### די פאָלקס־שול
אַ עלעמענטאַר איִלוסטרירט
לעהר־בוך פיר אַנפענגער.
פון
מ. בירענבוים און מ. טייטש.
מיט אַ קורצען בריעף־לעהרער, ווי
אויך קאַליגראַפישע איבונגען.
פרייז 30 קאָפּ.

## די מוטער־שפּראַך
אַ מעטאָדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.
מיט גראַמאַטיקאַלישע כּללים און אילוסטראַציעס אין טעקסט.
ביינעלענט אַלע העברעאישע ווערטער, וואָס געהען אריין אין
דער יודישער שפּראַך.
צוזאַמענגעשטעלט פון ז. און אַ. רייזין.
פרייז 35 קאָפּ.

די
### נייע יודישע שול
אַ לעזע־בוך פיר קינדער
(נאָכ׳ן אַלף־בית).
צוזאַמענגעשטעלט לויט די נייסטע
קוועלען מיט לייכטען לעזע־שטאָף פון
תּלמוד, מדרש, פון דער יודישער און
פרעמדע ליטעראַטורען, אַלץ לויט דעם
בעגריף פון קינדער. מיט בילדער אין
טעקסט.
פון אברהם רייזין.
פרייז 30 קאָפּ.

### יודישער אלף בית
אַ סיסטעמאַטישער אַלף־בית צו
לערנען יודיש, פיר אַנפענגער.
מיט בילדער און מיט אַ קורצער מעטאָדישער ערקלערונג, ווי צו לערנען
מיט שילער לויט דעם קלאַנגען־סיסטעם פון פ. האַלפּערין.
פרייז 30 קאָפּ.

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ" Варшава — Вильно — Нью-Іоркъ —

בוכהאנדלונג „צענטראל".

ווילנא ——— ווארשא ——— ניו-יארק

# יודישע הרעסטאמאטיע

## א לעזע-בוך פאר שול און הויז.

געזאמעלט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאפטליכע קוועלען נאך די נייסטע מעטאָדען, מיט צייכנונגען און אילוסטראַציען

דורך **אברהם רייזען.**

פרייז **50** קאפ.

---

מעטאָדען פון ג. וואַנעל

## דער רוסישער אַזבוק

פרייז 10 קאפ.

## די רוסישע מעטאדע

פרייז 50 קאפ.

דער

## ענגלישער לעהרער

פרייז 40 קאפ.

---

## שפראַכען-פיהרער

צו ערלערנען די פוילישע שפראך
נאך דער מעטאָדע
פון מ. פאליגראַט און קונצע.

פרייז 25 קאפ.

---

א פאָלשטענדיגע

## יודישע גראַמאַטיק

(עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס)

פערפאסט פון ז. רייזען.

פרייז 50 קאפ.

---

# פרעמד-ווערטערבוך:

פון **ב. קארלינער.**

פרייז **80** קאפ.

---

# פאליטיש-ווערטערבוך:

פערלאג „עזרא".

פרייז געבונדען **25** קאפ.

Buchhandlung „CENTRAL" Warschau—Wilno
— New-Jork. —

## שלום עליכם.

# װעלװיל גאמבעטא.

פערלאג:
פאמיליען-ביבליאטעק.

פערקויף:
געז. „צענטראל“, װארשא.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

## א.

גאַמבעטאַ איז געווען אַ יוד, וועלוועל איז געווען אַ יוד; גאַמבעטאַ איז געווען אַ בלינדער אויף איין אויג, וועלוועל איז געווען אַ בלינדער אויף איין אויג; גאַמבעטאַ איז געווען איין אַדוואָקאַט, וועלוועל איז געווען איין אַדוואָקאַט. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס יענער גאַמבעטאַ איז געזעסען אין פּאַריז, און דער גאַמבעטאַ — אין מאַזעפּעווקע. און אפשר איז דאָס גאָר אַ מעלה, ניט קיין חסרון? וואָרום לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס וואָלט געטאָן למשל דער פּאַריזער גאַמבעטאַ אין מאַזעפּעווקע? און וואָס וואָלט געטאָן דער מאַזעפּעווקער גאַמבעטאַ אין פּאַריז? אַ סך גלייכער, וואָס דער פּאַריזער גאַמבעטאַ איז געבליבען זיצען אין פּאַריז, און דער מאַזעפּעווקער גאַמבעטאַ איז געבליבען זיצען אין מאַזעפּעווקע און זיצט דאָרטען אפשר עד היום הזה.

ערשטענס האָט ער ביי אונז אַ נאָמען פון דעם גרעסטען קאָפּמענש; ער זאָל ניט זיין קיין יוד, וואָלט ער געווען, זאָגט מען, אַ מיניסטער; און מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ סך געזינטער, אַז מע זאָגט אויף אַ מענשען, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין, איידער אַז ער איז שוין, וואָרום אַז יענער איז שוין, איז ער שוין, און דער וואָס איז נאָך ניט, קאָן נאָך זיין; ער האָט ביד, הייסט עס... והשנית האָט ער ביי אונז גאַנץ שען פרנסה און דוקא בכבוד. דאָס הייסט, ניט אַלעמאָל בכבוד, וואָרום אַמאָל מאַכט זיך, מע האָט בזיונות אויך, נאָר מיט וועמען מאַכט זיך ניט קיין בזיונות? ווער קאָן זיך דאָס בעריהמען, אַז ער האָט אויף זיין לעבען נישט געהאַט קיין אומכבוד? וואו איז דאָס דער חכם און דער בריה, וואָס קאָן מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל קיינמאָל פון קיינעם קיין בזיון נישט האָבען? איך רעד שוין נישט פון פּעטש; קיין מענש אויף דער וועלט איז ניט בעוואָרענט פון איין אומגערעכטען

פּאַטש ... פאַרוואָס איז מיר גראָד געקומען אויף די געדאַנקען פּעטש? ווייל די דאָזיגע מעשה הויבט זיך אָן מיט פּעטש, און ווען ניט קיין פּעטש, וואָלט וועלוועל ניט געווען בלינד אויף איין אויג, און וואָלט נישט געווען קיין אַדוואָקאַט, און וואָלט נישט געהייסען וועלוועל „סוואָד-זאַקאָן“, און איך וואָלט ניט געהאַט וואָס צו שרייבען, דאָס בלאַט וואָלט ניט געהאַט וואָס צו דרוקען, און איהר וואָלט ניט געהאַט וואָס צו לייענען. אַצינד, אַז גאָט האָט געטאָן אַ נס און ס'איז געווען פּעטש, האָט מען וועלוולען אַרויסגעזעצט איין אויג, איז ער געוואָרען אַיין אַדוואָקאַט, און מע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „סוואָד-זאַקאָן“, און איך האָב ברוך השם וואָס צו שרייבען, און דאָס בלאַט האָט וואָס צו דרוקען, און איהר האָט וואָס צו לייענען, געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון דעם, וואָס לעבט אייביג און אויף אַלעמאָל. אמן.

---

## ב.

איך ווייס, וויבאַלד איהר הערט, מע רעדט פון פּעטש, פון יודישע פּעטש, אַזוי קומט אייך אויפ'ן זינען אַ שוהל, גבאים, אתה הראית... וואָרום וואו דען קאָנען יודען שלאָגען זיך, אַז ניט אין קיין מקום קדוש? ווען דען קאָנען יודען פּאַטשען זיך, אַז ניט שמחת-תורה צו די הקפות? עס קאָן זיין, אַז איהר זענט אפשר גערעכט, נאָר איצטיגס מאָל האָט איהר דוקא ניט געטראָפען (ניט אַלעמאָל טרעפט איהר!). ס'איז געווען ניט אין שוהל, נאָר אין פּאָליש; ניט אום שמחת-תורה, נאָר חול-המועד-פסח, און ניט פאַר אתה הראית, נאָר פאַר איין וואָרט „אַבאָנענט“...

פאַרהאַן אַ וואָרט „אַבאָנענט“ און פאַרהאַן אַ וואָרט „אַבאָנעמענט“; אַבאָנענט הייסט אַ פערשריבענער (אויף אַ בוך, אַ צייטונג, אַ בילעט, וכדומה) און „אַבאָנעמענט“ איז די טייטש דאָס „זיין פערשריבען“. האָט זיך בעדאַרפט טרעפען אַזוי, אַז עפּיס איינער אַ בחורל (דאַכט זיך, אַז אפרים-יוסעל-משה-בערס) האָט זיך חול-המועד-פסח אין שוהל פאַר זיינע חברים בעריהמט, אַז ער האָט זיך פערשריבען אין דער ביבליאָטעקע אויף לייענען ביכער, איז איהם אויסגעקומען צו זאָגען בזה-הלשון:

— איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ בשורה, קינדער, אַז איך בין שוין איין אַבאָנעמענט.

האָט זיך אָנגערופען איינער פון די איבעריגע בחורים:
— וואָס הייסט דו ביזט אַיין „אַבאָנעמענט"?
מאַכט ער:
— איך האָב מיך פערשריבען אין דער שטאָדט-ביבליאָטעקע.
מאַכט צו איהם יענער:
— הייסט דאָך דאָס, אַז דו ביזט אַיין „אַבאָנענט", ניט „אַבאָ-נעמענט".
מאַכט ער:
— למאי נפקא מינה? „אַבאָנענט" צי „אַבאָנעמענט"?
מאַכט צו איהם יענער:
— ס'איז אַ גרויסע נפקא-מינה: ס'איז אַזאַ חילוק, ווי למשל פון בניך ביז בוניך, אָדער ווי פון יככה ביז יבכה; אַבאָנענט הייסט אַבאָנענט, און אַבאָנעמענט הייסט אַבאָנעמענט.
און דערביי האָט יענער בעוויזען מיט דער האַנד, וועלכס הייסט „אַבאָנענט" און וועלכס הייסט „אַבאָנעמענט"; דאָס הייסט, אייגענטליך האָט ער מיט דער האַנד גאָרנישט אויסגעוויזען, נאָר געמאַכט האָט ער מיט איהר, אַזוי ווי מע מאַכט למשל דעמאָלט, ווען מען וויל געבען עמיצען גוט צו פערשטעהן, וועלכס הייסט „מאַסיוו"; דערביי טוט מען אַ רעכטען קוועטש מיט דער האַנד און מע זאָגט, אַז מאַסיוו ווערט אָנגערופען אַ זאַך, וואָס איז מאַסיוו... און אַזוי ווי יענער בחור האָט פון די הענד ניט פערשטאַנען דעם חילוק צווישען „אַבאָנענט" ביז „אַבאָ-נעמענט", האָט ער איבערגעחזרט נאָכאַמאָל דאָס אייגענע:
— אַצונד הער איך אַייך אַלעמען פאַר דריי פּיטאַקעס, וואָרום איך בין מיר אַליין אַבאָנעמענט.
— אַבאָנענט! — פערריכט איהם יענער ווידעראַמאָל.
— למאי נפקה מינה?
— ווידעראַמאָל למאי נפקא מינה?
— ווער בעט דיך, זאָלסט מיך פאַררעכטען?
— אַז דו זאָגסט שלעכט, פעררעכט איך דיר.
— פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך זאָג שלעכט? טאָמער פערקעהרט?
— וואָרום איך ווייס.
— זאָג איך, אַז דו ווייסט ניט.
— זאָג איך, אַז דו ביסט אַיין עם-הארץ.
— זאָג איך, אַז דו ביסט אַיין עזות-פּנים.

— זאָג איך, אַז דו ביסט אַ פּאַרחוטש און האָסט אַ טאַטען אַ שמאָ-רעוואָז און אַ פעטער אַ גנב!

— זאָג איך, אַז אַ ר.......

מעהר האָט מען נישט געקאָנט חאַפּען, וואָס האָט דער געזאָגט און וואָס האָט יענער געזאָגט, מחמת עס זענען געפלויגען פּעטש פון ביידע צדדים; מענשען זאָלען זיך ניט געווען אַריינגלייגען, וואָלטען זיי זיך אָבגעביסען איינס דאָס אַנדערע די נעזער; נאָר מחמת מענשען האָבען זיך אַריינגעלייגט, האָט יענער דעם אָבגעריסען נאָר אַ האַלבע קאַפּאָטע, און דער יענעם האָט אומגערן דערלאַנגט מיט'ן עלענבויגען אין אויג אַריין, האָט יענער געגעבען אַ מאָד'נעם געשריי און איז געפאַלען חלשות. האָט מען איהם גענומען מינטערן, און אַז מען האָט דערזעהען, אַז ס'איז איהם אויפגעלאָפען איין אויג, איז געוואָרען אַ גרויסער גוואַלד און מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ס'איז פערפאַלען דאָס אויג, איז דער גוואַלד געוואָרען נאָך גרעסער. סטייטש, איין אויג! אַרויסגעזעצט איין אויג! אויג היינט, אויג מאָרגען — יענער איז געבליבען אָהן איין אויג, און דער דאָזיגער „יענער" דאָס איז געווען וועלוועל.

---

## ג.

פון דער דאָזיגער מעשה מיט'ן אויג פערשטעהט איהר, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די השכלה אין מאַזעפּעווקע האָט שוין געגרייכט אַזוי ווייט, אַז מען האָט שוין געקאָנט רעדען פון אַזעלכע עניגים בפרהסיא. איין עק — אויס בוידעם, אויס קעלער, אויס אונטערן-אויוועס, אויס בעהאַלטען זיך אין פערבאָרגענע ערטער און זינדיגען דאָרטען שטילערהייד מיט יצחק בער לעווינזאָהן, מיט מאַפּו און מיט סמאָלענסקין. אָפענטליך, יודישע קינדער! בפרהסיא, מאַזעפּעווקער בחורים'ליך! פרעהט זיך, מען האָט אייך אַרויסגעלאָזט אויף גאָטס וועלט; מזל טוב אייך, טיר און טויער זענען פאַר אייך אָפען! לויפט, ווייסע-חברה'ניקעס, גיכער, פערחאַפּט ערטער, נאָר שאַנעוועט אייך, זייט וואוילע קינדער, וואָרום אָט-אָט רוקט זיך אָן אַ חמאַרע, אָט פערמאַכט מען די „חדרים" סאַמע אונטער אייער נאָז; איהר וועט קלאָפּען, און מען וועט אייך ניט עפענען; איהר וועט שרייען, און מען

וועט אייך ניט הערען; די האָר וועט איהר אויף זיך רייסען און וועט זאָגען: חבל על דאבדין — געוועז אַמאָל יאָהרען, אַי, יאָהרען!

סאַמע אין די דאָזיגע יאָהרען האָט אונזער ר׳ וועלוועל געגאַשט פון דער ציוויליזאַציע אַ סך ביכער און אַ סך פרעמדע ווערטער (ער האָט געוואוסט כמעט דאָס גאַנצע ווערטערבוך אויף אויסוויינינג) און דערביי איז ער געבליבען, און ווען עס זאָל זיך איהם ניט געווען טרעפען דאָס אומגליק מיט׳ן אויג, וואָלט ער ווי אַ סך אַנדערע בחורים אפשר געפאָהרען שטודירען, וואָלט געענדיגט דאָקטאָר אָדער יוריסט און ער וואָלט געווען אפשר אַ מפורסם אין דער וועלט. נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך איהם געטראָפען יענער אומגליק מיט׳ן אויג, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואו ער האָט געהאַלטען, און מחמת ער איז געווען פאָרט אַ מענש פון ביכער און פון פרעמדע ווערטער און אַ הענטעל האָט ער געהאַט אַ שענס, און אַ קעפּעל האָט ער גע-האַט אַ שאַרפס, האָט ער זיך גענומען צו „אַדוואָקאַטור", דורכגעקוקט רעכט דעם נייעם „שלחן-ערוך", אויסגעלערנט דעם גאַנצען „סוואָד זאַקאָנאָוו" אויף אויסוויינינג און אויפגעהאַנגען אַ צעטעל ביי דער טיר:

Повѣренный по дѣламъ

און אויסגעמאָלט אַ טינטער מיט אַ לאַנגער פען — אַ סימן, אַז דאָ שרייבט מען, און דאָס איז געווען הייליג, מחמת רעדען האָט מען דאָ נישט גערעדט, נאָר געשריבען און נאָר געשריבען.

דאָס פּאַפיר, וואָס וועלוועל האָט אָנגעשריבען, איז געווען אַזוי גוט, אַז מען זאָל אויספאָהרען וועלטען, וועט מען בעסער ניט אָנ-שרייבען; אַזוי האָט געזאָגט וועלוועל אַליין און אַזוי האָבען געזאָגט ביי אונז אַלע די, וואָס האָבען אַ שטיקעל ידיעה אינ׳ם ענין פון שרייבען. פאַר זיין שרייבען האָט מען זעהר מורא געהאַט, געציטערט אימת מות, מחמת אַז ער האָט גענומען די פען אין האַנד און האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָט זיך ביי איהם געגאָסען ווי פון אַ פאַס. ער האָט מיט זיין שרייבען אָנגעשפּאַרט אומעטום, וואו איהר ווילט, צום גובערנאַטאָר, צום מיניסטער, און וואו ניט? דערפון קאָנט איהר חלילה מיינען, אַז מיין וועלוועל איז געווען אַ מוסר אָדער אַ יאַבעד-ניק? אסור! פאַרהאַן אַלערליי מוסרים מיט אַלערליי יאַבעדניקעס אויף דער וועלט, און מעהר ווי אומעטום זענען זיי, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פאַרהאַן ביי אונז, ביי יודען, הייסט דאָס: איינער מסר׳ט דעם אַנדערען דערפאַר, וואָס יענער האָט ביי איהם צוגענומען פרנסה, און

איינער מסר'ט דעם אַנדערען צוליעב דעם, ער זאָל ביי יענעם צונע-מען פּרנסה... איינער מסר'ט דעם אַנדערען דערפאַר, וואָס יענעם איז צו גוט, און איינער מסר'ט דעם אַנדערען דערפאַר, וואָס איהם אַליין איז נעבעך ניט גוט... און ווידער איז פאַרהאַן אַזעלכער, וואָס שרייבט אָן אויף יענעם אַ מסירה'לע גלאַט אַזוי, אָהן אַ שום סיבה און אָהן אַ שום טעם, פון היימליכקייט וועגען; ער איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ בעלן אָנקוקען, וואָס וועט זיין דערפון... די דאָזיגע אַלע מינים מוסרים, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט, חתמג'ענען קיינמאָל זייער נאָמען ניט. מען קאָן זיי פערגלייכען צו דעם געוויסען סאָרט „פער-ביסענע" הינד, וואָס פאַלען אָן אויף אייך תמיד פון אונטען, טוען אייך אַ חאַפּ ביי דער ליטקע, לאָזען אייך בלוט אָדער זיי רייסען אָב אַ פּאָלע, פערבייגען דעם עק — און אַ גוטען טאָג.

---

# ד.

ניין, נישט פון דעם מין איז געווען וועלוועל גאַמבעטאַ.

ער איז געווען איין אַדוואָקאַט, און זיין אַדוואָקאַטור האָט ער געפיהרט מיט זיין אייגענער סיסטעם. זיין סיסטעם איז בעשטאַנען אין ציהען, אָבציהען, פערציהען, אָוועקציהען, און וואָס מעהר געצויגען, אָבגעצויגען, פערצויגען און אַוועקגעצויגען, איז אַלץ בע-סער (פאַר איהם געוויינטליך). היינט האָט ער ליעב געהאַט פּאַפּירען אַ סך, אַ פּאַפּיר און נאָך אַ פּאַפּיר, אַ פּאַפּיר אויף אַ פּאַפּיר — אַזוי פיעל פּאַפּירען, אַז איבער די פּאַפּירען האָט מען דעם עסק קיינמאָל ניט אַרויסגעזעהען, נאַר פּאַפּירען.

— וואָס הערט זיך, רב וועלוועל, מיט מיין עסק?

— וואָס זאָל זיך הערען? מען בעדאַרף דערלאַנגען נאָך איין פּאַפּיר, וועט שוין זיין גוט.

— פאַרוואָס-זשע דערלאַנגט איהר ניט דאָס פּאַפּיר?

איך קאָן ניט דערלאַנגען דאָס פּאַפּיר, ביז איך וועל ניט אַרויס-נעמען אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב אַיינגעגעבען די פּאַפּירען.

— פאַרוואָס-זשע נעמט איהר ניט אַרויס דאָס פּאַפּיר?

— אָט דאָס שמועסט מען דאָן, אַז איך בעדאַרף אַיינגעבען אַ

פּאַפּיר, אַז איך וויל אַרויסנעמען אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב איינגעגעבען די פּאַפּירען.

— אַ מעשה אָהן אַיין עק מיט אייך, רב וועלוועל!

— לוינט אייך ניט? טאָ זוכט אייך אַיין אַנדער אַדוואָקאַט, אַ בעסערען פון מיר.

נאָר ס'איז בלאָטע, יענער וועט זיך ניט זוכען קיין אַנדער אַד-וואָקאַט, און וועלוועל וועט ברענגען פּאַפּירען, און ציהען וויפיעל עס וועט זיך לאָזען, וואָרום ער איז פּאָרט דער בעסטער פון אַלע אַדוואָ-קאַטען אין מאַזעפּעווקע. — יאָסעל דער אַדוואָקאַט האָט נאָר אַ צינגעל אַ שאַרפס, אי דאָס ביי זיך אין דער היים; דאָרטען—גאָרניט... מענדעל קראַפּאַון — דאָס איז דאָך אַיין עם-הארץ, אַ ביזי בזיון פאַר'ן סודיאַ, ער שמיצט איהם גאַנץ אָפט די פּראָשעניע אין פּנים אַריין: שטיוועל, זאָגט ער, דאַרף ער פּוצען, ניט קיין פּראָשעניעס שרייבען... סאָלאָ-וויטשיק איז אַפילו יאָ אַ שטיקעל קענער, כלומרשט געענדיגט, זאָגט ער, דריי קלאַסען, איז ער אַ זשוליק, אַ פּראָסטער גנב. אַיין ירחמיאל איז אַ לייטישער מענש, איז ער אָבער אַ גאַנצער פריץ און אַ שוויגער; די וועלט האָט פיינט אַ מענשען, וואָס שווייגט; די וועלט האָט ליעב אַ מענשען, וואָס רעדט, בפרט אַיין אַדוואָקאַט, זאָל זיך לאָזען רעדען. וואָס דאַרפט איהר אַיין אַדוואָקאַט — אפילו אַ דאָקטאָר, דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס געהער זיך אָן צונג מיט אַ דאָקטאָר? פונדעסטוועגען איז אויך איינגענעהמען, אַז ער לאָזט זיך רעדען. אָט איז פאַרהאַן ביי אונז וויפיעל דאָקטוירים, האָט קיינער ניט אַזוי פיעל פּראַקטיקע, ווי דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט, וואָרום דער שוואַרצער דאָקטאָר, אַז ער קומט צום חולה, פרעגט ער ביי איהם אויס ניט נאָר, וואָס ער האָט געכטען געגעסען, נאָר איטליכס ברעקעל טאַפּט ער ביי איהם אויס: פון וואַנען ער איז, און וויפיעל ער איז אַלט, און צי איז ער אַ בעווייבטער, און וויפיעל קינדער האָט ער, יונגלעך צי מיידלעך, און וואָס צאָהלט ער דירה-געלד, און פאַרוואָס ברענט די לאָמפּ אַזוי פינסטער, און למאי האָט דאָס קליינע קינד אַזאַ גרויסען פּופּיק, — זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, ס'איז אַ מחיה! אַזאַ דאָקטאָר, אַז ער קומט צו געהן, ווערט ליכטיג אין שטוב און פריילוך אויפ'ן האַרצען, דער חולה אַליין פיהלט זיך אַ סך בעסער ווי פון דעם בעסטען רעצעפּט; וואָס דאַרף ער אַ רעצעפּט, זאָגט ער, אַז דער דאָקטאָר איז מיר אַליין אַ רעצעפּט? פונקט דער היפך פון יענעם דאָקטאָר אין יעהופּעץ, וואָס

איך בין געווען ביי איהם, ניט היינט געדאַכט, מיט מיין ווייב זאָל לע-בען. מיין חיה-עטעל, דאַרפט איהר וויסען, איז אַזוי אויך געגוג נער-וועז, היינט שטעלט אייך פאָר, אַז דער חכם הייסט זיך בעווייזען די צונג און טוט אַ מאַך מיט דער נאָז, טוט אַ טאָפּ דעם דופק און אַ מאַך מיט דער נאָז, זיצט די גאַנצע צייט ווי אַ חתן — ער זאָל דאָס אַרויס-לאָזען אַ וואָרט, און פּלוצים פערגלוסט זיך איהם אַ פרעג טון ביי איהר:

— וואוהין רעכענט איהר פאָהרען אויפ'ן זומער?...

מיין חיה-עטעל האָט מעהר נישט בעדאַרפט; זי איז געוואָרען אויס מענש און האָט מיך אָנגעהויבען צו טרייבען, מיר זאָלען שוין פאָהרען וואָס גיכער קיין אויסלאַנד — אין די „וואַרעמבעדער", און אַז איך האָב זי אַ פרעג געטאָן, וואָס איז אַזוי דאָס גיכקייט? איז זי אויף מיר אָנ-געפאַלען און געזאָגט, אַז זי זעהט שוין לאַנג, אַז איהר לעבען איז ביי מיר ווערט אַ דרייער, אַז איך וויל, אַז זי זאָל חלילה שטאַרבען, און נאָך כּדומה אַזעלכע ווערטער האָט זי מיר געזאָגט, ווי דער שטיי-גער איז פון אַ ווייב, אַז זי וויל דערגעהן דעם מאַן די יאָהר — און אַלץ איבער איהם, איבערן דאָקטאָר פון יעהופּעץ... נאָר שאַט! איך האָב אָנגעהויבען פון אַדוואָקאַטען און בין אַרויף אויף דאָקטוירים. לאָ-מיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער אַדוואָקאַט וועלוועל גאַמבעטאַ.

---

## ה.

נאָך איין זאַך איז געווען אין וועלוועל'ס סיסטעם—עדות. צו יע-דען ענין איז ביי איהם געווען עדות און עדות אויף עדות. אינ'ם שכל פון עדות האָבען געשטעקט צוויי זאַכען: ערשטענס האָט מען צוליעב די עדות געקאָנט ציהען, אָבציהען, פערציהען און אַוועקציהען וויפיעל ער האָט אַליין געוואָלט, ווארום צווישען אַ סך עדות מוז זיך מאַכען, אַז איינער ווערט ניט געזונד, איינער פאָהרט אַוועק און איינער האָט גלאַט פערגעסען, אַז מע רופט איהם אַרויס פאַר איין עדות. און צוויי-טענס האָט ער מיט די עדות גופא געפיהרט אַ פּאָליטיקע, אַ משונה-מאָדנע פּאָליטיקע, וועלוועלס פּאָליטיקע.

נאָר דאָ מוז איך אָבטרעטען אויף אַ ווייילע פון די עדות און אויסזאָגען אַ סוד (צווישען אונז וועט דאָך עס מסתמא בלייבען?), אַז אונזער וועלוועל האָט צום מיינסטען געפיהרט עסקים פון ביידע צדדים,

דאָס הייסט, ער האָט בעוויזען אַ קונץ, אַז ער האָט געקאָנט זיין אין איין צייט אַדוואָקאַט פון ביידע צדדים. סע פערשטעהט זיך, אַז איינער פונ׳ם אַנדערען האָט נישט געטאָרט וויסען, און איטליכער צד האָט גע-רעכענט, אַז וועלוועל — דאָס איז זיין צד.

איהר ווילט וויסען, ווי אַזוי ער האָט דאָס געטאָן? גאַנץ פשוט! שטעלט אַייך פאָר: איהר זענט געקומען צו וועלוועלען מיט אַ בקשה, ער זאָל אייַנגעבען אויף מיר אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב אַייך דאָס און דאָס. האָט ער אַייך קודם כל צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך גאָט ווייס וואָס, סיבּיר אַליין איז אַ הונד קעגען דעם, וואָס מיר קומט דערפאַר! און בשעת-מעשה פייערט ער אויף מיר מיט סכנות נפשות, סטייטש, סטייטש, איך זאָל אַזעלכעס טון! ער זאָל זיך, זאָגט ער, זעהן מיט מיר, וואָלט ער מיר געזאָגט אַזוי און אַזוי!

— איך מוז זיך, זאָגט ער, זעהען מיט איהם, איך וועל איהם, זאָגט ער, אומיסטען שיקען רופען, דעם דאָזיגען פאָדליעץ!...

אַזוי זאָגט אַייך וועלוועל און שיקט מיך רופען און מאַכט צו מיר אַזוי:

— וואָס זאָגט איהר אויף דעם שייגעץ? (ניט איך, וועלוועל זאָגט דאָס): לא די ער האָט אַייך אַזוי געזידעלט, וויל ער נאָך אויף אַייך אַיינגעבען אַ פּאַפּיר! ער איז ביי מיר געוועזן, האָב איך איהם מסתמא גע-זאָגט, אַז איהר זענט גערעכט, ניט ער. וואָס-זשע דען? איהר קענט דאָך מיך, אַז איך בין נישט קיין מענש פון חניפה, און נעמען אויף זיך פיהרען אַייך דעם דאָזיגען עסק וועל איך אויך ניט...

שלאָג איך איהם מסתמא איבער און פרעג ביי איהם:

— פאַרוואָס?

ענטפערט ער מיר:

— איך וויל ניט, קוים איז יענער געוועזן ביי מיר, פּאַסט מיר ניט.

הויב איך דאָך איהם אָן אַיינרעדען:

— מילא וואָס יענער איז געוועזן; למאי אָט בין איך אויך?

הקצור, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז איך רעד איהם איבער און און ער נעמט אָן דאָס עסק און ווערט מיין אַדוואָקאַט.

נאָכדעם הויבט זיך אָן — אַ חתונה מיט די עדות. ער אַליין שטעלט צונויף די עדות פון ביידע צדדים און פיהרט דאָס געשעפט פון איינעם צום אַנדערען אַזוי קונציג, אַזוי בריה׳ש, אַז די עדות צווישען זיך מוזען

סוף-כל-סוף זיך צוקריעגען, אויסזידלען איינס דאָס אַנדערע גאַנץ בעל-
הבתיש, און פֿאַרוואָס זאָל מען זיך טאַקי ניט פּאַטשען אויך? אָט דעמאָלט
האָט ער ערשט וואָס צו טון — אַ פֿרישע פּראַקטיקע. די צוקריעגטע און
צופּאַטשטע עדות האָבּען דאָך געוויינטליך זייערע עדות, וואָס זענען גע-
ווען בשעת פּאַטשען זיך, און וויבאַלד זיי קומען זיך צונויף צו וועל-
וועל „סוואָד-זאַקאָן", מוזען זיי זיך סוף-כל-סוף צוקריעגען זיך, אויסזידלען
איינס דאָס אַנדערע און צופּאַטשען זיך — ווידער אַ פּראַקטיקע פֿאַר וועלוועלען.

---

## ו.

איין חסרון האָט געהאַט וועלוועל גאַמבעטאַ (איהר האָט אַמאָל גע-
זעהען אַ מענשען אָהן אַ חסרון?): ער האָט נישט געקאָנט הויזען מיט קיין
ווייב. אַ ווייב האָט מיט איהם מעהר נישט געקענט אָבזיין ווי אַ יאָהר,
העכסטענס אָנדערהאַלבען.

דערפֿון איז צו פֿערשטעהן, אַז וועלוועל האָט געהאַט ניט איינע,
נאָר עטליכע ווייבער. איהר מיינט עטליכע מיט אַמאָל? חס-וחלילה!
אַזוי ווייט „קולטורנע" איז מאַזעפּעווקע נאָך ניט, אַז אַ יוד זאָל זיך
דאָרט פֿערגינען האָבען, ווי כּדומה אין לייטישע שטעדט, וואו יודען
טוען נאָך אַנדערע און האָבען אַ ווייב, און נאָך אַ ווייב, און נאָך אַ
ווייב; מאַזעפּעווקער יודען דאַנקען גאָט, אַז זיי קענען אויסהאַלטען איין
ווייב. זיי זאָגען, אַז איין ווייב קען אויך מאַכען גרוי און אַלט, אויב
זי האָט אַ שענעם גוסט און איז בעקאַנט מיט'ן שניידער און מיט דער
מאָדיסטקע; און ווער שמועסט, אַז זי מיינט, אַז זי קאָן אַ ביסעל „צימבּ-
לען אויפ'ן טאָפּשטאַן", געלייענט אויף איהר לעבען נאָר איין ביכעל און
געווען צוויי-דריי מאָל אין טעאַטער און קאָן שפּיעלען „סטוקעלקע" און
אין „טערטעל-מערטעל", דעמאָלט איז שוין אַז אָך און אַז וועה דעם
מאַן! ער מוז שוין אין זינען האָבען ווינטער אַ זשורפּיקס חאָטש איינ-
מאָל אין וואָך, און זומער אַ דאַטשע, און דעם זוהן אין גימנאַזיע,
און דער טאָכטער אַ סטודענט, — הקצור, ס'איז אַ רחמנות אויפ'ן מאַן, אַ
צער-בעלי-חיים, מיר קענען איהם גאָרנישט העלפען, סיידען מיט אַ
קרעכץ... און לאָמיר זיך אָקאָרשט אומקעהרען צוריק צו אונזער וועלוו-
לען מיט זיינע ווייבער.

דאָס ערשטע ווייב זיינס איז געווען טאַקי אַ אונזעריגע, פֿון מאַ-

זעפּעווקע, הייסט דאָס, יאָסי דעם לעכטציהערס אַ טאָכטער, אַ מיידעל גלייך מיט אַלע מיידלעך, אַ בעל-הבתיש קינד. מענשען האָבען שטאַרק מקנא געווען יאָסין אויפ'ן שידוך: מיט אַזוי וויינציג נדן נעמען אַ חתן אַ „קענער", דעם „סוואָד-זאַקאָן" אַליין! צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז יאָסעס טאָכטער האָט באַלד גאָך דער חתונה אָנגעהויבען זאָגען, אַז זי וויל מיט איהם ניט „לאַכען". פאַרוואָס? זי האָט מורא!... וואָס האָט זי מורא? זי האָט מורא, ער זאָל ניט אויסלאָדען די קלייטען. וואָסערע קלייטען? וועמענס קלייטען? און וואָס געהער זיך דאָ אָן מיט איהר? נאָר געה טענה מיט אַ נקבה! זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין „קלייטען" — חאָטש בראָק זי ווי לאָקשען, זי וויל איהם ניט קענען!

סע פערשטעהט זיך, אַז מאַזעפּעווקע האָט זיך ניט בענוגענט מיט אַזאַ תירוץ; וואָס מיר קלייטען? ווער מיר קלייטען? דאָ קעהר זיין אַנ'אַנדער סוד, מסתמא אַזאַ מין זאַך, וואָס פּאַסט ניט אויסצוזאָגען... און עס האָבען אָנגעהויבען געהן אין שטאָדט מעשיות מיט מעשיות מיט מעשיות! און די מעשיות, וואָס מע האָט דערצעהלט, האָט מען דערצעהלט אייגער דעם אַנדערען בסוד, אין אויער אַריין, און בשעת-מעשה האָט מען זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז נישטאָ קיין ווייבער דערביי און מע האָט זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף אַייך? — זאָגען די ווייבער, — דערצעהלט אונז, לאָמיר אויך לאַכען.

די דאָזיגע ווערטער רופען אַרויס ביי די מאַנסביילען נאָך אַ גרעסערען געלעכטער. דעמאָלט ווערען די ווייבער שוין אַ ביסעל ברוגז און הויבען אָן מיט כעס:

— זעה-נאָר, ווי דער נאַר שטופּט זיי! זאָגט שוין אויס, וואָס איז דאָס פאַר אַ וויסטער געלעכטער אויף אַייך?

אָט דעמאָלט הויבען די מאַנסביילען ערשט אָן צו לאַכען, האַלטען זיך ביי די בייכער, ממש מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער!

---

## ז.

בקצור, וועלוועל גאַמבעטאַ האָט זיך אָבגע'גט מיט יאָסיס טאָכטער (ברײנדעל האָט זי געהייסען, זי האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און איצט איז זי אין אַמעריקע) און איז לאַנג קיין אלמן

נישט געזעסען און האָט געבראַכט צו פיהרען אַ ווייב פון אַ קליין שטעדטעל, אויך אַ מיידעל, אָבגעלעבט מיט איהר אַקעגען אַ יאָהר און האָט זיך שטילערהייד מיט איהר אָבגעג׳גט און איז אַוועקגעפאָהרען קיין בערדיטשעוו און האָט געבראַכט צו פיהרען פון דאָרטען אַ גאַנצע „מאַדאַם מיט אַ הוט״, געמאַכט מיט איהר וויזיטען, איינגעפיהרט ביי זיך אַ שטוב מיט מעבעל, מיט זשורפיקסען, מיט יונגעלייט, וואָס שפּיעלען אין „סטוקלקע״ און אין „טערטעל-מערטעל״; עס האָט אָבער ניט געהאָלפען ניט די שטוב, ניט דאָס מעבעל, ניט די „סטוקעלטע״ מיט׳ן „טערטעל-מערטעל״, — אין אַ שענעם פריהמאָרגען זענען זיי אַוועק-געגאַנגען צום רב און מע האָט געשריבען אַ גט, און די „דאַמע מיט דער הוט״ איז אַוועק צוריק קיין בערדיטשעוו.

אַז וועלוועל גאַמבעטאַ איז נאָך דער מעשה אַוועקגעפאָהרען חתונה האָבען נאָכאַמאָל — האָבען איהם די מאַזעפּעווקער לצים, די וואָס האָבען ליעב חוזק מאַכען פון דער גאַנצער וועלט, איהם געגע-בען איין עצה, וואָס דאַרף ער פאָהרען חתונה האָבען, ברענגען דאָס ווייב און נאָכדעם גט׳ן זיך? אַמעהר לאָז ער דאָרטען מאַכען אויפ׳ן אָרט אַ חתונה מיט אַ גט אינאיינעם.

דערויף האָט זיי וועלוועל געענטפערט, אַז אַזעלכע חכמים ווי זיי איז טאַקע זעהר ווינציג אויף דער וועלט, ס׳איז איהם נאָר אַ חדוש, וואָס זיי געהען אָהן שטיוועל... און נאָך כּדומה אַזעלכע שטעכ-ווערטער האָט ער זיי אַריינגעזעצט, אַז זיי האָבען נישט געוואוסט, ווי אַזוי אַוועקצוגעהן פון איהם, — און אַליין איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין וואַרשא און געבראַכט פון דאָרטען עפּעס אַ מין שלאַק מיט אַריינגע-שטעלטע צייהן און מיט אַ מאָדנעם שלייער אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ מין משונה מאָדנע לשון, וואָס אין מאַזעפּעווקע האָט מען אַזעלכס נאָך נישט געהערט קיינמאָל. דהיינו?

ערשטענס האָט זי גערעדט גיך. שייך זאָגען גיך! איידער זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע וואָרט, זענען שוין פינף-זעקס ווער-טער געפלויגען אויף צופריהער, איינס איבער דאָס אַנדערע, מורא געהאַט, מע זאָל חלילה ניט פערשפעטיגען, און איידער זיי זענען אַרויסגעפלויגען פונ׳ם מויל, זענען שוין געשטאַנען גרייט צעהן אַנדע-רע ווערטער אויף אַרויסצופליהען.

דאָס איז נומער איינס. והשנית האָט זי גערעדט מיט אַ קוויטש און מיט אַ נגון, ווי פון „אקדמות״, אויסגעמישט מיט „כּגוונא״ און

אויסגעלאָגט אַלעמאָל מיט אַײן „אַי-װײ״ און מיט אַ לאַנגען „ני ז״ און מיט אַ געלעכטער פון אַ פּאַװע בעװיזען בשעת-מעשה די אַרײנגעשטעלטע צײהן און געטרײסעלט מיט׳ן שלײער, האָט דאָס טאַקי געהאַט דעם זיבעטען חן. אויף חדושים איז מען געגאַנגען קוקען אין מאַזעפּעװקע אויף דער װאַרשעװער „יפהפיה״ מיט די אַרײנגעשטעלטע צײהן און האָרכען, װי זי גראַגערט און װי זי קװיטשעט און װי זי זינגט, און זיך האַלטען ביי די זײטען פאַר געלעכטער. מע דאַרף נישט קײן טעאַטער, האָבען זיי געזאָגט... אַײן עבירה, כ׳לעבען, װאָס זי האָט זיך אין מאַזעפּעװקע לאַנג נישט געהאַלטען, סך הכל אײן זומער; װאָרום ס׳איז געקומען אַרום יום-טובים-צײט, האָט ער זיך מיט איהר געט׳גט, און זי איז אַװעקגעפאָהרען צוריק קײן װאַרשא — און פון דעמאָלט אָן האָט שוין װעלװעל גאַמבעטאַ מעהר נישט חתונה געהאַט און איז פערבליבען אַײן אלמן עד היום הזה.

אפשר װײסט איהר פון זײנעטװעגען אַ שידוך?

## בוכהאנדלונג „צענטראל"

ווילנא — ווארשא — ניו־יארק

### יודישע לעהר־ביכער

---

די
## פאלקס־שפראך:
א עלעמענטאר לעהר־בוך פיר אנפענגער.

מיט אילוסטראציעס און צייכנונגען אין טעקסט, פון י. קלעפפיש.

פרייז 25 קאפ.

---

## די פאלקס־שול
א עלעמענטאר אילוסטרירט לעהר־בוך פיר אנפענגער.

פון

מ. בירענבוים און מ. טייטש.

מיט א קורצען בריעף־לעהרער, ווי אויך קאליגראפישע איבונגען.

פרייז 30 קאפ.

---

# די מוטער־שפראך
א מעטאדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראמאטיקאלישע כללים און אילוסטראציעס אין טעקסט.

ביינעלעגט אלע העבראישע ווערטער, וואס געהען אריין אין דער יודישער שפראך.

צוזאמענגעשטעלט פון ז. און א. רייזין.

פרייז 35 קאפ.

---

די
## נייע יודישע שול
א לעזע־בוך פיר קינדער (נאכ'ן אלף־בית).

צוזאמענגעשטעלט לויט די נייסטע קוועלען מיט לייכטען לעזע־שטאף פון תלמוד, מדרש, פון דער יודישער און פרעמדע ליטעראטורען, אלץ לויט דעם בעגריף פון קינדער. מיט בילדער אין טעקסט.

פון אברהם רייזין.

פרייז 30 קאפ.

---

## יודישער אלף בית
א סיסטעמאטישער אלף־בית צו לערנען יודיש, פיר אנפענגער.

מיט בילדער און מיט א קורצער מעטאדישער ערקלערונג, ווי צו לערנען מיט שילער לויט דעם קלאנגען־סיסטעם פון פ. האלפערין.

פרייז 30 קאפ.

---

Книжный магазинъ „ЦЕНТРАЛЪ" Варшава — Вильно — Нью-Іоркъ. —

שלום עליכם.

# אײנער פון טויזענד.

פערלאג
פאמיליען-ביבליאטעק.

פערקויף:
געז. „צענטראל״, ווארשא.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז ער...

איינגאַנצען ער מיט די ביינער! אַ ביסעל אַיין אויסגעבויגענע נאָז, קאַרע, גוטע, תמיד לאַכענדיגע אויגען, איין צאָהן ביי איהם אַ ביסעל אַ קרומער, אַיין איבערגעוואַקסענער; אַז ער הויבט אָן לאַכען, בעוויזט זיך אַרויס דער קרומער צאָהן.

נאָר די האָר — אַמאָל זענען זיי געווען געלבליכע, גילדענע האָר; היינט זענען זיי פערזילבערט געוואָרען און גלאַנצען אַקעגען דער זון און גיסען זיך אויס אין צוויי פאַרבען: גאָלד און זילבער.

שוין ניט קיין יונגערמאַן אַפנים, האָטש ער דאַרף זיין אין מיי-נע יאָהרען.

נאָר די משמעות, אַז איך בין אויך ניט שוין קיין יונגערמאַן, אַריבער פערציג...

זאָל איך צוגעהן צו איהם? עפּיס איז ער מיר זעהר עלעגאַנט געקליידעט, אַ ווייסע קאַמזויל אויפ׳ן בייכעל מיט אַ מאַסיווע גאָלדענע קייט, אַ שניפּס אַ גרויסאַרטיגער, און ווערדליג איך האָב געהערט פון איהם, איז ער היינט גאָר „בגלופין”, אין די פעדערן, זאָגט מען, קנאַקט און טראַסקעט, פאָהרט אין קאַרעטעס, קעהרט וועלטען!

האָב איך מורא, טאָמער מיינט ער, אַז איך מיין עפּיס.

און איך בין, דאַרפט איהר וויסען, ביי זיך פון תמיד אָן גדול׳דיג, אַ ביסעל אַ גדלן.

נישט קיין בעל-גאוה, הייסט דאָס, נאָר אַ גדלן.

אַ גדלן האָט אָבער פיינט די וועלט, דאָס הייסט, ניט ער האָט פיינט די וועלט, נאָר די וועלט — איהם, ובפרט אַז ער איז דערצו נאָך איין אָרעמאַן...

און איך בין זיך מודה — אָרעם, זאָגט מען, איז ניט קיין שאַנדע — איך בין, לא-עליכם, נישט קיין גביר, ווייט, גאַנץ ווייט פון אַ נגיד! איך בין, פערשטעהט איהר מיך, פון יענע רייכע פערשוי׳לטע בעפוצטע אָרעמעלייט, וואָס פערשטעלען דעם דלות אין שטוב מיט אַ שפּיגעל און אַ פּאָרטעפּיאַן און איין גאַס מיט איין אויסגעפּוצטען ראָק און מיט אַ נייעם קאַפּעליש, נאָר אַז מע קוקט זיך גוט צו, זעהט מען, ווי דער דלות פּייפּט אין אַלע ווינקעלעך און אין קעשענע ערב-פּסח׳דיג...

מיט איינעם וואָרט, ס׳איז מיר נישט אין בעסטען; פון אַ צייט, אַז עס האָט מיר אויפגעהערט צו פידלען. איך האָב שוין איבערגעטאָן כל עבודת-פּרך, איבערגעדיענט אַלע עבודה-זרה׳ס, עס געהט מיר נישט, חאָטש צורייס זיך. עס געהט מיר ניט אַזוי שטאַרק, אַז איך בין זיך שוין אַליין נמאס געוואָרען; יענעם שמועסט מען ניט!

עס קאָן זיין, אַז יענער קלערט גאָר ניט וועגען מיר, האָט מיך איך זינען אין דער לינקער פּאה, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איטליכער, ווער עס דערזעהט מיך, טראַכט זיך: „אָט אַ שלים-מזל! ער קעהר אַודאי וועלען בעטען אַ גמילת-חסד? איך וועל איהם ניט געבען!"

און איך וועל שוין ביי איהם ניט בעטען, איך זאָל וויסען, דער טויט זאָל מיר זיין, און טאָמער האָב איך אַפילו יאָ אין זינען געהאַט רעדען מיט איהר מכּח אַ גמילת-חסד, וועל איך איהם שוין מכּות זאָגען אַ וואָרט!

— וואָס מאַכט איהר? — פרעגט ער מיך, און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין.

— וואָס זאָל איך מאַכען? — זאָג איך און קוק איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

— אָבער ווי געהטס? נישקשה?

— נישקשה.

— נו, דאַנקען גאָט, — זאָגט ער און קוועטשט מיר די האַנד.

— אויף אייך געזאָגט געוואָרען! — טראַכט איך מיר און קוועטש איהם די האַנד.

און אַזוי צוגעהען מיר זיך.

נישט אַזוי האָט געקוקט אויף מיר ער, דער, וואָס איך דערצעהל אייך פון איהם, בשעת מיר האָבען זיך בעגעגענט אין אָדעס אויפ׳ן בולוואַר. זיין קוקען איז געווען גאָר איין אַנדער מין קוקען, איך האָב איהם געלייענט אין זיינע גוטע, קאַרע, שמייכלענדיגע אויגען.

ער האָט מיך צוגעצויגען צו זיך מיט זיינע גוטע, קאַרע, שמייכלענדיגע אויגען, און איך האָב מיך אויפגעהויבען און לאָז מיך גלייך צו איהם.

ער ציהט מיר אויס די האַנד פון ווייטען, עפענט אויף דאָס מויל אויף צו לאַכען — און עס זעהט זיך אַרויס זיין קרומער איבער-געוואַקסענער צאָהן.

— אַ!?...

— אַ!?...

מיר שטעהען איינס אַקעגען אַנדערען און האַלטען זיך ביי די הענד, און איך בין זיך מודה, פון זינט עס געהט מיר נישט גוט, האָב איך פיינט אַנגיד, איך האָב פיינט זעטע, געזונטע, פריילינע פיסקעס, איך קאָן נישט אָנקוקען אַפּנים, וואָס איז צופרידען מיט זיך אַליין און מיט דער גאַנצער וועלט! נאָר זיער דאָזיגער חברה-מאַן בייגט זיך צו צו מיר עפּעס זעהר פריינדליך און מיר צוקושען זיך.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי זאָל איך מיך צו איהם ווענדען? זאָגען איהם „דו"?—וואַרפט זיך דורך זילבער אין זיינע גאָלדענע האָר; זאָגען איהם „איהר"? — האָבען מיר געלערנט אין איין חדר אַזוי פיעל יאָהר אינאיינעם!

דאָס אייגענע אַפּנים איז פאָרגעקומען ביי איהם אויך, וואָרום אַז מיר האָבען זיך צורעדט, האָבען מיר גענומען רעדען „בלשון נסתר", דאָס הייסט אין דער גאַנצער צייט האָבען מיר זיך אַזוי גע-קליגט, אַז מיר האָבען זיך בעגאַנגען אָהן „דו" און אָהן „איהר".

ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? אָט וועט איהר הערען.

ער: איך שטעה און קוק און קוק, דאַכט זיך יאָ און דאַכט זיך ניין? וואָס-זשע מאַכט מען?

איך: און איך שטעה און טראַכט די גאַנצע צייט: אָט דאָס זאָל זיין טאַקי ער? דאַכט זיך ער און דאַכט זיך ניט ער. וואָס-זשע הערט זיך? פון וואַנען קומט מען אָן?

ער: פון וואַנען? איך בין דאָך אַ היגער טאַקי, איין אַדעסער שוין פון וויפיעל יאָהר!

איך: און איך בין ערשט ניט לאַנג אַ היגער. געקומען אַהער צו פאָהרען זוכען אַ געשעפט.

ער: אַ געשעפט? אַ געשעפט דאַרף מען זוכען? ביי מיר איז פערקעהרט: ביי מיר איז שוין צו-פיעל געשעפטען; הלואי וואָלט איך

געהאַט אַזוי פיעל מענשען. שלעכט אָהן מענשען, שלעכט! וואָס מיך קאָסט אָב אַ יאָהר מענשען! (אַ בעריהמער! טראַכט איך מיר). איך האָב נישט קיין גליק צו מענשען! וויפיעל מאָל איך טראַכט מיר: ווען איך האָב חאָטש איין געטרייען מענשען, וואָס מע קאָן זיך אויף איהם פערלאָזען, וואָלט איך געלעבט, דאַכט מיר, מעהר מיט צעהן יאָהר. וואָס זאָג איך מיט צעהן? מיט צוואַנציג יאָהר! איך האָב שוין גע-פרובט האַלטען אַלערליי מענשען — אי ביליגע, אי טייערע, אי גאָר טייערע — אַלץ איינס, נישטאָ קיין געטרייע מענשען! (אָט דאָ, טראַכט איך מיר, וועט ער זיך מסתמא צולאָזען, ווי אַזוי ער מאַכט גליק-ליך מענשען און ווי אַזוי זיי עקספּלואַטירען איהם — איך קען זיי שוין, די דאָזיגע פילאַנטראָפּען! נאָר איך שלאָג איהם ניט איבער און לאָז איהם רעדען ווייטער): איך האָב געהאַט אַמאָל אַזוי פיעל חברים, ווען איינער קומט צו מיר צוגעהן און וויל מיר זיין צו הילף, וואָלט איך דאָך איהם אָבגילטען פון קאָפּ ביז פיס (אַ רעכטער ליגנער! — טראַכט איך מיר) — און ווי אויף צו-להכעיס בעגעגען איך ניט קיינעם פון מיינע לייט. איך קאָן זאָגען, אַז דאָס איז מיין ערשט בעגעגע-ניש פון זינט איך בין אַ היגער. דאַכט זיך, מיר זענען געווען אַמאָל גאַנץ נאָהענטע חברים, האַ?

**איך:** חברים? אַלץ הייסט חברים! אינאייגעם געלערנט, אינ-איינעם קעסט געגעסען ביי איין רבין, אינאיינעם געשלאָפען.

**ער:** איך געדענק אפילו ביי וואָסער רבין, ביים רבין זרח אויפ׳ן אויוען ווינטער אין די גרויסע פרעסט.

**איך:** און זומער אין דרויסען אויף דער הוילער ערד.

**ער:** ווי די חזירים אין בלאָטע, מיט אַלע זשאַבעס.

**איך:** און צום שכן טביה אין די פענסטער ווער האָט געוואָר-פען שטיינדלעך און איבערגעשראָקען די גאַנצע שטוב מענשען אויף טויט?

**ער:** און ביי דער פיראָנדיטשקע די עפּעל פונ׳ם קאָשיק ווער האָט גע׳לקח׳ענט מיט אַ שטעקעל, אונטען אַ צוואָק צוגעשלאָגען?

**איך:** און די קאַוועגע הושענא רבה פונ׳ם וואָגען ביי גדליה דעם אַלטען?

און אַזוי ווייטער.

צורעדט זיך פון אַמאָליגע גליקליכע, נאַרישע, נאָר גליקליכע קינדער-יאָהרען, קאָנען מיר שוין אַזוי גיך ניט אויפהערען; עס שיט

זיך ביי אונז ווי פון אַ זאַק; עס גיסט זיך ביי אונז ווי פון אַ פאַס; עס לאָזט זיך גאָר ניט אויס קיין שטאָף — ביז מיר קומען אַרויף צו ביסלעך אויף אונזער איצטיגען מעמד, און מיר ווערען געוואָהר איינס פונ׳ם אַנדערען אַ סך גוטס און אַ סך שלעכטס, אַ סך פריילכס און אַ סך טרויעריגס; אייניגע פון אונז געהט דאָס גוט, מיט הצלחה, דעם אַנדערען געהט דאָס שלעכט, שלים-שלים-מזל; איינער פון אונז איז אַ גביר, אַיין אדיר, דער אַנדערער אַ רעכטער כתריאל. איינער האַלט קינדער אין בעסטער ערציהונג, די עלטערע טאָכטער אויסגעגעבען גליקליך, די זיהן אַלע אין גימנאַזיע; דער אַנדערער מוטשעט זיך מיט זיינע קינדער, ווי אויפ׳ן טויט, די עלטערע טאָכטער זוכט שטונ-דען און קאָן ניט געפינען, און דעם זוהן אין גימנאַזיע קאָן ער נישט אַיינגעבען, מע דאַרף האָבען פראָטעקציעס, עס דאַרף קאָסטען געלד... איינער האָט זיך זיין אייגען הויז אין אָדעס — און נאָך וואָס פאַר אַ הויז — מיט אַ גאָרטען אַיין אייגענעם, מיט אַלע אַנטיקען, אַ גן-עדן! דער אַנדערער איז שוין פון היבשע עטליכע יאָהר נע-ונד, פון איין דירה אין דער אַנדערער. ערשט ניט לאַנג האָט מען איהם „אָבגעשרי-בען״ פון קאָפּ ביז פיס, פערקויפט די בעבעכעס און אַרויסגעוואָרפען מיט בזיונות אויף דער גאַס. — און ס׳איז ביי איהם געבליבען, וואָס ס׳וועט זיין — וועט זיין, אַרויספאָהרען, אַריבערפאָהרען אין אַיין אַנדער שטאָדט. מע זאָגט, ס׳איז אַ סגולה: משנה מקום משנה מזל.

איך האָב נאָך פאַר קיינעם אַזוי אָפּענטליך ניט אַרויסגערעדט זיך דאָס האַרץ ווי אַציינד פאַר מיין חבר, און קיינער האָט מיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט אויסגעהערט געשמאַק ביז׳ן סוף מיט אַזאַ גוט-פריינדשאַפט; איך האָב דערפיהלט ווי אַ שטיין פון האַרצען, צעהן פוד משא איז פון מיר אַראָב. און איך האָב דערזעהען, ווי זיינע גו-טע, קאַרע, שמייכלענדיגע אויגען זענען ווי בענעצט, דאָס פנים ערנסט, ער לייגט אַרויף אויף מיר די האַנד און מאַכט צו מיר:

— נו, אַיין עק! פון היינט אָן און ווייטער וועט דאָס בעסער געהן. אמת, אמת. משנה מקום משנה מזל. איך ווייס עס פון זיך זעלבער; ס׳איז מיר אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, אויך געווען נישט גוט! אַציינד וועלען מיר שוין זיצען אינאַיינעם.

— וואָס הייסט, זאָג איך, אינאַיינעם?

— אינאַיינעם וואָס הייסט? זאָגט ער צו מיר מיט אַ נגון, און זיינע גוטע, קאַרע אויגען לאַכען. — אינאַיינעם הייסט, אַז איינער האָט

געשעפטען, און דאַרף האָבען אַ הילף ווי אין לעבען אַריין, און זוכט אַ מענשען איין אָרענטליכען, אַ געטרייען, וואָס וויפיעל ער זאָל ניט קאָסטען, איז ער ווערט צוויי מאָל אַזוי פיעל, און גאָט העלפט איהם — ער בעגעגענט זיך מיט זיינעם אַ חבר, וואָס האָט זיך מיט איהם אַזאַ צייט נישט געזעהען, און ווערט געוואָהר, אַז דעם חבר איז נעבען נישט גוט די צייט און זוכט אַ געשעפט, הייסט דאָך עס, אַז זיי דאַרפען האָבען איינס דאָס אַנדערע, — היינט וואָס קאָן נאָך זיין גלייכער דערפון?

און בכדי עס זאָל מיר אַפּנים ניט זיין קשה, וואָס ער לייגט מיר פאַר אַזאַ גליק, חאַפּט ער אַרויס דעם טייסטער, עפענט איהם אויף און וויל מיר ווייזען אַ דעפּעש, וואָס מע רופט איהם אַרויס אויף עטליכע טעג און ער קאָן ניט פאַהרען בשום אופן ניט! נאָר מיינע אויגען קוקען ניט אויפ'ן דעפּעש, מיינע אויגען פאַלען אויפ'ן פּעקעל אַסיגנאַציעס וואָס אין טייסטער. אַ היבש פּעקעל אַסיגנאַציעס, גרויע הונדערטערס און פיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס, און מיינע אויגען, אַפּנים ברענען, און זיינע אויגען בעגעגענען זיך מיט מיינע אויגען און ער שטויסט זיך אַפּנים, וואָס איך קוק, און ער רופט זיך אָן אַלץ מיט דעמזעלבען נגון:

— דאָס געשעפט, דאַנקען גאָט, קאָן טראָגען אויף אַלעס, און אַ נייער מענש, אַז ער קומט אָן אין געשעפט אַריין, בעדאַרף ער מסתמא האָבען אַ ביסעל געלד, און געלד איז דאָך ברוך השם פאַרהאַן גענוג, פאַרוואָס-זשע זאָל ער ניט נעמען, וויפיעל ער דאַרף? וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו שעמען זיך? מע פערשטעהט גאַנץ גוט, וואָס הייסט אַריבערטראָגען זיך אין אַ ניי אָרט מיט קיין עין-הרע קינדער... איך ווייס עס פון זיך זעלבער; איך בין אַליין אויך געווען אַמאָל ניט אין קיין בעסערער לאַגע; איך האָב אַמאָל אַליין אויך געשמייכעלט צו-נ'אַ דריידעל, אויך געבוג אויסגעריסען געוואָרען, פערשוואַרצט געוואָרען — אוי, פערשוואַרצט געוואָרען!

און מיין חבר זעצט זיך אַנידער מיט מיר בעזונדער אויף אַ באַנק און דערצעהלט מיר אויס איינגאַנצען די ביאָגראַפיע זיינע אין קורצען, אַ מערקווירדיגע ביאָגראַפיע, עפּיס טאַקי נאָר חדושים ונפלאות, מעשיות פון טויזענד איין נאַכט! איך מיט מיין לעבענס-געשיכטע, מיט מיין איצטעריגער ביטערער לאַגע בין גאָר אַ גראַף, אַ מאַגנאַט אַקעגען איהם! איך זיץ נאָר און קוק אויף איהם און טראַכט מיר: „וואָס אַ מענש קאָן

איבערטראָגען אויף זיך!... און אַז גאָט האָט איהם בעקאָנט העלפען נאָך אַזעלכע גרויסע צרות מיט אומגליקען, וואָס דער האָט אויף זיך איבערגעטראָגען, איז פאַרהאַן אַ שטיקעל האָפנונג, אַז מיר זאָל נאָך אויך אַמאָל זיין גוט"...

און מיין חבר נעמט ווידעראַמאָל אַרויס דעם טייסטער און טראָגט מיר איהם אונטער גלייך אין פנים אַריין.

— וואָס דאַרף מען זיך דאָ שעמען? מאַכט ער צו מיר, — מע נעמט דערוויל, וויפיעל מע בעדאַרף...

איך פרעג מיך אַליין, צי ס'איז ניט קיין חלום, און קוק אין טייסטער אַריין, און דער טייסטער איז אָפען, און די גרויע הונדער-טער מיט די פיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס שמייכלען צו מיר גלייך מיט מיין חברס שענע, גוטע, קאַרע אויגען, און איך ציה אויס די האַנד און זאָג:

— גענוג וועט זיין דערווײלע צוויי.

איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל זאָגען: צוויי הונדערטער, צי צוויי פינפהונדערטער? און בכדי מיר זאָל אַפנים זיין גרינגער, רופט ער זיך אָן פאַר מיר:

— צוויי טויזענד, מיין איך, וועט זיין ווינציגליך.

און ער צעהלט מיר אָב זעקס פיעלפאַרביגע פינפהונדערטערס און מאַכט צו מיר:

— גענוג דריי טויזענד אויף דער ערשטער צייט?

— אָ!... מעהר קאָן איך ניט זאָגען גאָרניט און לייג צונויף די האַרטע אַסיגנאַציעס און שטופּ זיי אין בוזעם-קעשענע און פיהל אַ מאָדנע וואַרעמקייט פון זיי, אַ גלאַטקייט...

און בכדי ס'זאָל מיר אַפנים ניט זיין שווער די טובה, רופט ער זיך אָן צו מיר ווייטער:

— און איך וואָלט נאָך אַ בעלן געווען אָנקוקען קיין עין-הרע די דאָזיגע קאָמאַנדע, מיין חברס קינדער.

און איך ענטפער איהם נישט באַלד. מיינע געדאַנקען זענען דאָרט אין בוזעם-קעשענע ביי די פיעלפאַרביגע פינפהונדערטעס, וואָס וואַ-רעמען מיך און גלעטען מיך און קריכען נישט אַרויס פון קאָפּ, און מיינע מחשבות חאַפּען מיך אויף און טראָגען מיך אַוועק אַהיים צו ווייב און קינדער און איך שטעל מיר פאָר די שמחה, וואָס וועט זיין, אַז מע וועט דערזעהען פלוצים אַזוי פיעל געלד און דערהערען פלוצים אַזאַ

גליק!... און ער זאָגט צו מיר נאָכאַמאָל, אַז ער וואָלט וועלען זעהען מיין ווייב און קינדער.

— אָך! זאָג איך, קאָנען מיר דאָך געהן גלייך צו מיר, איך זיץ ניט וויט אָט דאָ, די קינדער זענען סאַמע אין דער היים. געהען מיר?

— פאַרוואָס ניט? מאַכט ער צו מיר, און איך דערקען אין זיי-נע אויגען, אַז ער ווייסט, אַז מיינע געדאַנקען זענען דאָרט ביים געלד, וואָס ליגט אין בוזעם-קעשענע, וואָרום איך טו מיך אַלעמאָל נישט-ווילענדיג אַ טאַפּ צו דעם און לאָז אַרויס אַ טיעפען זיפץ, און ער, דער הונד, פערשטעהט דאָס גוט, און טראָגט אַריבער באַלד דעם שמועס ווידער צוריק אַהין, אין יענע אַמאָליגע נאַרישע, נאָר גליקליכע קינדער-יאָהרען, דערמאַנט מיר בילדער שוין לאַנג-געשטאָרבענע, און אַזוי קו-מען מיר צו מיר אַהיים.

און דאָ דערמאַן איך מיך מיין שטוב, מיין מעבעל... און עס ווערט מיר אַ ביסעל אַ בזיון פאַר מיין רייכען חבר, און איך הויב מיך אָן פערענטפערן פאַר איהם:

— אַ נייע דירה... ניט לאַנג אַריבערגעקלויבען זיך... זומער... אַ שטיקעל מישמאַש...

ער פערשטעהט אַפּנים, וואָס איך מיין, פערחאַפּט ער פריהער און זאָגט צו מיר:

— אָ-וואַ! אַ גרויסער אומגליק... אומעטום אַזוי! ביי מיר אויך ניט בעסער... קומט דער זומער, הויבט זיך אָן רעמאָנט... אַ חתונה!

און בשעת-מעשה דערמאַן איך מיך, אַז אין בוזעם ליגט ביי מיר דאָס געלד, און עס טוט מיך אַ בריה, אַ ברען, אַ סמאַליע, און עס פליהט מיר דורך אַ מחשבה, וואָס זאָל איך פריהער טון, און גיך-גיך לויפט דורך אַ חשבון ביי מיר אין קאָפּ: דירה-געלד... דעם קצב... דאָס קינד אין גימנאַזיע... דעם ווייב שיך אַ פּאָר... די טעכטער היטעלעך... זיך אַ סערדעט... אַ ביסעל מעבעל... היינט חובות! די אַלטע חובות! חובות! חובות! חובות!

און עס לויפען דורך ביי מיר אין דער מחשבה אַלע האַרבסטע חובות, מע מוז, מע מוז זיי צאָהלען באַלד! און איך זעה גאָר ניט, אַז ס'איז שוין אָפען די טיר און איינס פון מיינע קינדער געהט מיר אַקעגען מיט אַ בלאַס פינסטער פּנים; די קינדער נעבעך ווייסען אַלע צרות אונזערע; ווייסען שוין פון דחקות, ווייסען שוין, וואָס הייסט פאַר מילך, פאַר פלייש, אין מאַרק אַריין, דער דוואָרניק דירה-געלד קומט

מאָהנען, די יודינע פאַר טיי, דער יוד פון האָלץ, אַ בייזער יונגערמאַן מיט אַ געל בערדעל: „פון ווינטער נאָך, טענה'ט ער, פאַר האָלץ האָט איהר געקאָנט ביז אַהער דריי מאָל שוין בעצאָהלען"...

— וואו איז די מאַמע? פרעג איך.

— אין קעך, ענטפערט מיר, דאָס קינד.

— קיין דיענסט אַצונד נישטאָ, ערשט געכטען אַוועקגעגאַנגען די דיענסט! פערענטפער איך זיך פאַר מיין רייכען חבר און ווער שיער פערברענט פאַר חרפה, און דערמאַן זיך, ווי אַזוי מיין ווייב וועט אַריינקומען חלילה מיט פערשמירטע הענד און גאָט ווייסט מיט וואָס פאַר אַ קליידעל...

— ביי מיר, זאָגט ער, אויך דאָס אייגענע; אַלע וואָך, אַלע וואָך אַ נייע דיענסט. אַיין אומגליק מיט די היגע דיענסטען!

איך ווייס ניט, וואָס צו טון: צי זאָל איך לאָזען דאָ מיין חבר זיצען און אַליין געהן אין קיך אַריין אָנזאָגען מיין ווייב די גוטע בשורה, ווי אַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפיהרט? צי זאָל איך בעסער בלייבען זיצען מיט מיין חבר דאָ אין זאַל?

איך זאָג: „אין זאַל". עס רעדט זיך אַזוי אַ זאַל! אַ גרויס חדר טאַקי, נאָר ליידיג; נישט ליידיג, אַ פאָר טישליך שטעהען, טעפּ פון קווייטען, אַ פאָרטעפּיאַן אַיין אַלטער און אַ שפּיגעל, אַ לאַנגער עדות פון אַמאָליגע גוטע יאָהרען און פון איצטיגען דלות. אַ לאָמפּ, אוי אַ לאָמפּ אַ מאָדנע, און אַ בעטעל פונקט אין מיטען זאַל. אַזוי שפּעט זאָל שטעהן אַ בעט אין זאַל און ניט פערבעט נאָך! אַ הונדערטער וואָלט איך בעצאָהלט אין דער מינוט, עמיצער זאָל צונעמען פון דאַנען דאָס בעטעל. עס ברענט מיר דאָס פּנים פאַר בזיון!

מיין חבר אַפּנים שמויסט זיך אָן, וואָס איך בין אַזוי צומישט, און רופט זיך אָן צו מיר:

— אַ וואוילע דירה, אַ פרייע, אַ „פּראָסטאָרנע"! און דוקא קלוג, וואָס מע שלאָפט אין זאַל. ביי מיר שלאָפען אויך די קינדער זומער אין זאַל, ס'איז הייס אין אַלע אַלקערס!

— אָט דאָס איז מיין בן-יחיד, שטעל איך איהם פאַר מיין זוהן, וואָס גראָד אַצונד איז איהם געפעלען אַראָבוואַרפען די שטיוועל און אַרומגעהן באָרוויס. מיין חבר זעהט, אַז די מעשה קרענקט מיך, טראַכט ער אויס אַ ליגען:

— זומער געהען ביי מיר אַלע קינדער באָרוויס...

און דאָ קומט אַריין אַ טאָכטער מיינע, די צווייטע פון דער על־טערער. איך שטעל זי פאָר פאַר מיין אַלטען חבר, זי ווערט רויט ווי פייער, ניט מחמת זי איז אַזאַ שעמענדיגע, נאָר מחמת זי געהט זעהר אָרדינער, פראָסט געקליידעט, און דער עיקר זענען די שיך, געמיינע שיך מיט לאַטעס, אָהן אָבצאַסען, און אויסגעדרעהט, צוריסען...

און ווי אויף צו-להכעיס זעצט זי זיך אַוועק אַזוי, אַז ער דער־זעהט די שיך, און זי דערזעהט, וואוהין ער קוקט, און איך דערזעה, ווי זיי קוקעןביידע אויף איהרע שיך, און איך ווער צומישט. ס'זאָל זיין אַ גרוב, וואָלט איך אַריין אַ לעבעדיגער אין גרוב.

— אַ שען קינד, מאַכט ער צו מיר אין אויער אַריין שען ווי גאָלד!

איך וויל איהם עפּיס ענטפערן, קומט אַריין די עלטערע טאָכ־טער מיינע שוין אַ היבשע. געהן געהט זי אַפילו אין גאַנצע שיך, נאָר אַ קאָפּטעל האָט זי אָנגעטאָן פון קיסיי, אַ דינס, אָהן איין עלענבויגען. זי ווייסט ניט אַפּנים, אַז סע פעהלט ביי איהר איין עלענבויגען, און זעצט זיך פונקט אַזוי אַנידער, אַז זי קומט אויס מיט'ן עלענבויגען גלייך צו איהם. ער קוקט אויפ'ן עלענבויגען, איך אויף איהם, און בין אויסער זיך פאַר צרות! איך ווינק צו איהר, זי פערשטעהט ניט וואָס, ווערט זי רויט ווי פייער, הויבט זיך אויף און דרעהט זיך אויס צוריק — אוי וועה, אַ צרה, אַ שלאַק! דאָס גאַנצע קאָפּטעל איז צופּיצעלט!

— איינע שענער פון דער אַנדערער, מאַכט צו מיר מיין חבר אויפ'ן אויער, — צו אַזעלכע שענע קינדער פערשפּאָרט מען שוין אַפילו נדן!

און איך דערמאַן זיך אינ'ם שדוך פון מיין טאָכטער, וואָס ס'איז שיער געוואָרען, נאָך פון פאַראַיאָהרען, אַ גלייכער שידוך, אַ וואוילער יונג, אַ דאָקטאָר, און איבער נדן איז זיך עס צוגאַנגען, — און עס טוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף איהר און איך טראַכט מיר:

— אוי, מיט איין יאָהר פריהער ווען איך בעגעגען זיך מיט מיין אַלטען-גוטען חבר!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— לאָז געהן אין דער ערד אַריין דער בעל-הבית מיט דער פּליטע, מיט דער שטוב, מיט'ן הויף, מיט אַלע הויפען, און לאָזען זיי זיך אָנצינדען און ברענען אויפ'ן פייער מיט גאַנץ אָדעס אינאיינעם!

איהר דאַרפט זיך שוין שטויסען, ווער דאָס רעדט; דאָס רעדט אַ ווייב, בשעת זי קומט אַריין פון קיך אַ פערשוויצטע, אַ פער׳חושכ׳טע, אַ פעריאָמערטע און אַ צובראָכענע, געבעך אָהן אַ דיענסט, דאַרף אַליין קאָכען, וואָס זי איז בפירוש נישט געוואוינט געוואָרען; די פלי-טע רויכערט, דער קצב וויל שוין נישט געבען אָהן געלד, די גויע פאַר מילך מאָהנט, טריט נישט אָב פון קיך, אין מאַרק איז אויף אַלץ אַ יקרות, און די קינדער דעקוטשען שטאַרק, ווילען אָנבייסען דוקא יונגע קאַרטאָפעלעך און דוקא מיט פוטער!

איך וויל זיך אויפהויבען, לויפען איהר אַקעגען, זי אַוועקרופען, אָנזאָגען איהר, ערשטענס, די גליקליכע בשורה און, צווייטענס, בע-טען, זי זאָל זיך איבערטון — לאָזט ער מיך ניט, דער חבר מיינער; ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנד און מאַכט אַזוי:

— איך וועל מיך בעסער אַליין פאָרשטעלען פאַר איהר.

און ער געהט צו צו איהר און ער שטעלט זיך פאָר פאַר איהר, און צווישען זיי פערבינדט זיך אַזאַ מין שמועס:

ער: איך געדענק אייער מאַן, מאַדאַם, אַ סך פריהער פון אייך!

זי: אַ גליק האָט אייך געטראָפען!

ער: מיר זענען חברים פון קינדווייז אויף.

זי: זאָג מיר, ווער זענען דיינע חברים, וועל איך דיר זאָגען, ווער דו ביזט...

ער: אינאיינעם געלערנט, אינאיינעם געגעסען, אינאיינעם גע-שלאָפען, אינאיינעם אפילו גע׳גנב׳עט עפעל פון איין קאָשיק.

זי: אַ שענע רעקאָמענדאַציע פאַר אייך ביידען...

ער: ניט נאָר עפעל אַליין, קאַוועגעס אויך.

זי: גענוג, איך פערשטעה שוין ווער איהר זענט...

די לעצטע ווערטער רעדט אַרויס מיין ווייב מיט אַזוי פיעל סם-המות, אַז מיין חבר בלייבט אָהן לשון. איך ווינק צו איהר, מאַך איהר מיט די אויגען, זי זאָל אויפהערען רעדען אַזעלכע שאַרפע שטעכענדיגע ווערטער, און טראַכט מיר: ווען זי ווייסט למשל, ווער דאָס איז? און וואָס ער איז פאַר אונז? פוילט זי זיך ניט און ענט-פערט מיר:

— וואָס ווינקסט דו צו מיר? איך פערשטעה שוין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין פראַנט, אַז ער איז דיינער אַ חבר.

— מאַדאַם! רופט זיך אָן צו איהר מיין חבר שוין מיט אַ טאָן פון אַ מענשען, וואָס געפינט זיך אַ ביסעל בעליידיגט: מאַדאַם, וועד-ליג איך זעה, זענט איהר נישט זעהר קיין געהויבענע מיינונג וועגען אייער מאַן, דאַרף איך אייך זאָגען, אַז איך קען איהם בעסער פון אייך.

— דאַרף איך אייך זאָגען, — ענטפערט זי מיט'ן אייגענעם נוסח וואָס ער, — דאַרף איך אייך זאָגען, אַז קיינער בעט אייך ניט, איהר זאָלט זיין פאַר איהם אַ מליץ יושר, ער קאָן זיך זיין שטעדטעל, נישקשה, אַליין בעשטעהן.

איך זעה, מיין חבר האָט שוין גאָר איין אַנדער פנים: די באַ-קען ברענען איהם שוין גאָר מיט אַ מאָדנעם פייער; די גוטע, קאַרע, תמיד שמייכלענדיגע אויגען האָבען אויפגעהערט צו לאַכען, און ער שוויצט, שוויצט מיט סכנת-נפשות!... וואָס זאָל איך דאָ טון? איך בין אויס מענש! איך עק זיך! עס האָט מיר פאַרשטערט, פער'סמ'ט די גאַנצע שמחה מיינע! איך האָב פערגעסען אָנ'ם געלד, וואָס ליגט ביי מיר אינ'ם בוזעם-קעשענע; איך האָב פערגעסען אָן אַלסדינג; איין געדאַנק ליגט מיר איצט אין מוח, איין מחשבה: „ווי אַזוי נאַרט מען אַרויס מיין ווייב פון דאַנען? ווי אַזוי גיט מען איהר צו וויסען, ווער מיין חבר איז און וואָס ער האָט פאַר אונז געטאָן?“ און איך קוק אויף איהר מיט געבעט, ווי איינער רעדט: „האָב רחמנות, מאַך צו דאָס מויל, הער אויף צו רעדען!“ נאָר ווי אויף צו-להכעיס האָט זי זיך צורעדט:

— איך ווייס, זאָגט זי, די גוטע ברידער זיינע מיט די שענע חברים פונ'ם חדר! עפעס רעכטס וועט צו איהם נישט אָנשלאָגען... אָדער אַ שלים-מזל אַ קבצן, אָדער אַ בעריהמער, וואָס קומט דערצעהלען גליקען... אָט איז ערשט יענע וואָך געקומען צו איהם זיינער אַ בן-עיר, מיט איהם אַ גאַנצער רב שמעלקע, פון ווייט איז ער געקומען, אַזש פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, איהם אָנדערצעהלט אַזעלכע גוזמאות פון זיך, אַז דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, אַ גאַנצער מיליאָנער, און אַ נדבן, אַ גוטער מענש, איין בעל-טובה אין דער וועלט! און אַז ס'איז געקומען צו ד'עם, אַז מיין מאַן... וואָס שעמסט דו זיך? עס איז דאָך דיינער אַ חבר, זאָגסט דו, וואָס איהר האָט אינאיינעם אַמאָל גע'גנב'עט עפעל פון איין מולטערל... — און אַז ס'איז בעקומען דערצו, אַז מיין מאַן האָט איהם געזאָגט, אַז...

איך קאָן מיך מעהר שוין ניט איינהאַלטען, איך געה אַרויס פון די כלים, קוים, וואָס איך שטעה אויף די פיס, איך פיהל, אַז אָט-אָט פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ, איך מוז, איך מוז מאַכען אַ סוף צום דאָזיגען שמועס! און איך טו אַ געשריי צו מיין פלונית גישט מיט מיין קול:

אָבער גע-נוג! ! ! . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

— וואָס איז? וואָס שרייסט דו? גאָט איז מיט דיר! שטעה אויף! מאַכט צו מיר מיין ווייב אין איבערגעשראָקענע אויף טויט און וועקט מיך אויף פונ'ם שלאָף.

* *

*

איך זעץ מיך אויף, וויש אויס די אויגען, קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען.

— וואו איז ער ערגיץ?

— ווער? ווּעמען זוכסט דו?

— דער קרוב מיינער... דער חבר, מיין איך...

— וואָסער קרוב? וואָסער חבר? עס האָט זיך דיר געחלומט אַ חלום... שפּיי אויס דריי מאָל... האָסט זיך שפּעט געלייגט שלאָפען... איך האָב דיר וויפיעל מאָל געזאָגט, שפּעט ביינאַכט זאָלסט דו ניט שרייבען...

און איך טאַפּ מיך אין דער זייט ביים בוזעם, איך זוך די בו-זעם-קעשענע, איך פיהל, אַז געוואַלד! אָט-אָ-דאָ, אָ, אויף דעם אָרט איז געלעגען באַר-וואָס אַ פּעקעל מיט האַרטע פּיעלפּאַרביגע פינפהונ-דערטער! איך הער נאָך דאָס קנאַקען זייערס, איך פיהל נאָך דאָס גלאַטקייט פון זיי אין די הענד, מיט'ן דער וואַרעמקייט אויף דער נשמה!...!

און איך דערמאָן מיך, אַז מאָרגען צעהן אַ זייגער אין דער-פריה קומט צו מיר דער סודעבני פּריסטאַוו איבערשרייבען און אויס-פּערקויפען די בענקלעך מיינע, און דער בעל-הבית וואַרפט מיך אַרויס פון דער דירה, און דער קצב מאָהנט פאַר פלייש, און די גויע פאַר

מילך, און די יודינע פוג׳ם קלייטעל האָט מיר צוגעזאָגט מאָרגען אם ירצה השם גאַנץ פריה זיין ביי מיר נאָכאַמאָל, און דער יוד פון האָלץ וועט אויך ניט שווייגען; ער קומט אַלעמאָל צו געהן און פרעגט מיך נאָר „היתכן?”... און דאָס יונגעל מיינס זאָגט מיר אָן אַ בשורה, אַז ער איז שוין פאַרטיג צום עקזאַמען! מאָרגען איז דער עקזאַמען — מזל-טוב דיר, מיין קינד, זאָלסט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות!... עס בעשלאָגט מיך אַ שווייס און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע אברים.

# אויף וואס בעדארפען יודען אלאנד?

עטליכע ערענסטע ווערטער פאר'ן פאלק.

פון

**שלום עליכם**

כי ירחם יי את־יעקב — אז גאטט וועט זיך דערבארמען אויף יעקב'ן,
ובחר עוד בישראל — אונ ער וועט נאך אויסדערוועהלען די יודען,
והניחם על אדמתם — וועט ער זיי בארוהיגען אויף זייער ערד.
(ישעיה י"ד א)

וואַרשא

Тип. Б. Туршъ,
Варшава Новолипки № 6

וואָס איז דאָס אייגענטליך פאַר אַ שאלה — אויף וואָס בעדאַרפען יודען אַ לאַנד? אַנדערע וועלען פרעגען אויף דער קשיה נאָך אַ קשיה: פאַר וואָס זאָלען יודען ניִשט בעדאַרפען האָבען אַ לאַנד? און וועלען זיין גערעכט אַז זיי וועלען אַזעלכעס פרעגען, וואָרום אויב יודען זענען אַ פאָלק — פאַר וואָס זשע זאָלען זיי זיין ערגער פון אַלע אַנדערע פעלקער? עס האָט אַזאַ פּנים ווי מען זאָל אַיך אַ שטייגער פרעגען: אויף וואָס בעדאַרף מען האָבען אַ דירה; עס פאַרשטעהט זיך אַז יעדער מענש בעדאַרף האָבען אַ דירה; וואָס דען? אין דרויסען וועט מען זיצען? אין תוך אַריין אַז מען וויל דאָס גוט בעטראַכטען איז די מעשה ניט אַזוי: עס פרעגט זיך אויף וואָס בעדאַרף מען האָבען איין אייגענע דירה? צי בעדאַרף אַ מענש האָבען און ווען בעדאַרף אַ מענש האָבען איין אייגענע דירה?

אַ יוד זאָגט אַפילו אַ גלייכװערטיל: „בעסער צו זיין אַ רייכער שכן איידער איין אָרעמער בעל־הבית". נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען? אַז דירות זענען לרוב, און בזול, און בעלי־בתּים שלאָגען זיך וועגען איך, יעדער וויל אַיך האָבען פאַר אַ שכן ווי זשע איז אָבער דער דין אַז איהר זענט שוין איבערגעזעסען אין שבנ׳ת אומעדום און איהר האָט בעקומען אין שטעדטיל, צווישען אונז רייִדענדיג, אַ שם פון אַ שלעכטען שכן, אַזוי אַז איהר קריגט שוין מעהר קיין דירה כמעט אין ערגיץ ניִשט, האָטש נעם בלייב זיצען אין דרויסען אונטער גאָטס הימעל! וואָס טהוט מען דעמאָלט?

שוין מעהר אַלס אַכצעהנהונדערט יאָהר זינט מיר זענען אָפּגעברענט געוואָרען און שלעפּען זיך אַרום, אין שכנות פון איין דירה אין

דער אנדערע, האבען מיר ווען געפרובט ערענסט נעמען אויף דער מחשבה: ביז וואנען? וואס וועט זיין דער תכלית?

אין די דאזיגע אכצעהנהונדערט יאהר האבען מיר אפילו געהאט אלערליי צייטען. עס פלעגט זיך מאכען א שטיקעל צייט, ווען דירות זענען געוועזען לרוב און יעדער איז אונז געווען געהערען פאר א שכן (שלאגען, מאלט אייך, האט מען זיך פאר אונז קיין מאל נישט געשלאגען); נאר עס פלעגט נישט לאנג דויערען, מיר פלעגען ווערען נמאס, האט מען אונז געבעטען מחילה איינפאקען די קלומקעס און געהן זוכען זיך ערגעץ איין אנדער דירה.

אין די דאזיגע אכצעהנהונדערט יאהר האבען מיר געהאט אלערליי צייטען. עס פלעגט זיך מאכען א שטיקעל צייט האבען מיר ווי אויפגעלעבט פונ'ם גלות און געהאפט, אז אט אט קומט משיח, אט באלד ווערען מיר אויפגערעכט פון אלע צרות, און מיר ווערען לייטענגלייך. נאר עס פלעגט נישט לאנג דויערען, און איידער מיר האבען זיך ארומגעקוקט וואו מיר זענען אין דער וועלט, זענען מיר שוין ווידער געלעגען בייען איילען אין דער ערד.

דאס זעלבע איז פארגעקומען מיט אונז אינ'ם לעצטען ביסעל יאהרען, ווען דער עולם איז געווארען קלוג און די וועלט — פול מיט וויסענשאפט. דאס ווארט „השכלה" (בילדונג) האט געבראכט צושלעפען מיט זיך נאך אסך ווערטער שיינע, הויכע, קלינגענדיגע ווערטער; צום ביישפיל „הומאניטעט" — מענשליכקייט, יושר, „עמאנסיפאציע" — גלייכהייט, ברודערשאפט און נאך אזעלכע ווערטער. וואס האבען אויסגעזעהען אזוי שיין אזוי פיין אויף פאפיר, אז ס'איז געווען א פערגעניגען אנצוקוקען! וואס דער סוף האט זיך אויסגעלאזט פון די ווערטער ווייסט איהר שוין; און אויב איהר ווייסט ניט, זייט זיך מטריח און לייענט איבער די רעדע פון דאקטאר מאקס נארדאו, וואס ער האט געהאלטען אויפ'ן קאנגרעסס אין באזעל[1], וועט איהר ארויסזעהען, אז די אללע שיינע הויכע ווערטער זענען געבי־

---

[1]) „דער יודישער קאנגרעסס אין באזעל", א רעפעראט פון דאקטאר מאנדעל־שטאם, בעארבעט אין זשארגאן פון שלום עליכם, ווארשא תרנ"ח

לִיבֶּען נִישְׁט מֶעהר וִוי שֵׁיינֶע הויכֶע װֶערְטֶער ; אִין תּוֹךְ אַרֵיין אָבֶּער אִיז אוּנְזֶער לַאגֶע בִּיטֶער אוּנ פִינְסְטֶער , נָאךְ עֶרְגֶער וִוי גֶעוֶוען .

אַז דִי לַאגֶע אִיז בִּיטֶער אוּנ פִינְסְטֶער — דָאס הָאבֶּען מִיר גֶעוואוּסְט פְרִיהֶער ; מִיר הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּג אָנְגֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס נָאךְ פוּן פַארְצַייטֶען מוֹרָאדִיגֶע װאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַ פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם , וָואס הָאט „מַכּוֹת״ אוֹיסְגֶעפִיהְרְט , פוּן אַ הָמָן הָרָשָׁע וָואס הָאט בֶּעקוּמֶען דִי מַפָּלָה , פוּן אַ טִיטוּס וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בִּיטֶערְן סוֹף . אוּנ נָאכְדֶעם דִי אִינְקְוִיזִיצְיֶע פוּן שְׁפַּאנְיֶען , דֶער הֶערוֹיסְטְרַייבֶּען (גֵרוּשׁ) פוּן שְׁפַּאנְיֶען , פוּן פּוֹרְטוּגַאל אוּנ פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער , אוּנ נָאךְ כְּדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת , מִיט װֶעלְכֶע עֶס אִיז פוּל אוּנְזֶער הִיסְטָארְיֶע . אַסַךְ הָאבֶּען מִיר בֵּיינֶע־װָאהֶנֶען אַלֵיין , גֶעזֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען , גֶעלֵייעֶנְט אוֹיף דִי בְּלֶעטֶער וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אוֹיף דֶער װֶעלְט , נָאר דִי צוּנוֹיפְגֶעפָּאהְרֶענֶע אוֹיפ׳ן קָאנְגְרֶעסס הָאבֶּען אוּנְז נָאךְ מֶעהר גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגֶען , אוּנְז אָפְּגֶעבָּאלְט אַ בִּילְד פוּן אוּנְזֶער לַאגֶע אוֹיף דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט אוּנ מִיר זֶענֶען גֶעוָואהר גֶעוָואהְרֶען , אַז אוֹיךְ אִין יֶענֶע לֶענְדֶער , װאוּ מִיר הָאבֶּען מְקַנֵא גֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער , גֶעמֵיינְט , אַז זֵיי לֶעבֶּען גְלִיקְלִיךְ , צוּם סוֹף לָאזְט זִיךְ אוֹיס , אַז מִיר הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין טָעוּת . עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען , אַז אוּנְזֶער לַאגֶע אִיז אוּמֶעדוּם נִישְׁט גוּט , וֶעהר נִיט גוּט , דֶענְן מֶען הָאט אוּנְז אוּמֶעדוּם פֵיינְט אוּנ מֶען קָאן אוּנְז אִין עֶרְגִיץ נִישְׁט סוֹבֵל זַיין .

וִוי אַ בַּאוַוייז צוּ דִי דָאזִיגֶע װֶערְטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פְרַאנְקְרַייךְ מִיט דֶעם גֶעוִויסֶען פְּרָאצֶעסס פוּנ׳ם בֶּעוואוּסְטֶען פְרַאנְצוֹיזִישֶׁען שְׁרִיפְטְ־שְׁטֶעלֶער עֶמִיל זָאלַא , װֶעלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דֶעם אוּנְרֶעכְט פוּנ׳ם אוּמְזִיסְט־פַארְשׁוּלְדִיגְטֶען דְרַייפוּס . װֶער פוּן אַייךְ הָאט נִיט גֶעלֵייעֶנְט דֶעם דָאזִיגֶען מֶערְקְוִירְדִיגֶען פְּרָאצֶעסס ? װֶער פוּן אַייךְ אִיז גֶעוֶועהן גְלַייכְגִילְטִיג צוּ דִיא אוּנְרֶעכְט , וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אִינ׳ם סוֹף פוּנ׳ם נַיינְצֶעהְנְטֶען יָאהְרְהוּנְדֶערְט ; אוּנ װאוּ ? אִינ׳ם שְׁפִּיגֶעל פוּן דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט — אִין פְרַאנְקְרַייךְ ! „שְׁפַּייט אוֹיף זָאלַא !״ — הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען דִי אַנְטִיסֶעמִיטֶען אִין פַּארִיז ; צְוִוישֶׁען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיךְ יוּנְגְוַוארְג , סְטוּדֶענְטֶען , וָואס הָאבֶּען גֶעהָאלְפֶען שְׁרַייעֶן : „שְׁפַּייט אוֹיף זָאלַא ! דֶער טוֹידְט זָאל זַיין דִי יוּדֶען ! . . .״

דער יודישער קאָנגרעס אין באַזעל האָט אונז אונטערגעפיהרט אַ ריכטיגען חשבון פון דער לאַגע פון אונזערע ברידער אויף דער גאַנ־צער וועלט, און בעטראַכטענדיג דעם דאָזיגען חשבון האָבען מיר אָפּ־געלערענט דריי זאַכען:

ערשטענס, אַז מען האָט אונז פיינט אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט.

צווייטענס, די לאַגע איז אַזוי ביטער און פינסטער, אַז לאַנג קאָן עס אַזוי נישט דויערען.

דריטענס, אַז מען מוז דערצו אויפזוכען אַ מיטעל. נאָר אַזעלכם, וואס זאל האָבען אַ ממש.

---

א) לאָמיר זיך נאָר רעכט בעטראַכטען, פאַר וואָס האָט מען אונז אַזוי פיינט? מיר אַליין צווישען זיך (מיר בעדאַרפען דאָך זיך נית אויספיינען איינער פאַר'ן אַנדערען) ווייסען גאַנץ גוט, אַז מיר זענען נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע; מיר האָבען אין זיך אַלע מעלות מיט אַלע חסרונות וואָס אַלע מענשען; איי טאָמער מאַכט זיך אַמאָל מיר חאַפּען איבער אין איינינע פעהלער אַביסעל איבער דער מאָס, — האָבען מיר אָבער אַקעגען אַזעלכע מעלות, וואָס קאָנען איבער־וועגען און פאַרענטפערען אַסך אַנדערע חסרונות; נאָר וואָס דען? די שׂנאה צו אונז איז אַזוי גרויס און אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, אַז די מעלות וויל מען אונז נית רעכענען קיינער, און די פעהלער זעצט מען אונז אויס יעדען טריט און שריט און אַלע ווייל.

פון וואַנען נעמט זיך אַזא שׂנאה?

מיר ווילען זיך נישט אַריינלאָזען אין ווייטע ...נות, בלעטערען די היסטאָריע פון פאַרצייטען און זיך דערגרונטעווען צום רעכטען מקור, פון וואַנען די שׂנאה וואַכסט... דאָס איז איין אַלטע לאַנגאַנהאַלטענדיגע קריינק, אַ מין חולאַת ר"ל, וואָס געהט איבער בירושה פון דור צו דור. עס טרעפט אָפט מאָל, אַז אונזערע שׂונאים אַליין קאָנען נישט זאָגען, פאַר וואָס אייגענטליך זיי האָבען אונז פיינט. עס איז אַ ריינער אומגליק־

א גאט'ס שטראף איז אויף אונז שוין אַסך־אַסך יאהרען! און ווידער צוריק לאמיר זיך נור רעכט אפגעבען דין וחשבון, פאר וואס זאל מען אונז ליב האבען? צו קאנען מיר פאדערען, אז מען זאל אונז ליב האבען? ווער זענען מיר צווישען די פעלקער, וואס זענען מיר און וואס פאר מחותנים זענען מיר מיט די אלע איבעריגע פעלקער אין אייראפא, אז זיי זאלען אונז ליב האבען?

ווער זענען מיר? — בני אברהם יצחק ויעקב, וואס האבען געהאט אונזער אייגען לאנד, וועלכעס מיר האבען בעונותינו הרבים פארזינדיגט, האט מען אונז פארטריבען און צוזייעט איבער דער גאנצער וועלט, און אט אזוי בלאנזען מיר ארום צווישען פרעמדע פעלקער שוין קרוב צו צוויי טויזענד יאהר, ווי איין עלענדער יתום, וואס מען האלט איהם אויס נור מצד רחמנות, מען שארט איהם צו א ברעקיל, מען ווארפט איהם א ביינדיל און מען זשעניערט זיך מיט איהם גאר ווינציג: אז מען וויל איהם עפּיס זאגען זאגט מען איהם גלייך, ניט פארשטעלט, און אז ער פאר שטעהט ניט אויפ'ן וואונק גיט מען איהם מיט'ן שטעקען...

וואס זשע טהוט ער, דער יתום? ער באהאלט דעם פאטש אין קעשענע און ווישט אפּ די ליפּען, דענן ער ווייסט גאנץ גוט, אז עס וועט איהם נישט העלפען קיין שמע ישראל: פארט א יתום, איין איינגעבעטענער, איין אנגעווארפענער, א פרעמדער, אומעדום א פרעמדער! דאס איז א כלל: דארט, וואו ס'איז פאראן „איינענע" און „פרעמדע", איז כל זמן דער „איינענער" פיהלט זיך גוט, לעבט גראם, האט פרנסה בשפע, קאן זיך נאך דער „פרעמדער" ווי עס איז האלטען. אבער אז דער „איינענער" הויבט אן פיהלען, אז ס'איז איהם איינגליך, די קאנקורענץ ווערט אלע מאל גרעסער און די פרנסה געשלאגען, — דעמאלט ווערט דער „פרעמדער" גאנץ איינפאך גרוים אין די אויגען און עס דאכט זיך אוים, אז אלע אומגליקען נעמען זיך פון איהם; הויבט מען אן אויף איהם צו מומלען, פריהר שטילערהייד און שפעטער העכער און העכער: „צו וואס טויגען אונז פרעמדע?!". ביי אזא געלעגענהייט באדארף מען נור, אז איינער זאל אויסשרייען אויף א קול, נאכדעם שרייען שוין אלע; עס העלפען נישט קיין חכמות, קיין אויסטענען זיך, קיין אויס־

ווייזען מיט ראיות ברורות, אז א „פרעמדער" איז אויך א מענש, אז ער האט אויך א מאגען, אז ער קאן אויך נוצליך זיין, — מען וויל איהם ניט הערען, מען פארלאנגט נישט זיין נוטצען און מען הייסט איהם זוכען זיך גליק וואו ער וויל, אבי נישט דא.

**אט ווער מיר זענען. מיר זענען פרעמדע, אומעדום פרעמדע!**

אצונד געהט די צווייטע פראגע: וואס זענען מיר? דאס הייסט צו זענען מיר א פאלק, א נאציאן, אדער ניין?

וועלכעס ווערד אנגערופען א נאציאן, און וואס זענען די סימנים פון א פאלק?

א פאלק בעדארף האבען קודם כל א לאנד. א פאלק בעדארף האבען א אידעאל, דאס הייסט איין געדאנק אזעלכען, וואס דאס גאנצע פאלק זאל זיך צו אים שטרעבען, זיין איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. אונזער לאנד האבען מיר פארשפילט, וואו זשע איז אונזער אידעאל? בכדי מיר זאלען האבען א לאנד בעדארפען מיר דאס וועללען, דאס הייסט עס דארף זיין ביי אונז אלעמען איין רצון, איין ווילען, איין געדאנק, דאס הייסט אחדות. מילא דאס אחדות וואס ביי אונז — דאס ווייסען מיר. אונזערע שונאים ווארפען אונז אויף פון אייביג אן, אז ביי אונז איז צופיל אחדות, זיי זאגען אויף אונז „חברים כל־ישראל — אלע יודען זענען איין יוד". מיר ווייסען דאך יא ווי אמת דאס איז; אויף די אנטיסעמיטען געזאגט געווארען אזא אחדות! ווער ווייסט ניט, אז ביי אונז איז, פונקט פארקעהרט, נישטא קיין שום אחדות? ביי אונז איז איינגעפיהרט, אז איינער זאגט יא, זאגט דער אנדערער ניין; אז דער זאגט כשר, זאגט יענער טרפה. און פונקט דאס וואס יענעם איז געפעלען געפעלט מיר ניט, און דווקא ווייל יענער וויל אזוי וויל איך דעם היפך! האט איהר געזעהען צוויי יודען מיט איין דעה? צוויי יודען האבען דריי דעות: אז דער זאגט אזוי, זאגט יענער ס'איז טאקי אזוי, נאר פארט ניט אזוי... יענעמס מיינונג איז גלאט ווערט א שמעק טאבאק; הערען בשעת יענער רעדט איז נישט נייטיג; קיין עלטערס איז נישטא און קיין קלוגערס אודאי ניט, ווארום כלנו חכמים — קלוג זענען מיר

אַלֶע, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים — מִיר אַלֶע פֶערְשְׁטֶעהֶען וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים — מִיר אַלֶע ווייסֶען גַאנְץ גוּט נָאךְ פְרִיהֶער וָואס יֶענֶער וֶועט אוּנְז זָאגֶען...

הַיינְט וֶוער שְׁמוּעֶסְט פוּן אַזַא גֶעדַאנְק, וָואס זָאל צוּזַאמֶען בִּינְדֶען בַּיי אוּנְז דָאס גַאנְצֶע פָאלְק? וָואס אִיז אֵיינֶענְטְלִיךְ אוּנְזֶער אִידֶעאַל נָאךְ דֶעם פַארְשְׁטַאנְד פוּן אוּנְזֶער פָאלְק? פָאהְרְט אַרֵיין לְמָשָׁל קֵיין בַּארְדִיטְשׁוּב, אַ יוּדִישֶׁע שְׁטָאדְט, חַאפְּט אָן אַ יוּדֶען אִין גַאס, אָדֶער אִין שׁוּל, אוּנ טוּט אִיהם אַ פְרֶעג: — זַייט זְשֶׁע מוֹחֵל, רֶבּ קָרוֹב, וָואס אִיז אֵייעֶר אִידֶעאַל? אוּנ וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפִּים בַּיי אַייךְ מִכֹּחַ צִיוֹן אוּנ צִיוֹנִיזְם? וֶועט עֶר אַייךְ אָנְקוּקֶען וִוי אַ לֵיידִיג גֶעהֶער: וָואס מִיר אִידֶעאַל־שְׁמִידֶעאַל? וֶוער מִיר צִיוֹן, צִיוֹנִיזְם? וָואס הֶערְט זִיךְ בֶּעסֶער מִכֹּחַ אַבְּצֶעהן אוּנ דְרֵייצֶעהן? מִכֹּחַ פַּרְנָסָה? וואו פַארְדִינְט מֶען אַ קֶערְבִּיל?

אִיךְ זָאג בַּארְדִיטְשׁוּב נִישְׁט אַלְס אוֹיסְנַאהְמֶע, נָאר גְלַאט אַזוֹי בְּדֶרֶךְ מָשָׁל. דָאס אֵייגֶענֶע קָאן גֶעמָאלְט זַיין אִין קָאוְונֶע, אִין בַּאבְּרֶעסְקְ־טְרִיוְוקֶע, אִין רִיגָא, אִין שְׁפָּאלֶע, אִין מַאזִיר, אִין טַאראַשְׁטְשֶׁע אִין שְׁנִיפִּישָׁאק אוּנ וואו אִיהר ווִילְט — דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זָאגְט מֶען אִיז אֵיין שְׁטָאדְט. אוּנ אִיךְ זָאג נִישְׁט, אַז אַלֶע בַּארְדִיטְשׁוּבֶ'עֶר, אָדֶער שְׁפָּאלֶער אָדֶער שְׁנִיפִּישָׁאקֶער יוּדֶען זֶענֶען אַלֶע אַזוֹי לָהוּט נָאךְ'ן קֶערְבֶּעל, אַז קֵיינֶער אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט צִיוֹן אוּנ צִיוֹנִיזְם. אִיךְ זָאג נוּר, אַז דָאס רוֹב יוּדֶען זֶענֶען ווַייט פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וָואס גֶעהֶערֶען זִיךְ נִיט אָן צוּ זֵייעֶר פַּרְנָסָה, אוּנ אַז עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט יוּדֶען, וָואס גֶעבֶּען זִיךְ אָפּ מִיט אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים וִוי צִיוֹנִיזְם אוּנ דֶעסְגְלֵייכֶען, זֶענֶען דָאס מֶעהר נִישְׁט וִוי אֵיינְצֶעלֶענֶע גֶעצֶעהלְטֶע מֶענְשֶׁען אֶחָד בְּעִיר וּשְׁנַיִם בְּמִשְׁפָּחָה...

דֶער תֵּירוּץ אִיז: יוּדֶען אִיז גֶעוִויס נִישְׁט גוּט, אַ יוּד אִיז פַארְטְרָאגֶען, אַ יוּד זוּכְט פַּרְנָסָה, אַ יוּד דַארְף אַ קֶערְבֶּעל. דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער תֵּירוּץ. עֶרְשְׁטֶענְס נִישְׁט אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען אָרֶעם; עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי אוּנְז קֵיין עַיִן הָרָע גֶענוּג בַּעֲלֵי־בָּתִּים (פוּן דִי נְגִידִים, „גְבִירִים אַדִּירִים", רֶעד אִיךְ נִישְׁט, וָוארוּם וִוי שְׁטֶעהְט דָאס אָן אַזֶעלְכֶע אַרִיסְטָאקְרַאטֶען צוּ לֵייעֶנֶען יוּדִישֶׁע בִּיכְלֶעךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אִין זְשַׁארְגָאן?) אִיךְ רֶעד פוּן דֶער

מיטעלע קלאסס יודען, וואס האבען אי צייט אי כח אפצוגעבען זיך מיט אזעלכע ענינים, וואס זענען נוגע צום כלל ישראל; אונ צווייטענס איז דאך גאר אדרבה, וואס דעם יודען איז ערגער בעדארף ער אלץ מעהרער אונ אפטער טראכטען פון אזא זאך, וואס אין דעם היינגט אפ זיין אייגען גליק אונ דאס גליק פונ'ם גאנצען פאלק. די שלעכטע צייט מיט די שלעכטע אומשטענדען, וואס ווערען אלע טאג ערגער, בעדארפען אדרבה צוזאמען-טרייבען, צוזאמען-בינדען אלע יודען צוזאמען, עס זאל דוקא זיין ביי אונז אלעמען איין דעה, מיט איין רצון, מיט איין צוועק, איין אידעאל — אונ מיר ווילען זיך ניט ריהרען! ברידער, עס פעהלט אונז עפּיס, אונז פעהלט דער גייסט, דערפאלקסגייסט, ווערלכען מיר האבען פארלאהרען אין דער צייט פון אונזער ארומשלעפּען זיך אין שבנות!

וואס זשע דענן זענען מיר? שטייטש מיר האבען דאך אונזער רעליגיאן (אמונה), אונזער אייגענע שפראך, אונזערע אייגענע תנועות אונ אזוי ווייטער, קומט דאס אפּנים, אז מיר זענען גלאט אזוי עטליכע מיליאן מענשען, וואס דאווענען פון איין סדור'ל, האלטען שבת, עססען פסח מצות, פורים — המן'טאשען, אונ סוכות — המוציא מיט האניג אונ... ווייטער גאר נישט? קומט דאך אויס אז די וועלט איז באלד גערעכט, וואס מען זאגט אויף אונז, אז מיר זענען נישט קיין פאלק, נאר גלאט אזוי איינגעשפּארטע מענשלעך, איין עם קשה עורף — דאס וואס מען ווארפט אונז פאר אלע ווילע??

וואס זשע דענן זענען מיר? שטייטש מיר האבען דען ניט אונזער אידעאל? וואו איז דער „ולירושלים עירך". וואס מיר זאגען אלע טאג? אונ וואו איז דער „לשנה הבאה בירושלים?" אונ וואו איז דער „אני מאמין?" אונ וואו איז די ברכה וואס מיר ווינשעווען איינער דער אנדערען „דערלעבען משיח'ן!"... אזוי פרעגט א יוד בשעת ער לייענט די דאזיגע ווערטער.

אמת. נאר לאמיר זיך נישט נארען. מיר ווייסען דאך גוט, ווי אזוי א יוד זאגט די דאזיגע ווערטער אונ פון וואס ער טראכט בשעת מעשה, אז דער קאפּ איז איהם סך הכל גאר ווייס איך וואו — ערגיץ אין קלייט, אדער אין מיהל, אדער אין וואלד, אדער אויף דער

בערזע, אדער ביי'ם פריץ אין דער „אימעניע", אדער גאר אין יעהופעץ אויפ'ן יריד! און דערלעבען משיח'ן — מהיכי־תיתי פאר וואס ניט? אז משיח זאל קומען צופאהרען און צוזאמען נעמען אלע יודען קיין ארץ ישראל אויף זיינע הוצאות, אי דאס מיט א תנאי אז אלע זאלען פאהרען, און די נגידים זאלען פאהרען פריהער!... דערביי זאגט יעדער יוד א בעזונדער גלייכווערטעל; איינער זאגט, אז משיח וועט קומען וועט זיין אלעסדינג פארקעהרט: ביז אהער זענען יודען געוועהן וועלוועלער פון בארשטש און אתרוגים מיט גאלד גלייך, און דעמאלט וועלען אתרוגים זיין אומזיסט און יודען בחשיבות גדול, א רענדיל א יוד! און נאך כדומה אזעלכע ווערטלעך פאלען ביי יודען בשעת מען צורעדט זיך פון משיח'ן, וואס וועט קומען רייטענדיג אויף א ווייס פערד... יודען זאגען ווערטלעך, מאכען לצנות און ווילען נישט פארשטיין וואס פאר א הויכער און וואס פאר א טיפער זינן עס ליגט פארבארגען אינ'ם געדאנק פון משיח. יודען ווילען נישט וויסען, אז אין זיי אליין געפינט זיך זייער משיח, אז זיי זאלען וועלען וואלט שוין לאנג געקומען משיח*). יודען האבען אזא שיינעם הייליגען אידעאל און מאכען פון איהם חוזק! ניין, ברידער! מיר דערמאנען מאקי אלע טאג ירושלים, נאר מיינען מיר גאר יעהופעץ; ארץ ישראל איז ביז אהער געוועזען ביי אונז א לאנ־ וואס אלטע יודען פאהרען דארטען שטארבען; ציון איז ביז אהער געווען ביי אונז א ווארט, א נאמען א שיינער, וואס האט זיך ביי אונז פארוואלגערט ערגיץ אין די אלטע ספרים, אין די קינות, אין די סליחות; און חייטער געהען נאך עטליכע שיינע אלטע נאמען צום ביישפיל: די „מערת המכפלה", דער „מוטער רהל'ס קבר", דער „כותל מערבי". אלץ אזעלכע נאמען, וואס וואלהטען איגענטליך בעדארפט ריהרען דאס הארץ, ארויסרופען זכרונות (ערינערונגען) און בילדער פון אונזער אמאליגען גרויסקייט, פון אונזער אמאליגען גלאנץ; נאר ליידער לויפען אונז פארביי די דאזיגע ווערטער, מאכען אין איינדרוק נאר אויף א וויילע און ווערען פארשוואונדען, צוגאנגען ווי א רויך...

---

*) די גמרא זאגט: אז יודען וועלען קומען קיין ארץ ישראל און בעארבייטען די ערד, וועט דעמאלט קומען משיח...

צִיּוֹן, הֲלֹא תִשְׁאֲלִי לִשְׁלוֹם אֲסִירָיִךְ? —

ציון! דו וועסט דאך פרעגען וואס מאכען דיינע פארוואגעלטע קינדער? — אזוי זינגט אונ וויינט איינער פון אונזערע גרעסטע יודישע פאטריאטען אונ משוררים רבי יהודה הלוי, וועלכער האט דאס גאנצע לעבען זיך געצויגען אלץ אהין וואו עס ליגען אונזערע אבות, האט זיך מפקיר געווען, געגאנגען קיין ארץ ישראל אונ דארטען, אזוי דערצעהלט די היסטאריע, איז ער געהרגת געווארען.

„אוי, ווי גערן איך פליגעל — זינגט רבי יהודה הלוי — איך זאל קאנען אוועק פליהען, ברייינגען מיין צובראכען הארץ אהין אין דעם היילינגען לאנד ציון! איך זאל קאנען פאלען מיט'ן פנים צו דער היילינגער ערד, ארומנעמען, קושען די טייערע שטיינער, דעם היילינגען שטויב, די היילינגע קברים!..."

אזוי האט געזונגען רבי יהודה הלוי; אונ אונזער פאלק? ליידער איז אונזער פאלק ווינציג בעקאנט מיט דעם דאזיגען גרויסען יודישען דיכטער, מיט דעם פאעט מיט דעם דאזיגען משורר פון ציון; ליידער פיהלט שוין נישט אונזער פאלק וואס עס וואהלט בעדארפט פיהלען אונ אונ וואס עס פלעגט אמאל פיהלען אינ'ם דאזיגען שיינעם נאמען פון ציון. א פנים, אז די מכה איז אזוי אלט, אז מען פיהלט שוין ניט דעם ווייטאג. אונ עס איז גאר קיין חדוש ניט, ווארום דורכגעהן אזא לאנגען גלות, זיין נע ונד פון איין לאנד אינ'ם אנדערען, איבער טראגען אויף זיך אזא אינקוויזיציאן אין שפאניען אונ נאך אונ נאך אונ נאך — אונ בלייבען האטש שטיקלעך מענשען — דאס אליין איז א גרויסער קונץ, דאס אליין איז א נס. איינער פון די נסים, וואס נור גאטט אליין קאן אזעלכעס בעווייזען, גאטט אונ זיין תורה, אט דאס קליינע חומש'ל, אונזער גייסטיגעס פאטערלאנד (Духовное отечество) דאס אליין וואס מיר האלטען זיך שוין אזוי לאנג אין אונזער יודישקייט אונ זענען נישט אפגעמעקט געווארען פון דער ערד, ווי א סך אנדערע פעלקער, פון וועלכע עס איז ניט געבליבען קיין שריד ופליט. קיין זכר אפילו — דאס אליין איז א בעווייז אז מיר קאנען נאך זיין אונ מיט גאט'עס הילף וועלען מיר נאך זיין א פאלק מיט אלע סימנים פון א פאלק, פון א נאציאן.

אַט וואס מיר זענען, מיר זענען אַ פאָלק, וואס האָט זיין אייגענע אמונה, זיין אייגענע היסטאָריע (און נאָך וואס פאַר אַ שיינע היסטאָריע!) זיין אייגענע שפּראַך, נאָר אָהן אַ לאַנד, וועלכעס מיר האָבען געהאַט און פאַרזינדיגט, און אָהן אַ אידעאַל, וועלכען מיר האָבען געהאַט און פאַרלאָהרען! (אַ פּנים, אַז מיר האָבען אַסך פאַרלאָהרען אין דער צייט פון אונזער אַרומשלעפּען זיך אין שכנות!) — און דאָס וואַרפט מען אונז פאַר אַלע מאָל, מען זאָגט אויף אונז אַז מיר זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַזוי אַ בעזונדערע סעקטע, און דאָס איז איינע פון די סבות וואס מען האָט אונז פיינט.

איצט בלייבט איבער די דריטע קשיה: וואס פאַר מחותנים זענען מיר מיט די איבעריגע פעלקער?

קיין שום מחותנים ניט!

עס איז אפילו יאַ געווען עטליכע מאָל אַזעלכע צייטען, וואס מען האָט געשמועסט פון מחותנים'שאַפט; שם און יפת האָבען זיך געוואָלט משדך זיין; עס האָט געהאַלטען ביי אויסמישען זיך (אַסימילאַציאָן), ביידע צדדים האָבען זיך גענאַרט, כלומר'שט געוואָרען חבר, נאָר איין לייב און זייל; און ווער רעדט נאָך מיר פון אונזערע זייט זענען שוין געווען כמעט פאַרטיג אַרום און אַרום, און בכדי צו ווייזען אַז מיר זענען צופרידען מיט'ן שדוך האָבען מיר גענומען נאָכטהון זיי אין אַלע זאַכען: מיט דער הלבשה, מיט דער שפּראַך, מיט די מנהגים אין שטוב, מיט די שמחות, מיט אַלע תנועות און מיט די נאָמען: פון אַברהמ'ל איז מיט דער צייט געוואָרען אַנטאָן, פון ירמיה — יערמאַליי און פון געציל — מאַקסים, און ווי באַלד אַזוי איז שוין מילא געוואָרען פון חנה גערטרודאַ, פון אסתר — איזאַבעללאַ און פון דוואָשי — קלעאָפּאַטראַ... איינער האָט נאָכגעטאַנצט דעם אַנדערען, איטליכער האָט געוואָלט איבערשטייגען יענעם, ווייזען וואס מעהר בריה'שאַפט, אַז „איך בין ניט איך". — וואס האָט זיך אויסגעלאָזט דערפון? אַ בזיון! און נאָך אַזוי מיאוס, מיט סקאַנדאַלען! וואס זאָל מען טהון, אַז ס'איז פאַרט נישט קיין גלייכע מחותנים? מיר קומען אַרויס פון שם, מיר זענען סעמיטען, און מיט געוואַלד ווערד קיין שדוך ניט געשלאָסען Насильно милъ не будешь!

אָט דָאס זֶענֶען דִי דְרַייא הויפְּט סִבּוֹת, וָואס מֶען הָאט אונְז אומֶעדוּם אוּנ אַלֶע מָאל פַּיינְט: מֶען הָאט אונְז פַּיינְט דֶערְפַאר, וָואס מִיר זֶענֶען פְּרֶעמְדֶע אוּנ ווילֶען עֶסֶען. מֶען הָאט אונְז פַּיינְט דֶערְפַאר, וָואס מִיר זֶענֶען אַ פָאלְק אָהן אַ לַאנְד אוּנ אָהן אַ אִידֶעאַל. מֶען הָאט אונְז פַּיינְט דֶערְפַאר, וָואס מִיר זֶענֶען קַיין שוּם מְחוּתָּנִים נִיט מִיט דִי פֶעלְקֶער אוּנ שְׁטוּפֶּען נָאךְ דִי קַארְטֶע, טַאנְצֶען נָאךְ אִיטְלִיכֶען אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי אויגֶען אַרַיין. מֶען הָאט אונְז פַּיינְט... מִיט אֵיינֶעם וָוארְט, מֶען הָאט אונְז פַּיינְט אוּנ מֶען יָאגְט אונְז אוּנ מֶען וֶועט אונְז פַּיינְט הָאבֶּען אוּנ יָאגֶען וָואס וַוייטֶער אַלְץ מֶערֶער, אַלְץ עֶרְגֶער, הַלְוַאי מִיר זָאלֶען לִיגֶען זָאגֶען.

---

ב) וַוייל עֶס גֶעהט וָואס וַוייטֶער אַלְץ עֶרְגֶער, לָכֵן אִיז דִי לַאגֶע גֶעפֶעהרְלִיךְ, עֶס טָאר לַאנְג אַזוֹי נִישְׁט זַיין אוּנ עֶס מוּז נֶעמֶען אַיין עֶנְדֶע, דֶענְן פְּרִיהֶער אַז מֶען פְלֶעגְט אונְז פָארְוַוארְפֶען אוּנְזֶערֶע פֶעהלֶער, אויפְמִישֶׁען אַלְטֶע חֲטָאִים, פְלֶעגֶען מִיר זִיךְ פַארֶענְטְפֶערֶען, זִיךְ וֶועלֶען אויסְפַּיינֶען, אַלְץ אויסְוַוייזֶען מִיט רְאָיוֹת, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען מֵיינְט. „אַ סִימָן הָאט אִיהר, אָט פְּרוּבְט אונְז שֵׁיינְקֶען אַבִּיסֶעל מֶעהר פְרַייהַייט, לָאזְט אונְז בִּילְדֶען זִיךְ, גִיט אונְז בִּילְדוּנְג, וֶועט אִיהר זֶעהֶען, אַז מִיר וֶועלֶען זַיין גָאר אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען!" — אַזוֹי פְלֶעגֶען מִיר טַעֲנֶה'ן גַאנְץ עֶרְנְסְט אוּנ מִיר הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט, אַז נִיט הַיינְט אִיז מָארְגֶען, וֶועט עֶס זִיךְ מִן־הַסְּתָם אִיבֶּערְאֶנְדֶערֶען...

הַיינְט, אַז מִיר זֶעהֶען אַרוּים, אַז נִישְׁט קַיין פַארֶענְטְפֶערֶען זִיךְ, נִישְׁט קַיין אויסְפַּיינֶען זִיךְ קָאן אונְז הֶעלְפֶען, אַז מִיר זֶענֶען אַ פָאלְק פַאר זִיךְ, וָואס אויסְמִישֶׁען זִיךְ מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע פֶעלְקֶער וֶועלֶען מִיר זִיךְ קַיין מָאל נִיט, אוּנ מֶען הָאט אונְז פַּיינְט אומֶעדוּם אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, מוּזֶען מִיר דָאךְ זוּכֶען עֶפִּים אַ מִיטֶעל אַזֶעלְכֶעס, וָואס זָאל הָאבֶּען אַ קִיוּם, מוּזֶען מִיר זִיךְ אַלֵיין גֶעבֶּען אַיין עֵצָה, אַלֵיין הֶעלְפֶען זִיךְ. אִין אונְז אַלֵיין אִיז אוּנְזֶער הִילְף.

---

**אִין וואס זשע אִיז אונזער הילף? וועלכעס אִיז אונזער הילפס.**

מִיטְעֶל? — דֶערוּיף הָאבֶּען לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ אַסַךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים, אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע גֶעלֶעהרְטֶע לַייט, אוּנְזֶערֶע זָארְגֶערְס פַאר'ן פָאלְק, אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעפוּנֶען נוּר אֵיין מִיטֶעל: יוּדֶען בֶּעדַארְפֶען הָאבֶּען אַ אִידֶעאַל; דֶער אִידֶעאַל בֶּעדַארְף זַיין „לַאנְד"; מִיט אֵיינֶעם וָוארְט יוּדֶען בֶּעדַארְפֶען הָאבֶּען אַ לַאנְד, אֵיין אֵייגֶען לַאנְד.

---

נָאךְ מִיט אַ יָאהר זֶעכְצֶעהן צוּרִיק הָאט אַ גְרוֹיסֶער מַאנְן, דֶער גֶעוִויסֶער דָאקְטָאר פִּינְסְקֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ קְלֵיין בִּיכֶעלֶ'ע מִיט'ן נָאמֶען „אויטָאעמַאנְסִיפַּאצְיָאן" (זֶעלְבְּסְטְהִילְף); דָאס קְלֵיינֶע בִּיכֶעלֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען אַנְדְרוּק אִין דֶער יוּדִישֶׁער וֶועלְט. „... בִּכְדֵי עֶס זָאל נֶעמֶען אַמָאל אַ סוֹף צוּ אוּנְזֶערֶע צָרוֹת — אַזוֹי זָאגְט דָארְטֶען דֶער דָאקְטָאר פִּינְסְקֶער — בֶּעדַארְפֶען מִיר הָאבֶּען אַ לַאנְד; נָאר נִישְׁט וַוארְטֶען בִּיז מֶען וֶועט אוּנְז אַמָאל שֵׁיינְקֶען, נָאר אַלֵיין בֶּעדַארְפֶען מִיר זִין זוּכֶען עֶרְגִיץ אַ לַאנְד, אָדֶער חָאטְשׁ אַ שְׁטִיקֶעל עֶרְד, אַ ווִינְקֶעלֶע אַן אֵייגֶענְס, וואוּ עֶס אִיז, אַבִּי אֵיין אֵייגֶענְס..."

צִי פַארְשְׁטֶעהט אַ יוּד, וָואס לִיגְט אִין דִי עֶטְלִיכֶע פְּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער — „אַ שְׁטִיקֶעל עֶרְד, אַ ווִינְקֶעלֶע אֵיין אֵייגֶענְס?" צִי פִיהלְט אַ יוּד ווִי נֵייטִיג אוּנ ווִי נוּצְלִיךְ דָאס אִיז יֶעדֶען אֵיינְצִיגֶען פוּן אוּנְז אוּנ פַאר דֶעם גַאנְצֶען כְּלָל, פַאר אוּנְז אַלֶעמֶען? צִי טְרַאכְט אַ יוּד וֶוען דֶערְפוּן וָואס פַאר אַ פָּנִים מִיר וָואהלְטֶען דֶערְמָאלְט גֶעהַאט צְווִישֶׁען דִי פֶעלְקֶער וֶוען מִיר הָאבֶּען עֶרְגִיץ אוּנְזֶער אֵייגֶען שְׁטִיקֶעל עֶרְד, אוּנְזֶער אֵייגֶען ווִינְקֶעלֶע, אַזוֹי אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעפֶּערְס, קֵיין צִיגֵיינֶערְס, קֵיין אָנְגֶעוָוארְפֶענֶע, קֵיין אִיבֶּערִיגֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט? מִיט אֵיינֶעם וָוארְט — צוּ קְלֶעהרְט אַמָאל אַ יוּד וֶועגֶען אַ דִירָה, אַן אֵייגֶענֶע דִירָה?

דֶער דָאקְטָאר פִּינְסְקֶער הָאט, ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, וֶועגֶען דֶעם לַאנְג אוּנ אַסַךְ גֶעקְלֶעהרְט אוּנ הָאט גֶעפוּנֶען, אַז נוּר אַ לַאנְד אֵיין אֵייגֶענֶע קָאן אוּנְז בְּרֵיינְגֶען דִי אֶמֶת'ע יְשׁוּעָה, אוּנ מִיט דִי דָאזִיגֶע עֶטְלִיכֶע עֶרֶענְסְטֶע וֶוערְטֶער הָאט דֶער דָאקְטָאר פִּינְסְקֶער גֶעלֵייגְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען

שְׁטֵיין פון יֶענֶעם גְרויסֶען בִּנְיָן, וָואס אִיז נָאכְדֶעם אויפְגֶעבּויעט גֶעוָוארֶען בַּיי אונְזֶער פָאלְק, דֶענְן אויף דִי דָאזִיגֶע עֶטְלִיכֶע עֶרֶענְסְטֶע וַואדֶעמֶע וֶוערְטֶער הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען נָאכְדֶעם אונְזֶערֶע אִיבֶּערִיגֶע יוּדִישֶׁע שְׁרַייבֶּער, וֶועלְכֶע הָאבֶּען בַּאֲרִיכוּת אַרוּמְגֶערֶעדְט, בַּאטְרַאכְט דֶעם דָאזִיגֶען עִנְיָן פוּן אַלֶע זַייטֶען, אוּן מֶען הָאט גֶענוּמֶען נָאךְ זוּכֶען אויף דֶער גְרויסֶער וֶועלְט אַזַא לַאנְד, וואו מֶען זָאל קָאנֶען בַּאזֶעצֶען, קָאלָאנִיזִירֶען אונְזֶערֶע בְּרִידֶער, וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אִין אֵיינִיגֶע לֶענְדֶער, וִוי אַ בֵּיין אִין הַאלְז, נִיט אַהִין אוּן נִיט אַהֶער. דֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאלֶעסְטִינַא, דֶער — אַרְגֶענְטִינַא, דֶער — בְּרַאזִילְיֶע; דֶער הָאט אָנְגֶעוִויזֶען קַיין אַפְרִיקָא, דֶער — אויפ'ן אִינְזֶעל קִיפֶּר, דֶער — אוּנְטֶער דִי הָרֵי חֹשֶׁךְ צוּ אַלֶע גוּטֶע יָאהר! עֶס אִיז אויסְגֶעקוּמֶען נָאךְ'ן וֶוערְטִיל: „דִי וֶועלְט אִיז גְרויס, נָאר נִישְׁטָא זִיךְ וואו אַהִינְצוּטְהוּן...“ אוּן אַזוֹי וִוי דִי אִיבֶּערִיגֶע פֶעלְקֶער זֶענֶען נִישְׁט אַרויסְגֶעגַאנְגֶען אַקֶעגֶען אוּנְז מִיט אַזַא בְּרֵייטֶען „שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם“ אוּן הָאבֶּען זִיךְ עֶפִּים נִישְׁט אַזוֹי גֶעאַייל'ט אוּנְז אַיינְצוּלַאדֶען, אַרַיינְבֶּעטֶען דֶעם דָאזִיגֶען טְהַייעֶרֶען גַאסְט „סְקָאצֶעל קוּמְט רֶב יַעֲנְקֶעל“; אַדְרַבָּה מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען פַאר אוּנְז וִוי יֶענֶע זִיבֶּען שְׁטֶעדְט פַאר'ן חַזָן, וָואס אִיטְלִיכֶעס שְׁטֶעדְטֶעל הָאט גֶעוָואלְט, אַז דֶער חַזָן זָאל פָאהרֶען אִין אַ אַנְדֶער שְׁטָאדְט; לָכֵן אִיז גֶעבְּלִיבֶּען דֶער הֶסְכֵּם, אַז אויבּ יוּדֶען ווִילֶען עֶקְסֶעסְטִירֶען, לֶעבֶּען וִוי אַ פָאלְק, אִיז קַיין אַנְדֶער מָבוֹא נִישְׁטָא, סַיידֶען אַהִין אִינ'ם אַלְטֶען הֵיילִיגֶען לַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת. מֶען הָאט אויסְגֶעוִויזֶען מִיט רְאָיוֹת, אַז אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע וֶועגֶען זֶענֶען פַאלְשׁ, דֶענְן יִשְׂרָאֵלִיק אִיז אַזוֹי אויךְ גֶענוּג צוּוַוייט אוּן צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. מֶען בֶּעדַארְף הָאבֶּען אַ מֶרְכָּז, אַ צֶענְטֶר. הַכְּלָל דִי פְרַאגֶע: „וָואהִין?“ אִיז מִיט דֶער צַייט כִּמְעַט גֶעוָוארֶען אוֹיס פְרַאגֶע; אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אויסְגֶעבִּילְדֶעט בַּיי אוּנְז דִי חֶבְרָה „חוֹבְבֵי צִיּוֹן“, וֶועלְכֶע עֶקְסֶעסְטִירְט עַד הַיּוֹם הַזֶּה; אוּן חָאטְשׁ אֲפִילוּ בְּשַׁעַת דִי עֶמִיגְרַאצְיֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען זֶענֶען מֶעהְרֶער יוּדֶען גֶעפָאהרֶען, אוּן פָאהרֶען נָאךְ הַיינְט אויךְ, קַיין אַמֶערִיקָא; נָאר וִוי מִיר ווייסֶען לִיגְט דָאס הַארְץ פוּן יֶעדֶען אֵיינְצִיגֶען נָאר אַהִין, צוּם לַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען. „פַּאלֶעסְטִינַא“ „אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל“, „צִיּוֹן“ — אָט דָאס

זענען די ווערטער, וואס לאזען זיך הערען אין די לעצטע יאהרען גאנץ אפט ביי אונזער פאלק אומעדום, אפילו אינ'ם ווייטען פרייהעם לאנד אמעריקא, און מיר האבען שוין אין פאלעסטינא, ווי עס איז בעוואוסט, שיינע עטליכע קאלאניעס, וואס דער באראן רויטשילד האט געגרונדעט, און אויך אונזערע אייגענע קאלאניעס, וואו אונזערע ברידער פיינען זיך אויס מיט זייער ארבייט.

די צייט האט אונז אבער באוויזען, אז די קאלאניזאציע פון פא־לעסטינא געהט אביסעל צו שטיל, צו לאנגזאם; דאס יודישע פאלק וואקסט און דער דלות ווערד גרעסער; צרות מעהרען זיך און האפנונגען ווערען וויניגער; דער הינגער טרייבט אונזערע ברידער אין דער וועלט אריין; דער לויפט קיין אמעריקא, דער זוכט דאס גליק אין אפריקא— דאס איז אבער אלץ נישט דאס רעכטע מיטעל, דורך אזא לויפען אין דער וועלט אריין וועט דאס פאלק נישט געהאלפען ווערען; יודען בע־דארפען האבען קודם כל אלאנד איין אייגענם, וואס זיי זאלען קאנען פאהרען אהין באזעצען זיך אפענטליך, נישט אריינגנבה'נען זיך אהין, ווי עס איז פארגעקומען ביז אהער. דאס זענען די ווערטער פונ'ם בעוואוס־טען דאקטאר הערצל, וועלכער האט צענויפגערופען און געגרונדעט דעם ערשטען יודישען קאנגרעסס אין באזעל.

אייגענטליך האט דער דאקטאר הערצל מיט די דאזיגע ווערטער קיין נייס נישט אויפגעטאן; ער האט געזאגט כמעט דאס זעלבע, וואס דער דאקטאר פינסקער האט געזאגט פריהער מיט זעכצעהן זיבעצעהן יאהר. דער חלוק איז, פינסקער האט געזאגט סתם אז יודען בעדארפען האבען אלאנד, און הערצל ווייזט אן גלייך אויף פאלעסטינא; דער דאקטאר פינסקער האט אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ שטיל, געלאסען, אהן ליארעם, און דער דאקטאר הערצל איז ארויס אפענטליך פאר דער גאנצער וועלט מיט אפארטיגע „יודישע מדינה". מיר מיינען דאס ביכיל פון דאקטאר הערצל אונטער דעם נאמען „דער יודענשטאאט" (די „יודי־שע מדינה"), וואס האט געמאכט ארעש ניט נור צווישען יודען, נאר אויך צווישען קריסטען. „א יודישע מדינה — זאגט דער דאקטאר הערציל—

דאס איז נייטיג נישט נור פאר אונז אליין, נאר אויך פאר דער גאנצער וועלט, דענן נור דערמיט וועט מען פטור ווערען פון דער אומגליקליכער יודישער פראגע (еврейкій вопросъ). פארשטעהט זיך, אז כל זמן דער געדאנק פון א יודיש לאנד, פון א יודישער מדינה וועט זיין א געדאנק פון איינעם אדער פון עטליכע מענשען, וועט דער רעיון זיין ניט מעהר ווי א שיינער רעיון און גענוג; ווי באלד אבער דער געדאנק וועט זיין ביי'ם גאנצען פאלק, איז ניט שוועהר אז עס זאל אויסגעפיהרט ווערען..."

„דאס יודישע פאלק — זאגט דער דאקטאר הערצל — קאן נישט און וויל נישט און דארף נישט פארלאהרען ווערען; עס קאן נישט פארלאהרען ווערען דערפאר, וואס די שונאים דער לאזען נישט...; אז עס וויל נישט פארלאהרען ווערען — דאס זעהען מיר, ווי עס פלאגט זיך שוין באלד 2000 יאהר און האלט זיך נאך, און עס דארף נישט פארלאהרען ווערען, ווארום ס'איז נישט כדאי; איינציגע בלעטלעך מעגען אפפאלען און דער בוים בלייבט אלץ א בוים... און בכדי מיר זאלען נישט פארלאהרען ווערען, בעדארפען מיר האבען א לאנד, איין אייגען לאנד. שוין צייט, זאגט הערצל, מיר זאלען שוין אויך לעבען ווי מענשען, שוין צייט מיר זאלען בעווייזען די וועלט אונזער מיססיאן, דענן אלעס וואס מיר וועלען אויפטהון אין אונזער נייעם לאנד, וועט זיין לטובה נישט נור פאר אונזער פאלק אליין, נאר פאר אלע מענשען, פאר דער גאנצער מענשהייט!"

„פאלעסטינא אדער ארגענטינא?" — אזוי פרעגט דער דאקטאר הערצל און ענטווערט אליין: „דאס יודישע פאלק וועט זאגען א דאנק פאר איטליכעם שטיקעל ערד, וואס מען וועט זיי אוועק געבען, בכדי זיי זאלען דאס קאנען פריי בעזעצען און ענטוויקלען דארטען זייערע כוחות מיט זייערע פעהיגקייטען. דער חלוק צווישען ארגענטינא און פאלעסטינא איז, וואס דאס הייליגע לאנד ציון איז געבונדען מיט אונזער אלטע היסטאריע; דער נאמען אליין „ארץ ישראל" איז גענוג, אז דאס לאנד זאל זיין בעליבט פונ'ם יודישען פאלק".

און דאקטאר הערצל לייגט פאר זיין בעוואוסטען פלאן, ווי אזוי

יוּדֶען זָאלֶען קוֹיפֶען עֶרד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואו מֶען זָאל גֶעמֶען דֶערוֹיף גֶעלְד און ווִי אַזוֹי עֶס זָאל זִיךְ מִיט דֶער צַייט אוֹיסְבִּילְדֶען אַ יוּדִישֶׁע מְדִינָה, גֶעוואהְנְלִיךְ מִיט דֶער הַסְכָּמָה פוּן דֶעם סוּלְטַאן און פוּן אַלֶע רֶעגִי-רוּנְגֶען אִין אֵייראָפָּא. אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶעם דָאזִיגֶען פְּלַאן אִינְגַאנְצֶען ווָאלְט מֶען בֶּעדַארְפְט אָנְשְׁרַייבֶּען אַ גַאנְץ בֶּעזוּנְדֶער בּוּךְ. יֶעדֶענְפַאלְס פַארְשְׁטֶעהְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער, אַז אוֹיפְבּוֹיעֶן אַזָא הוֹיכֶען גְרוֹיסְאַרְטִיגֶען בִּנְיָן אִיז עֶפִּים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג; דָאס אִיז אֵיין אַרְבֵּייט נִישְׁט אוֹיף אַ יָאהר און נִישְׁט אֲפִילוּ אוֹיף קֵיין צֶעהְן יָאהר, ווִי מֶען זָאגְט: נִישְׁט אַזוֹי גִיךְ טְהוּט זִיךְ עֶס ווִי עֶס רֶעדְט זִיךְ. יוּדֶען בֶּעדַארְפֶען פְרִיהֶער רֶעכְט פַארְשְׁטֶעהְן דֶעם דָאזִיגֶען גֶעדַאנְק, גֶעווֵיינְט ווֶערֶען מִיט אִיהם. יוּדֶען בֶּעדַארְפֶען פְרִיהֶער פַארְטִיג ווֶערֶען מִיט דֶער פְרַאגֶע, ווָאס מִיר הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִינ׳ם דָאזִיגֶען רֶעפֶערַאט: „אוֹיף ווָאס בֶּעדַארְפֶען יוּדֶען אַ לַאנְד?" דָאס הֵייסְט מֶען בֶּעדַארְף זֶעהֶען, אַז אַלֶע יוּדֶען זָאלֶען פִיהְלֶען און פַארְשְׁטֶעהְן ווִי נֵייטִיג און נוּצְלִיךְ דָאס אִיז; מֶען בֶּעדַארְף זֶעהֶען, אַז דֶער דָאזִיגֶער רַעְיוֹן זָאל זַיין דֶער אִידֶעאַל פוּנ׳ם גַאנְצֶען פָאלְק; מֶען בֶּעדַארְף זֶעהֶען, אַז אוּנְזֶערֶע פְרוֹיעֶן און אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער זָאלֶען דָאס פַארְשְׁטֶעהְן, בִּכְדֵי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען ווֶערֶען אוּנְטֶער אוּנְזֶער נַאצְיָאנַאלֶע פָאהְן, בִּכְדֵי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַיין יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, ווָאס זָאלֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט זַייעֶר פָאלְק. „יוּדֶען בֶּעדַארְפֶען זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּרִיק צוּם יוּדִישֶׁען פָאלְק, אֵיידֶער זֵיי ווֶעלֶען זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּם יוּדִישֶׁען לַאנְד" — אָט דָאס אִיז גֶעווֶען דֶער הוֹיפְּט-פּוּנְקְט פוּנ׳ם קָאנְגְרֶעסס אִין בַּאזֶעל, ווָאס אִיז ווֶערְט עֶס זָאל אוֹיסְגֶעקְרִיצְט ווֶערֶען מִיט גָאלְדֶענֶע אוֹתִיוֹת, ווָארוּם מֶען קָאן נִישְׁט רֶעדֶען פוּן קֵיין יוּדִישֶׁע מְדִינָה אֵיידֶער מִיר ווֵייסֶען צִי עֶס אִיז פַארַאן אַ יוּדִישׁ פָאלְק. ווִי אַזוֹי קָאן מֶען זִיךְ שְׁטֶעלֶען בּוֹיעֶן אַזָא בִּנְיָן אֵיידֶער מֶען ווֵייסְט ווֶער זֶענֶען דִי בּוֹיעֶר? ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען זִיךְ צוּ אַזָא אַרְבֵּייט, אֵיידֶער מֶען ווֵייסְט צִי מִיר הָאבֶּען אַרְבֵּייטֶער?...

אֵיינֶער פוּן דִי דֶעלֶעגַאטֶען פוּנ׳ם קָאנְגְרֶעסס, דָאקְטָאר שַׁפִּירָא פוּן הֵיידֶעלְבֶּערְג, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: „ווֶען דֶער דָאזִיגֶער גֶע-דַאנְק ווָאלְט גֶעווֶען זַיין בַּיי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, ווֶען אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אֲבוֹתֵ׳ינוּ

וואלטען אריינגעטראגען אלע יאהר דעם שקל, וואס דער קאנגרעסס האט מתקן געווען, דאס הייסט 40 קאפ פון א מענשען פון זינט מיר האבען פאר- לאהרען אונזער מלוכה, וואהלטען מיר שוין איצט געקאנט אפקויפען דאס לאנד ארץ ישראל". איך מיין ס'איז א טעות אין חשבון: מיט אזוי פיל געלד וואלט מען שוין, דאכט מיר געקאנט אפקויפען א האלבע וועלט!... נמצא, אז אונזערע עלטערען האבען דאס ניט געטאן, איז דענן געדרונ- גען, אז מיר בעדארפען דאס ניט טהון? וואס פאר א שיינע ירושה וועלען מיר איבער לאזען אונזערע קינדער און קינדם קינדער! זיי וועלען ירשענען פון אונז דעם דאזיגען היילינען רעיון, דעם אידעאל, וואס וועט געהן בירושה פון איין דור צום אנדערען. א לאנד, איין אייגען לאנד — דאס וועט זיין דער אידעאל ביי אלע יודען אויף דער גאנצער וועלט. מעגליך, אז אונזערע קינדער אדער אונזערע איניקליך וועלען דאס דערלע- בען; מעגליך אז מיר אליין, אין אונזערע יאהרען, זאלען דאס זעהען, חאטש איין אנהייב דערפון; יעדענפאלס וועלען אונזערע נאמען זיין פארשריבען אין דער היסטאריע פון ציון. הלואי איהר זאלט דאס גוט פארשטעהן און בע- צייטענס אנהויבען צו טראכטען מכח איין אייגענע דירה. הלואי אונזער געדאנק זאל אויסגעפיהרט ווערען צום בעסטען. הלואי זאל גאט געבען אונזערע פאלקסדאקטורים קראפט און חשק אויף ווייטער צו ארבייטען לטובה פאר דעם יודישען פאלק, וועלכער איזט געביך זייער קראנק; דאס פייער זאל חלילה נישט אויסגעלאשען ווערען, די ליבשאפט זאל ביי זיי ניט אפגעקיהלט ווערען און דאס קראנקע יודישע פאלק זאל דורך זיי בעקומען די אמת'ע רפואה שלמה — אמן ואמן!

און אַ שטאַרקער פייף מיט אַ טויבן געריש האָט נאָך אַביסל גע־קלונגען אין די אויערן פון דעם פערשווינדענעם צוג. נאָר גיך איז אַלעס שטיל געוואָרן. דער בופעטשיק פערמאַכט שוין זיין קרעטעל; דער סטאָראָזש פערקלאַפּט שוין די טיר; די נאָסילשטשיקעס מיט די זשאַנדאַרמען צעגעהען זיך, דער אַהער דער אַהין; און עס ווערד אומעטיג, — פונקט ווי שבת אין אַ יודישער שול פרייטאָג צונאַכטס, נאָך מעריב, אַז אַלע צעגעהען זיך אַהיים, נאָר „אַהרן משה“ דער שמש דרעהט זיך נאָך אַרום צונויפקלויבן די איבערגעלאָזענע סידורים אויף די סטענדערס, און „יאַרעמע“ דער שול־סטאָראָזש קריכט פאַרלעשן די לאָמפּען מיט'ן טויל און די ליכט מיט צוויי באַשפּיגענע פינגער און קוקט אַרום אַז עס זאָל שוין זיין נאָך וועטשערע, בכדי ער זאָל שוין קאָנען געהן פאַרלעשן די ליכט ביי עטליכע בעלי־בתים און חאַפּן דערפאַר אַ טרונק בראָנפן מיט אַ שטיקעל שבת'קאָווע קוילעטש...

נישטאָ קיין צוג, נישטאָ קיין פאַרשוינען, נישטאָ קיין העלדען.

אפשר וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל מיט זיי באַגעגענען?

עס קאָן זיין.

דערווייל לאָמיר זיך געזעגענען.

אויף ווידערזעהן!

שפרונגען פונ'ם וואגען, האט אסים געחאפט די דאמען אונטער די הענט, ווי איין עכטער „קאוואליער", און האט זיי אראבגעטראגען אויף דער פלאטפארמע, אויסגעשריגען אויף א קול: „נאסילשטשיק!!" חאטש דער נאסילשטשיק (טרעגער) האט שוין גאר ניט געהאט וואס צו נעמען, מחמת חיים בלאנק האט אין זיינע ברייטע ארעם אריינ-געחאפט אלע חפצים מיט די קינדער אפילו די בולקעס מיט די בייגעל וואס האבען בעדארפט פארנעמען איין ארט כמעט ווי א פאסאזשיר; נאר אונזער געעהרטעסטער אסים זעמעל האט געהאט א „בריטען כאראקטער" און האט ליעב געהאט אין וועג אויסשטעלען זיך לייטיש, ווי א פיינער מ. נ. ז. אזוי אז אלע זאלען ארום איהם פערדיענען... אריינגעלאפען אין זאל 1-טע קלאס, האט דער הער זעמעל א געשריי געטהון זעהר ברייט: „עי, טשעלאוויעק! טשאיו!" חאטש עס איז געוועזען צעהען מינוט צום צוג און קיין טעה האט זיך לחלוטין קיינעם ניט געגלוסט; דער הער זעמעל האט נישט געקאנט ליידען, וואס דער בופעטשיק שטעהט צונויפגעלייגט די הענט; קיין טעה האט ער אליין נישט געטרונקען, ווייל ער האט בעדארפט אוועק לויפען נאך בילעטען, און בדרך הליכה איז ער צוגעלאפען צום בופעט; האט גיך בעטראכט דורך די אשקאלירענע ברילען און אויסגעשמעקט מיט דער נאז אלע גוטע זאכען וואס אויפ'ן בופעט, האט אויסגעטרונקען (ווייטער אהן חשק) און פערביסען, זיך צעצאהלט ארענטליך; גענומען בילעטען; מיט א צווי, דריי בעקאנטע זיך געוויטעט; שטארק געסקריפעט מיט די שטיוועל; געקוקט דורך די אשקאלירענע ברילען אויף א יונגע דאמע אזוי שטארק, אז די דאמע האט געמוזט אבדרעהען אין איין אנדער זייט, און האט זיך גענומען אריינצוזעצען די דאמען, רעוועקא'ן מיט סאניען, אין וואגאן אריין אזוי געטריי, גלייך ווי ער וואלט דערפאר גענומען גאט ווייסט וואס פאר א געהאלט!...

אין צוויי מינוט ארום איז שוין קיין צוג נישט געווען; נאר א ווייסער, צעגאנגענער רויך האט זיך געקויקעלט—געקויקעלט און איז אויך פערשוואונדען וויט וויט אין דעם אונטערגעפארבטען הימעל.

קלאפ פון די פיס פון די פערד און פון די רעדער; ווי א לאנג, שמאל שנירעל ציהט זיך דער וואלד; פון ביידע זייטען יונגע בעריאזעס, ווי מיט קרייד אבגעווייסט; קיין ווינט איז ניטא, און זייערע גרינגע בלעטלעך געפינען זיך בערוהיגט, שטיל; צווישען דעם ים מיט בוימער לייכט זיך דורך דאס ליכטיגקייט לויטער פונקט ווי א שפיגעל; פון ווייט הערט מען א קול: „אאו"! און דער ווידער־קול (עכא) ענטפערט אויך „אאו"!... נאר אט האט זיך שוין דער וואלד אויך געענדיגט און מען איז אריינגעפאהרען אין א זאמד, א געדעכט־טרוקען זאמד, וואו די פערד געהען געמאסטענע טריט און דער וואגען קאטשעט זיך פאמעלעך, און אפט מאל חאפט זיך ארויס פון איין אקס אט ווי א זיפץ, אדער א קרעכץ; די פערדלעך איז נישט גרינג צו שלעפען די פיס פונ'ם זאמד, דער רייזענדער איז דעמאלט אויפגעלייגט אנצושפארען זיך אויף א זייט און חאפען א דרימעל, אדער אזוי ליגען אויסגעצויגען און קוקען אהין אין דער ווייטקייט און קלערען, טראכטען, אדער גאר ניט קלערען, אזוי לאנג ביז דער בעל־עגלה טהוט א געשריי אויף די פערד מיט א פייף, און די פערד טהון פלוצים א שלעפ דעם וואגען און הויבען אן ווייטער לויפען ווי פריהער, ביז עס קומט צום טייך, וואס די פערד שרעקען זיך פריהער און נאכדעם געהען זיי טריט ביי טריט, און דאס וואסער זשומעט, רוישט אונטער די רעדער. און אז מען קוקט אראב זעהט מען דעם אבשיין פון דער זון, וואס ציטערט אין וואסער און וויגט זיך אהין און אהער, גלייך ווי מען ווארפט זי אונטער אין א ליילעך... נאך דעם טייך איז נאך אביסעל זאמד — און ווייטער דערזעלבער ברייטער פאטשטאווע שליאך מיט די גרינע פעלדער פון ביידע זייטען און מיט די סטויפעס פון דעם טעלעגראף גלייך צום וואגזאל, וואס מען זעהט ארויס פון דערווייטען.

אויפ'ן וואגזאל, אין הויף, האבען אונזערע פארשוינען שוין געטראפען עטליכע דראזשקעס מיט פאעטאנעס און די זון האט זיך שוין אנגעהויבען אראבלאזען נידריגער און נידריגער, אראב נע־

פְרֵייהלִיךְ איז גֶעוֶועזֶען אִין דְרוּיסֶען!... אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג פוּנִ'ם חוֹדֶשׁ מַאי איז דָאס גֶעוֶוען, און דִי זוּן הָאט נָאךְ נִיט אַזוֹי גֶעבְּרָאטֶען, וִוי גֶעוַוארֶעמְט, גֶעלַייבְּט, גֶעמַאכְט לֶעבֶּעדִיג אַלֶעס, זַי דָאס גְרָאז, וָואס אוֹיפְ'ן פֶעלְד, אִי דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וָואס אִין פֶעלְד, אִי דִי טֶיגְשֶׁען מִיט דִי קְלֵיינֶע מֶעגְשֶׁעלֶעךְ, דִי קִינְדֶער, וָואס קְרִיכֶען אַרוּיס גַאנְץ פְרִיה פוּן דִי פִינְסְטֶערֶע הַאלְבּ צוּוַואלְגֶערְטֶע שְׁטִיבֶּעלֶעךְ, פּוּנְקְט וִוי דִי טַארַאקַאנֶעס פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶען—אַלֶע און אַלֶעס בֶּענְשֶׁען, לוֹיבֶּען און דַאנְקֶען דֶער שֶׁעגֶער, וַוארֶעמֶער, לִיכְטִיגֶע זוּן, וָואס שְׁטֶעהְט אַצוּנְד אִין הַאכְבֶּען הִימֶעל און גִיסְט פוּן זִיךְ אִיהר צֶערְטְלִיכֶע וַוארְמְקַייט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶען, בְּרֵייטֶען פֶעלְד, וָואס הָאט דָא נִיט לַאנְג אַרוֹיפְגֶעצוֹיגֶען אוֹיף זִיךְ דָאס גְלַאטֶע גְרִינֶע קְלֵייד. וִוי אַ לוֹיטֶערֶער שְׁפִּיגֶעל אִיז רֵיין דֶער הִימֶעל; עֶס שְׁווִימֶען אַרוּם עֶרְטֶערְוַוייז שִׁיטֶערֶע שְׁטִיקֶער וָואלְקֶענְס, נִישְׁט אוֹיף אַ רֶעגֶען, נָאר אַזוֹי שְׁווִימֶען זֵיי אַזוֹי לַאנְג בִּיז זֵיי וֶוערֶען צֶעקְרָאכֶען, צֶעגַאנְגֶען און מֶען וַוייסְט נִיט וואוּהִין זֵיי זֶענֶען אַוֶועק. וַוייט וַוייט אוֹיפְ'ן הָארִיזָאנְט זֶעהְט זִיךְ אַרוֹיס אַ שְׁפִּיץ קְלוֹיסְטֶער אָדֶער אַ גְרִינֶער דַאךְ פוּן אַ פְּרִיצִ'ישֶׁען הוֹיף, עֶס בֶּעוַוייזְט זִיךְ אוֹיף אַ מִינוּט און עֶס וֶוערְט וַוייטֶער פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען, דֶער וֶועג אִיז אַ פָּאסְטְוֶועג און אִיז גְלַייךְ וִוי אוֹיף אַ בְּרֶעט, דֶער שְׁטוֹיבּ אִיז נָאךְ נִיט אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אִין חוֹדֶשׁ תַּמוּז; דִי מָאטִיפֶּעס פוּנִ'ם טֶעלֶעגְרַאף פְלִיהֶען פֶערְבֵּיי! פֶערְבֵּיי! און עֶס שְׁווִינְדֶעלְט אִין דִי אוֹיגֶען, און מֶע הֶערְט אַ גֶעזַאנְג פוּן פֵייגֶעלֶעךְ און מֶען זֶעהְט דֶעם גֶערוֹדֶער וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ צְווִישֶׁען דִי קְלֵיינֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישֶׁען אִין דֶער נַאטוּר. גוֹיִם מִיט זֵייעֶרֶע אָכְסֶען און מִיט זֵייעֶרֶע אַקֶער־צַייג בֶּעגֶעגֶענְט מֶען גַאנְץ אָפְט, אֵיינִיגֶע פוּן זֵיי נֶעמֶען אַרָאפּ דָאס הִיטֶל און גֶעבֶּען אָפּ דֶעם גוּט מָארְגֶען פוּן דֶערְוַוייטֶען.

פְלוּצִים, מֶען קוּקְט זִיךְ גָאר נִישְׁט אַרוּם, אָט אִיז שׁוֹין דֶער וַואלְד! פְלוּצִים אִיז וִוי פִינְסְטֶערֶער גֶעוָוארֶען און עֶס הָאט מִיט אַמָאל אַ זֶעץ גֶעטְהוּן אַ גְרִינֶער, אַ פְרִישֶׁער אַרָאמַאט אִין נָאז אַרֵיין און עֶס אִיז עֶפֶּעס וִוי קִיהלֶער גֶעוָוארֶען אוֹיפְ'ן לַייבּ; מֶען הֶערְט כִּמְעַט יְעדֶען

געזונד . . . אַז דאָס וואָס איהר זענט דאַנקען גאָט אין בעסטען געזונד...
אַז מיר אַלע... אַז... אַז... אַז...

מיט דעם לעצטען „אַז" האָט זיך דער שיינער העלד זעמעל דערוואָרגען און איז געוואָרען רויט ווי פייער פאַר הרפּה, וואָס ער איז פאַרקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין! ...

אָנגעצויגען, שטאַרק אָנגעצויגען איז געווען דאָס געזעגענען און דאָס אָבּרייזען פון דעם הער בּלאַנקס קינדער, און יעדער האָט דאָס געפיהלט, און סע איז עפּיס יעדען געווען אַזוי ביטער, אַזוי שלעכט אויפ'ן האַרצען, אַזוי ליידיג אינווייניג!... נאָר אַרויס־רעדען, אויפ־דעקען דאָס איינער פאַר דעם אַנדערען האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט... יעדער האָט זיך געהאַט „זיינע" געדאַנקען, יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך זעלבּסט... נאָר די קליינע קינדער האָבּען פערטרויט, איינע דער אַנדערער זייערע געפיהלען מיט זייערע געדאַנקען.

— זעה נאָר זעה, מאַני, וואָס פאַר אַ הויכער מויער! אַי־אַי־אַי; בּיי אונז איז ניטאָ אַזאַ שטוב! אַי־אַי־אַי! וויפיל פענסטער! וויפיל קוימענס! וואָס איז דאָס? פּאַפּאַשאַ! מאַמאַשאַ! וואָס איז דאָס? ווער זיצט דאָ? וואָס פאַר אַ גראָז! וואָס פאַר בּוימער!

גליקליכע קינדער! קוועלט און; קוועלט און פונ'ם גרינעם גראָז, פון די שיינע בּוימער, פון דער גרויסאַרטיגער רייכער נאַטור! גיך גיך וועט איהר אפשר געוואָהר ווערען פון אַנדערע זאַכען, וואָס וועלען אייך פערשלאָגען דעם קאָפּ און איהר וועט פאַרגעסען די נאַטור מיט איהרע שיינע בּילדער, גלייך מיט אייערע עלטערען אַצונד, וואָס זענען אויך אַמאָל געווען קינדער און האָבּען אויך געקוקט אויף דעם דאָזיגען גראָז, מיט די דאָזיגע בּוימער, מיט דער דאָזיגער זון מיט די זעלבּע אויגען, וואָס איהר קוקט אַצונד!...
גליקליכע קינדער! געבּ גאָט אויף לאַנג, אויף לאַנג אייער גליק!...

נאָר ווי וויסט און פינסטער עס איז אונזערע רייזענדער געווען אויפ'ן האַרצען, אַזוי פערקעהרט ליכטיג, פריש, וואַרעם, גרין און

ווייטער צום מויל; די קליינע קינדער האבען צענויף געלייגט זייערע קוקלעס, וואס די באבע האט זיי געקויפט; נאר איין רעוועקע איז ארום געגאנגען זעהר צערודערט און איין באק האט איר אזוי געפלאמט, אז זי האט זיך געמוזט פארשטעלען מיט'ן גאז-טיכעל; נאר מעהר פון אלעמען איז געווען פערנומען אונזער פילגעליבטער, געטרייהער משרת, פרויקע: ער האט דאס נעבאך געהארעוועט מיט אלע זיינע כחות, לויפענדיג אויף די טרעפ — טא אראפ, טא ארויף, און האט געשלעפט פון די קעשענים לעקאך, ניס און קאנפעקטען, און האט געקנייפט זלאטקע די שווארצע און מלכה דאס מיידעל און האט זיי געזאגט:

— נו, קינדער? מארש! מארש! וואס האב איך אייך געזאגט? חא-חא-חא! מארש אין אייער רוה אריין, פון וואנען איהר זענט געקומען! און מיר, זעלדע, וועלען בלייבען פאסטאראמו אויף אונזער מיסט — טרא-לא-לא. טרא-לא-לא; טרא-לא-לא!

* * *

סענדער בלאנק האט זיך געזעגענט מיט די קינדער זעהר ליבליך. ער האט זיך צעקישט מיט רעוועקא'ן, מיט חיים'ן מיט חיים'ס קינדער, און האט עטליכע מאהל איבערגערעדט וואס ער האט פארגעסען שענקען זיי עפיס א מתנה.

— או-ווא! או-ווא! פאר וואס האט איהר מיך נעכטען, אייערנעכטען ניט דערמאהנט? או-ווא!...

נאר אז עס איז געקומען צום געשעצטען הער זעמעל, האט איהם סענדער זעהר קאלט געזאגט „פאהר געזונד" און האט איהם אויסגעצויגען דעם גראבען פינגער וואס אסיפ האט שטארק — שטארק געדריקט און האט מיט זעהר א רירענדער שטימע געזאגט צום שוועהר:

— איך פערהאף, אז איהר וועט אונז געוויס פערציהען; איהר ווייסט, אז אונזער גאנצער ווילען איז... אז מיר... אז איהר... אז אייער

אַז מע זאָל זיך פּאַטשען פאַר איהם אין די אויגען, בּײַ זיין טיש, אין זיין הויז, זיין קינד, זיין פלייש און בלוט?!... ווי אַ צערייצטער בער, ווי אַ לייב, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון'ם שלאָף, ווי אַ בייזער לעמפּערט איז אונזער סענדער אויפגעשטאַנען פון'ם אָרט, האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנט אויף דער טיר און האָט אויסגעבּרומט אויף דער גראָבּער שטימע.

— וואָן!... וואָן פון מיין טיש!... וואָן פון מיין שטוּבּ!... אַלע וואָן!... אַלע!... איהר האָט געמיינט איך שטאַרבּ שוין, זענט איהר געקומען מיך ירש'ענען?!... וואָן!!!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

גוואַלד, וואו נעמט מען אַזאַ פעדער צו בּעשרייבּען די דאָזיגע סצענע? וואו נעמט מען אַזאַ פאַרבּ אויסצומאָלען דאָס דאָזיגע שענע בּילד, וואו עס זיצען פערשטיינערטע מענשען מיט גלעזערנע אויגען און מיט אָפענע מיילער און אויף זייערע פּנים'ער שטעהט אָנגעקריצט שרעק, ציטערניש און פערשטומונג? וואו נעמט מען אַזאַ כּח אַראָבּ צו לאָזען זיך צום גרונד פון יעדענס האַרץ, וואָס יעדער האָט געפיהלט, וואָס יעדער האָט געטראַכט אין די דאָזיגע עטליכע שווערע מינוטען?... לאָזען זיך אונזערע לעזער אַליין פאַרשטעלען, איטליכער ווי ער קאָן, נאָך זיין השגה נאָך.

---

## דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

### דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָבּ און די שפּיעל נעמט אַ סוף ענדע.

— אַ טאַרעראַם, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער! מרים חיה האָט זיך געקוּשט מיט די געסט, געזעגענט מיט די קינדער; סאָני האָט געוויינט; דער הערר אָסיפּ זעמעל איז אַרום געגאַנגען שטאַרק צערידערט און האָט געסקריפּעט מיט גרויס רעש; מאַרקוס האָט זיך בּאַהאַלטען בּײַ זיך אין צימער און האָט עפּיס אַלע מאָהל אַרויס געגומען אַ קאָנווערט און האָט איהם צו געטראָגען צום מויל, צום האַרצען און

אזא שטארקען געלעכטער, אז אלע זיינען פארציטערט געווארען. דער געלעכטער האט זיך אפגעצויגען היבשע עטליכע מינוט און מארקום האט זיך פארגאנגען און איז געווארען ברוין און בלוי, אזוי אז אלע האבען געמיינט אפשר איז ער געריהרט...

— ערד־קאהלען!... חא — חא — חא! חא — חא — חא — חא!...

האט מארקוס קוים אויסגערעדט און האט זיך ווייטער פארגאנגען אויף א לאנגע צייט.

— און דאס געלד פארטעכערען — זאגט זיך טענדער ווייטער — און פיהרען נאך דעם א פראצעס מיט פייפערמאנען?...

— פיי... חא — חא — חא! פייפ... חי — חי — חי — חי! פייפער...

חא — חא — חא! פייפערמאנען?... האט מארקוס קוים אויסגעשריגען און האט זיך פערגאנגען פשוט אויף צו שטארבען!...

מיר ווייסען ניט, וואס איז דא פאראן וואס צו לאכען אויף ערד־קאהלען, אדער אויף א פאמיליע פייפערמאן? ניט אנדערש, אז מארקוס'ן האט גענומען אויף צו לאכען דער הער זעמעל אליין מיט זיינע געשעפטען און פראצעסען, און וויל דעם פאטערס ווערטער האבען דא געהאט דעם גרעסטען עפעקט, דעריבער האט זיך מארקוס ניט געקאנט איינהאלטען און האט געמוזט איין מאל פאר אלע מאל ארויסלאזען דאס, וואס האט איהם עטליכע טאג כסדר אזוי געשטיקט. אקעגען זשע אבער, פאר דעם הער זעמעל, איז דאס געווען דאס גרעסטע בעליידיגונג און מיר קאנען איהם, על פי יושר, בשום אופן ניט שולדיג מאכען, וואס ער האט זיך אויפגעחאפט פונ'ם ארט און האט אפגעשטעקט זיין געליעבסטען שוואגער א פלאם־פייערדיגע פאטש, אזוי אז די פענסטער האבען אזש געקלונגען.

דער דאזיגער אומגעריכטער פאטש האט ווי א דונער דער־שלאגען יעדען בעזונדער און קיינער האט קיין ווארט ניט געקאנט אויפרעדען. טענדער איז געווארען מלא כעס וחמה און די אויגען זענען ביי איהם אנגעגאסען געווארען מיט בלוט — און ער איז טאקי גערעכט געווען: וואו איז דאס געהערט געווארען אזא עזות,

הָאט זִיךְ ר׳ סֶענְדֶער גֶעוָוענְדְט, צוּ דֶער גַאנְצֶער פַאמִילְיֶע מִיט זֶעהר אַ רִיהרֶענְדֶער שְׁטִימֶע, — אִיהר וֶועט זִיךְ אַלֶע צוּפָארֶען, יֶעדֶער אִין זַיין שְׁטָאדְט אַרַיין, אוּנ אִיךְ וֶועל וַוייטֶער בְּלַייבֶּען אַלֵיין! אַךְ, וֶוען אִיךְ זָאל אַייךְ אַלֶעמֶען קָאנֶען הַאלְטֶען דָא אַרוּם זִיךְ! (סֶענְדֶער הָאט בֶּעווִיזֶען מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע הֶענְט אַרוּם זִיךְ, ווִי אַ קְוָואטְשְׁקֶע מִיט דִי פְּלִיגֶעל, וָואס שִׁיצֶען אוּנְטֶער זִיךְ אַ סַךְ הִיהנְדֶעלֶעךְ).

— אִיהר קָאנְט דָאס דֶען נִיט אוֹיסְפִיהרֶען? הָאט זִיךְ דִי מַאדַאם מָאנִי בְּלַאנְק אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט פְרֶעגֶען דֶעם גוּטֶען, בַּארְמְהֶערְצִיגֶען שְׁוָועהר.

— נַיין, קִינְדֶער, אִיךְ קָאן דָאס נִיט אוֹיסְפִיהרֶען: יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע גֶענְג אוּנ אִיטְלִיכֶער לֶעבְּט זִיךְ מִיט זַיין שֵׂכֶל, אוּנ עֶס אִיז זֶעהר שְׁוֶועהר, אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ אַלֶע קָאנֶען אוֹיסְגְלַייכֶען; גָאט זָאל מִיר הֶעלְפֶען, אִיךְ זָאל שׁוֹין פְּטִירֶ׳ן, חֲתוּנָה מַאכֶען מַיין בֶּן־זְקֻנִים, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט בַּאדַארְפְט הָארֶעוֶוען אוּנ וָואלְט מִיר גֶע־לֶעבְּט מִיט מַיין אַלְטֶעטְשְׁקֶער, ווִי זָאגְט מֶען, דִיר דַא בַּאבָּא; הַא? וָואס זָאגְסְט דוּ, מִרְיָם חַיֶה׳נְיוּ?

— נוּ, אוּנ מִיטְ׳ן גֶעלְד וָואס וֶועט אִיהר טוּהן? הָאט זִיךְ אָסִיפ נִיט ווִילֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט אוּנ אִיז פַארְטִיג גֶעוֶוען דִי רֶגַע נֶעמֶען דָאס וָוארְט צוּרִיק, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁפֶּעט: סֶענְדֶער אִיז אָן גֶעצוּנְדֶען גֶעוָוארֶען פַאר כַּעַס אוּנ הָאט אִיהם מִיט אַ שְׁטָאךְ גֶעעֶנְטְוֶוערְט:

— וָואס אִיךְ וֶועל טוּהן מִיטְ׳ן גֶעלְד? אִיךְ וֶועל דָאס גֶעבֶּען גֶעווַיינְלִיךְ, דִיר, אוּנ דוּ וֶועסְט שׁוֹין מִסְתָּמָא מַאכֶען דַאמִיט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטֶען פוּן עֶרְד־קָאהְלֶען מִיט גְרוֹיסֶע אַמֶערִיקַאנִישֶׁע פַאבְּרִיקֶעס...

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען ווִי אוֹיף נָאדְלֶען אוּנ אוּנְזֶער פַיינֶער אָסִיפ הָאט אַרָאפּ־גֶעלָאזְט דִי נָאז אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רַייבֶּען אֵיין פוּס אִין דֶער אַנְדֶערֶער; אַלֶע הָאבֶּען דֶערְפִּיהלְט, אַז דֶער פוּן קָאן אַרוֹיס זֶעהר אַ מִיאוּסֶע סְצֶענֶע, אוּנ הָאבֶּען, ווִי מֶע זָאגְט גֶענַאפְּט אוֹיף דִי נֶענֶעל; נָאר אֵיין מַארְקִיז, וָואס אִיז עֶפֶּס דַיינְט גֶעוֶוען זֶעהר אוֹיפְגֶערַייגְט אוּנ פְרֶעהלִיךְ, הָאט פְּלוּצְלִים אוֹיסְגֶעשָׁאסֶען

איז אנגעצייכנט געווארן צו פערזוכן דעם טעם פונ'ם דאזיגן גליק, איז געווען, בלתי ספק, אונזער געשעצטער סענדער בלאנק בשעת ער איז איינגאנצן געזונד געווארן און איז אויפגעשטאנען פונ'ם בעט. דער ערשטער, וואס איז באשערט געווען אנצוקוקן איהם פריהער פאר אלע, איז געווען אונזער בראווער משרת; מיט ציטערנדע הענט האט פראיקע גענומען ארויף ציהען אויף זיין בעל־הבית די מלבושים, און אז עס איז געקומען צום גילדענעם זייגער מיט דער שווערער קעט, האט זיך פון פראיקע'ס הארץ ארויסגעכאפט א שוועהרער, שוועהרער זיפץ...

מיט גרויס פאראד איז אונזער העלד אריינגעקומען און האט זיך געזעצט צום טיש מיטאג עסען, ארומגערינגעלט מיט זיין גאנצער פאמיליע. סענדער'ס הארץ איז אזוי צעוויקט געווארן, קוקענדיג אויף זיינע קינדער מיט די אייניקלעך, אז ער האט אן געהויבען צו לאכען, זאגען ווערטלאך, אויספרעגען און אויסהערען יעדען בעזונדער, און דערמיט האט ער פרייהליך געמאכט דאס גאנצע הויז, און יעדערער האט דערצעהלט, ווי איבערראשט, דערשראקען ער איז געווען, אז ער האט ערהאלטען די טרויריגע טעלעגראמע, און רעוועקא האט, דער־צעהלענדיג, זיך אזוי צעוויינט, האט זי דער פאטער בערוהיגט:

— וואס וויינסטו, טאכטער? אט איך בין שוין געזונד, נארילע!...

— יא, פאפאשא! האט איהם די געטרייע טאכטער געענטווערט — איך דערמאהן זיך אבער, אין וואס פאר א טרויריגע לאגע איך האב דיך געטראפען, וויינט אין מיר מיין הארץ... אך, פאפאשא!...

— וויין ניט, נארילע! אבי גאט האט געהאלפען: איך קאן זיצען גלייך מיט אייך אלע ביים טיש, עסען און טרינקען, ווי א מענש, דאנקען גאט דערפאר, נארילע!

— קיין עין הרע ניט! האט די מומע דאברוש אריין געשטעלט איהר ווארט.

— ווען קאן איך אייך זעהען נאך א מאל, קינדערלעך? —

אַז איך האָב מײַן חבר צו גריגען קוועטש געטהון בײַ דער האַנד... זעצט זיך אַט דאָ, בײַ דער זײַט, אַט שטעהט אַ בײַנקעל, איהר קאַנט איהם חלילה אומגעהרען אַ זעץ טהון מיט דער האַנט, אָדער מיט דער פוס... און אַליין האָט זי זיך געשטעלט אויף די קניעס בײַ איהם צוקאָפּען׳ס און האָט אָנגעהויבען צו איהם רעדען, ווי מע רעדט צו אַ בּרעקעלע קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויגעלע און עס שפּיעלט זיך מיט די פיסעליך:

— נו, מוציקעל ? וואָס ווילסט דו ? ווי אַזוי איז דיר, מוציקעל ?

און „מוציקעל" איז געליגען פאַרוואָרפען די קאָפּ אַרויף און האָט זיך געפּעסטעט, געמאַכט חנ׳דלעך, ווי אַ קליין קינד, און אַז איך האָב געוואָלט מיט מײַן חבר, וואָס איז אַצונד געווען אין בעסטען גע־זונד, אַביסעל שמועסען וועגען אונזערע געשעפטען, האָט דאָס דאָזיגע ווילדע ווײַבעל אַנידער געלייגט איין הענטעל אויף איהר מאַנ׳ס מויל און דאָס אַנדערע הענטעל אויף מײַן מויל און האָט אונז מעהר קיין וואָרט נישט געלאָזט אויסרעדען.

דאָס אַנדערע מאָל, אַז איך בין געקומען צו מײַן חבר און האָב נאָך נישט אויסגעשפּייעט אַראָפּוואַרפען די קאַלאָשען פון די פיס, איז שוין זײַן ווײַבעל געלאָפען אַקעגען מיר מיט פאַרטיגע קולעקעס; איך האָב געמיינט, אַז זי וויל מיך דאָ טויטען אויפ׳ן אָרט.

— וואָס איז בײַ...?

— ששששששאַ! שששאַ! שאַ! ער שלאָפט; נאָר וואָס אַנשלאָפען געוואָרען; ששאַ!

— ער שלאָפט? לאָז ער שלאָפען געזונדערהייד! לאָז...

— שששששאַ!!! אוי, איך בעט אײַך ששששאַ!...

און אויף איהר פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַזוי פיעל רחמנות מיט געבעט, אַז איך האָב געמוזט אַנטרינען ווערען פון דאַנען און נישט שטעהרען דעם זיסען שלאָף פון מײַן גליקליכען חבר, וואָס איך בין זיך מודה, איך האָב שטאַרק מקנא געווען אין דער דאָזיגער מינוט!...

אײַנער פון די דאָזיגע געבענשטע לײַט, וואָס אויף זייער דאָלי

רען אז זיי זאלען וויינען, ווען מיר ליגען שלאף און פרייהען זיך און טאנצען ארום אונז, ווען מיר הויבען אן געזונד צו ווערען.

דער מחבר פונ'ם דאזיגען בוך האט ערגעץ א חבר און זעדר א נאהענטען גוטען פריינד, וואס איז אפגעלעגען דריי וואכען אויף א היציג שלאפקיים, און אז ער האט אנגעהויבען קומען צו זיך און איך בין געקומען איהם צו בעזוכען, האט מיך באגעגענט אין פארצימער זיין ווייב, זעהר א צערטליך בעשעפעניש, וועלכע איז איהם געווען אזוי שטארק איבערגעבען, טאקע גאר ווי א גוטע א געטרייע ווייב קאן זיין איבערגעבען איהר מאן, א יאהר דריי נאך דעי חתונה.

— נו, וואס מאכט ער, דער פיינער מענש ?

— א, ער האט אויסגעטרונקען אט ערשט דריי לעפעל זופ, דריי גאנצע לעפעל זופ !... און דאס יונגע ווייבעלע האט זיך באנאסען מיט טרעהרען.

— איך פארשטעה ניט, וואס איז דא פאראן צו וויינען, אז א מענש טרונקט אויס דריי לעפעל זופ ? איך בין אייך מבטיח, אז שפעטער מיט עטליכע טעג, וועט ער קאנען אויסטרינקען א סך מעהר פון דריי לעפעל גיט גאר זופ, אפילו באַרשטש און נאך בעסערס פון בארשטש !

— א, וואס ווייסט איהר ? וואס ווייסט איהר ? פריהער מיט דריי טאג האט ער מיך שוין כמעט כמעט גאר נישט דערקענט !... און רעדען? וואס ווייסט איהר ? וואס ווייסט איהר ?...

— פע, חלעבען, א חרפה א בושה אייך צו וויינען א צונד ! פרייהען דארפט איהר זיך ; פרייהען, לאכען, זינגען, טאנצען, ניט וויינען !

— וואס איז, איך וויין דען? האט מיך דאס דאזיגע נארישע ווייבעל געפרעגט — און טרעהרען האבען זיך געגאסען פון איהרע שעגע אויגען, וואס איז אין עבירה געווען זיי זאלען זיין רויט און נאס פון געוויין.

— אי, פאוואליע! פאטעלאך ! האט זי אנגעשריגען אויף מיר

ביי די דאזיגע ווערטער האבען זיך אלע אונזערע בעקאנטע פרויען איבערגעקוקט צווישען זיך; אונזער געליבטער סאטיריק אמיס זעמעל האט אזוי אנגעטראטען מארקוסען אויף דער פוס, אז יענער האט אזש אויסגעשריגען פאר ווייטיג...

דאס גאנצע געזינדעל האט זיך צענויפגעקליבען ארום דעם קראנקען סענדערען, וואס איז פון טוידט לעבעדיג געווארען — מזל טוב!

— וואס זאגט איהר אויף מיין מאן? האט די גוטע דאקטערשע געקלונגען אין אלע גאסען; וואס זאגט איהר עפים? איא מע מעג בעטען נאט פאר אזא דאקטאר? פון טוידט לעבעדיג געמאכט — וואס? ניין אפשר? וואס, איך בעט אייך? א מענש האט עפים א וועדמה? אט לעבט ער אונ אט — טפו!

אונ די גוטע דאקטערשע שנייצט די נאז אונ ווישט די אויגען, אונ אלע גוטע ווייבער שנייצען די נעז אונ ווישען די אויגען . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אך, ווי שען, ווי איינגענומען, ווי זיס דאס איז אנצוקוקען פון דערווייטען אזא אידיליע, ווען די גאנצע פאמיליע טאנצט ארום ארום דעם קראנקען, וואס האט איבערגעלעבט דאס שווערע קרייגקהייט, איבערגעקומען, אפגעשוויצט, איבערגעטראגען דעם קריזיס, אונ אצינד הויבט ער אן קומען צו זיך, ביסלעכווייס ווערען א מענש, איבעראניים לעבען, לעבען צוזאמען מיט אט די אלע איבערגעבענע ליעבע, געטרייהע, וואס קוקען איהם אין די אויגען אריין אונ קאנען זיך גאר זאט ניט אנקוקען, גלייך ווי מע האט איהם ניט געזעהען שוין פון צוואנציג יאהר, גלייך ווי ער האט זיך אומגעקעהרט פון א ווייט לאנד, אונ יעדער לויפט איהם „מקבל פנים" זיין, אונ ביי יעדען אין די אויגען בעקומט ער גאר איין אנדער חן אונ וואס ער זאל ניט זאגען איז דאס א חכמה. אלע דרעהען זיך ארום איהם, נאר מעהר פון אלע איז דאס ווייב. מיר דאכט זיך, אז די ווייבער זענען דערויף באשאפען געוואַ־

סֶענְדֶערְ'ס קָאפּ מִיט זַיין גַאנְץ הוֹיזְגֶעזִינְד; נָאר... לְמַאי זָאלֶען מִיר זִיךְ גַארֶען? אִיהר הָאט שׁוֹין גֶעוִויס גֶעלֵייעֶנְט גֶענוּג רָאמַאנֶען אוּנ זֶענְט שׁוֹין מִסְתָמָא גוּט בֶּאקַאנְט מִיט דִי זִילֶע אָנְשְׁטֶעלֶען, מִיט דִי קוּנְצֶען פוּן דֶעם רָאמַאנִיסְט, וָואס פִיהרְט אַייךְ אוּנ פִיהרְט אַייךְ אוּנ אִיהר מֵיינְט, אַז אִיהר זֶענְט שׁוֹין מִיט אִיהם אִין גַאנְצֶען פַארְטִיג; צוּם סוֹף — סְטָאפּ! — אַייעֶרע נֶערְוֶוען זֶענֶען שְׁטַארְק אָנְגֶעצוֹיגֶען אוּנ בִּיזְ'ן סוֹף גֶעפִינְט אִיהר זִיךְ אִין אַיין צִיטֶערְנֶעשׁ, אִין אַיינֶע פְּחָדִים. נֵיין, רַבּוֹתַי! אִיךְ בִּין אַ שְׁלֶעכְטֶער רָאמַאנִיסְט, אִיךְ קָאן נִיט אָט דִי מְלָאכָה אוּנ סוֹדוֹת הָאבּ אִיךְ פַיינְט: אוּנְזֶער פִיל־גֶעלִיבְּטֶער הֶעלְד סֶענְדֶער אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָגַם אִיךְ וָואלְט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען גַאנְץ לַייכְט, אַז עֶר זָאל יָא שְׁטַארְבֶּען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטַארְבֶּען פִיל הֶעלְדֶען בַּיים פֶערְפַאסֶער אוּנְטֶער דֶער הַאנְט אוּנ זֶערֶען בַּיי אִיהם דֶערְטְרוּנְקֶען אִין אַיין מְרָאפֶּען טִינְט; נָאר, אִיךְ פְרֶעג אַייךְ, אִיז דָאס אַ קוּנְץ אַ גְרוֹיסֶער — אַזוֹי זִיךְ בַּאנֶעהן מִיט אַ מֶרְעטֶר לֶעבֶּען? מֶען דַארְף הָאבֶּען יוֹשֶׁר, מַיינֶע לִיבֶּע פְרֵיינְד, אוּנ מֶען דַארְף בַּארֶעכֶענֶען יֶענֶעם אוֹיךְ. סֶענְדֶער בְּלַאנְק הָאט טַאקֶע גֶעשְׁרִיבֶּען אַ צַוָואָה, גֶעזָאגְט ווִידוּי, זִיךְ פַיין גֶעזֶעגֶענְט מִיט דֶער פַאמִילְיֶע, נָאר שְׁטַארְבֶּען הָאט עֶר פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעוָואלְט, וִוי אִיךְ מִיט אַייךְ ווִילֶען שְׁטַארְבֶּען.

— נוּ? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט? וֶוער אִיז גֶערֶעכְט? הָאבּ אִיךְ אַייךְ דֶען נִיט גֶעזָאגְט, אַז עֶס מוּז קוּמֶען אַ קְרִיזִיס: אָט קָאעֶזַאר אָט גִיהִיל — אַהִין אָדֶער אַהֶער, דַאנְקֶען אוּנ־לוֹיבֶּען גָאט, וָואס אַהֶער!

אַזוֹי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְזֶער גֶעטְרֵייהֶער, דָאקְטָאר קְלוּגֶער מִיט אַזַא דוּהֶענְדֶער שְׁטִימֶע, אַז דִי מוּמֶע דָאבְּרֶעשׁ הָאט זִיךְ צֶעוֵויינְט, וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, אוּנ הַאלְטֶענְדִיג דִי הֶענְט אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, הָאט זִי צֶעשְׁטוּפְּט דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט צוּם חוֹלֶה אִין קַאבִּינֶעט אַרַיין.

— אוֹי, לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ; צוּ אִיהם! אִיךְ ווִיל אִיהם זֶעהֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען! אִיךְ ווִיל אִיהם אָנְקוּקֶען! לָאזְט מִיךְ! לָאזְט מִיךְ!

## דער לעצטער אקט.

דער דאזיגער לעצטער אקט קומט פאהר אין א צוגעשלאסענעם חדר, וואוהין מיר קאנען בשום אופן נישט אריין, איך האב נאר גע-קאנט זעהען דורך דעם פענסטער אונזער געעהרטעסטע מאדאם רע-וועקא זעמעל, וועלכע איז געזעסען מיט זעהר א פערפלאמט פנים ביי א קיילעכדיגען טיש, אנגעשפארט די קאפ אויף איהר שענער ווייסער האנט און איהרע גראהע אויגען בלאנזען ארום פארטראכט.

נאר איין גאט ווייסט, וואס טראכט אצינד די דאזיגע פיינע פרוי... ארום איהר דרעהט זיך ארום איהר ליבליכער מאן, דער גע-ריהמטער אסיפ זעמעל מיט די הענט אין די קעשענים, קוועטשענדיג די סקריפענדיגע שטיוועל, ער וויל צו געהן צו רעוועקען און וויל איהר עפיס זאגען, נאר, ווי עס ווייזט אויס, קאן ער ניט...

וואו איז אונזער מארקוס, דער יונגסטער פון אלע יורשים?...

סע קאן זיין, אז ער איז דער איינציגער, וואס זיצט אצינד איבער'ן פאטער'ס קאפ; סע קאן זעהר געמאהלט זיין, אז מארקוס איז דער איינציגער, וואס האט אין דער מינוט לחלוטין פארגעסען אן זיך און טרעט נישט אפ פונ'ם קראנקען פאטער, וואס איז פארביי. אלעס קאן זיין אויף דער וועלט, און מיר זענען נישט מחויב אריין-קריכען יעדען בע-זונדער אין הארצען אריין; גיט אהער אייער האנט, לעזער, און לאמיר אוועק-געהן פון דעם דאזיגען הויז אין דער דאזיגער נאכט, מחמת קיין פארגעניגען, ווי איהר זעהט ארוים, קאנען מיר דא היינטיגע נאכט נישט געניסען... לאז גאט געבען פרעהליכערע, און מעהר איינגענע-מענע סצענעס אין אונזער לעבען...

---

## דאס צעהענטע קאפיטעל.

### וואו אונזער געשיכטע באקומט נאר איין אנדער פנים.

שווארצע וואלקענס האבען זיך אנגערוקט אויף סענדער בלאנק'ס הויז און א פינסטערע א שרעקליך פינסטערע נאכט האט זיך דא אויסגעצויגען: א גאט'ס שטראף האט זיך אויסגעגאסען אויף

— אַט װעלֶען מִיר הֶערֶען, װָאס װֶעט דֶער דָאקְטָאר זָאגֶען, שְׁװִיגֶער· דֶער דָאקְטָאר אִיז דָארְט?

— אוֹי, װָאס קָאן אִיהם דֶער דָאקְטָאר הֶעלְפֶען, סָאנִיטְשְׁקֶע, אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי זִינְדִיג בַּיי גָאט אוּנ אַזוֹי אוּמְגְלִיקְלִיךְ, עֶלֶענְד אוּנ אוּמְ־גְלִיקְלִיךְ!...

— אוֹי, אַזַא בְּרוּדֶער, אַיין אוּנ אֵיינְצִיגֶער בְּרוּדֶער, װִי אַיין אוֹיג אִין קָאפּ! קִינְדֶערְלֶעךְ. בֶּעט גָאט, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גָאט — אַ שְׁטַארְקֶער גָאט, אַ גוּטֶער גָאט, עֶר קָאן אַלֶעס, עֶר קָאן פוּן טוֹיט אוֹיךְ לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען!... אוֹי, מַיין טְהַייעֶרֶע סֶענְדֶער! גֶעדֶענְקְסְט דוּ, װִי טַייעֶר דַיין אֵיינְצִיגֶע שְׁװֶעסְטֶער, דַיין דָאבְּרוּשׁ אִיז בַּיי דִיר גֶעװֶעזֶען? גֶעדֶענְקְסְט דוּ, סֶענְדֶער מַיינֶער, װִי גֶעטְרַייהּ, װִי גוּט אִיךְ בִּין גֶעװֶעזֶען צוּ דִיר. אַז דִיר אִיז, נִיט הַיינְט גֶעדַאכְט, דִי צַייט גֶעװֶעזֶען נִיט אִין בֶּעסְטֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ דִיךְ, סֶענְדֶער, אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטֶען מִיט אַלֶעס, װִי װַייט אִיךְ הָאבּ גֶעקָאנְט, אוּנ הָאסְט מִיר צוּ גֶעזָאגְט, אַז גָאט װֶעט דִיר צוּ שִׁיקֶען אַ שְׁטִיקֶעלֶע הַצְלָחָה, װֶעסְט דוּ מִיר אָפּ דַאנְקֶען מִיט'ן גְרֶעסְטֶען כָּבוֹד, אוּנ צוּם סוֹף, סֶענְדֶערְ'ל, הָאסְט דוּ פַארְגֶעסֶען אִין דַיין אֵיינְצִיגֶע שְׁװֶעסְטֶער דָאבְּרֶעשׁ, װֶעלְכֶע אִיז דִיר אֶפְשַׁר גֶעטְרַייהֶער פוּן אַיין אַנְדֶערֶען, סֶענְדֶערְ'ל, לָאז דִיר גָאט מוֹחֵל זַיין, װִי אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל, מַיין קְרִיװְדֶע, סֶענְדֶערְ'ל! מִסְתָּמָא װֶעלֶען מִיךְ דַיינֶע טְהַייעֶרֶע קִינְדֶער־לֶעךְ נִיט פֶערְלָאזֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער. אוּנ עֶמִיצֶער װֶעט זִיךְ אֶפְשַׁר אַרוּם קוּקֶען אוֹיף מִיר אוֹיךְ, דַיין אֵיינְצִיגֶע שְׁװֶעסְטֶער, אַ פֶערְװִיסְטֶע אַלְמָנָה אוּנ אַ קְרַאנְקֶע, סֶענְדֶערְ'ל! נָאר אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ בִּטָחוֹן אוֹיף דֶעם װָאס אִיךְ בִּין נִיט װֶערְט זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען צוּ דֶערְמָאנֶען אַט דָא, אַז אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ בַּיי זַיין שְׁטוּהל אַ שְׁטִיקֶעלֶע זְכוּת, װֶעט עֶר אִיהם נָאךְ צוּ שִׁיקֶען אַ רְפוּאָה־שְׁלֵמָה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, חָאטְשׁ אַנְדֶערֶע קוּקֶען אַרוּם, סֶענְדֶערְ'ל, אוֹיף דַיין טוֹיט. אוּנ אִיךְ װֶעל נָאךְ הָאבֶּען דִי זְכִיָּה צוּ רֶעדֶען מִיט דִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוּנ דָאס אַלֶעס דֶערְצֶעהלֶען אִין פְרֵיידֶען!...

בְּלוּמְקֶע'ן! אַ שֵׁיינֶע פָּאדְרַיאַקְע! גֶעדִינְט און גֶעדִינְט, — זָאלְסְט זָאגֶען אֲפִילוּ אִין הַאנְט אַרַיין אָנְגֶעשְׁפִּיגֶען... וֶוער? וָואס? וֶועמֶען? אַיין אוֹיבֶּערְשְׁטֶע הֶעמְד, אַיין אַלְטֶען זְשִׁילֶעט — מַכַּת בְּכוֹרוֹת אַייךְ אַלֶע מִיט אַייֶער בַּעַל הַבַּיִת'טֶע צוּזַאמֶען! זִי הָאט דֶערְזֶעהֶן בַּיי מִיר דִי שְׁלִיסְלֶעךְ, הָאט זִי זַיי בַּיי מִיר צוּ גֶענוּמֶען... גֶעוֶוען זִיבֶּען יָאהר הָאבּ אִיךְ קֵיין פָּאדֶעם בִּישְׁט גֶענוּמֶען וֶועל אִיךְ גֵעהן הַיינְט צוּ דֶער שַׁאפֶע, גֵעהן זָאלְט אִיהר אוֹיף קוֹלִיֶעס!... הָארֶעוֶוע פוּן אַייֶערְטִיוֶעגֶען טָאג מִיט נַאכְט, וִוי אַ פַּארְקוֹיפְטֶער, קֵיין חַיי שָׁעָה, — און וָואס?... בְּרֶענֶען זָאלְט אִיהר אוֹיפְ'ן פַייֶער! אַיין אוּמְגְלִיק וָואלְט גֶעוֶוען, וֶוען פְרוֹיקֶע זָאל הָאבֶּען נָאךְ אַ גַארְנִיטֶער מִיט נָאךְ אַ פָּאר שְׁטִיוִילֶעטֶען!... און אַ זֵייגֶער? וֶוער הָאט הַיינְט נִיט קֵיין זֵייגֶער? אַ לַיאדֶע פַּארְךְ טְרָאגְט זִיךְ הַיינְט אַרוּם מִיט אַ זֵייגֶער: נַא, זֶעה, קוּק מִיךְ אָן! און פְרוֹיקֶע דַארְף נִיט; פְרוֹיקֶע דַארְף גָאר נִיט! פְרוֹיקֶע דַארְף נָאר דִיעֶנֶען יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער, וִוי אַ הוּנְט!... דִי שְׁטִיוֶועל פוּץ, צוּם טִישׁ דֶער לַאנְג, גֶענְג לוֹיף, אַ בְּרִיעף טְרָאג — אָפּ, אַהִין גֵעה, דָארְט שְׁטֵעה — טְפוּ זָאלְט אִיהר וֶוערֶען אַלֶע מִיט אַ אַנַאנְדֶער!... זֶעלְדֶע! דִי לֶעפֶּעל! גִיט אַהֶער דִי לֶעפֶּעל!

— וָואסֶערֶע לֶעפֶּעל? וָואס טְשֶׁעפֶּעסְט זִיךְ?

— אָ נָא, דִי זִילְבֶּערְנֶע לֶעפֶּעל; אַ טוּץ לֶעפֶּעל! גִיט נָאר אַהֶער, זַייט מוֹחֵל, דִי זִילְבֶּערְנֶע לֶעפֶּעל, זֶעלְדֶע! נוּ, גִיבֶער, גִיבֶער!...

---

## דֶער פִיעֶרְטֶער אַקְט.

— אוֹי, מַיין קְרוֹין, מַיין סֶענְדֶער! אוֹיף וֶועמֶען לָאזְט דוּ מִיךְ אִיבֶּער? בַּיי נַיין און דְרַייסִיג יָאהר אַיין אַלְמָנָה וואו אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען אַזֶעלְכֶעם?...

— וֵויינְט נִיט, שְׁוִויגֶער, גאט אִיז אַ פָּאטֶער, און דֶער שְׁוָועהר קָאן נָאךְ לֶעבֶּען בְּלַייבֶּען, שְׁוִויגֶער!

אוֹי, זָאג עֶס נִיט, סָאנִישְׁטֶקֶע, זָאג עֶס נִיט, דוּ הָאסְט אִיהם גִישְׁט גֶעזֶעהֶן הַיינְטִיגֶע נַאכְט, סָאנִיטְשְׁקֶע, סֶע אִיז גָאר נִיט דֶער סֶענְדֶער, וָואס פְרִיהֶער!

— וואָס האָט איהר צו אונז, ר' קלמן, גאָט איז מיט אײַך? דער טאַטע איז טאַקי פאַרבײַ... ער איז דאָך אָבער נישט געשטאָרבען ער לעבט דאָך נאָך! עס איז דען נישט קיין שפיכת דמים? איך פרעג אײַך, ר' קלמן? איהר האָט גאַר קיין מורא ניט פאַר גאָט?...

— ע, ר' חיים, איהר שמועסט זיך מיט מיר אוים גאַר אויף אײן אַנדער אופן! ווער איז שולדיג? איהר זענט אַלײן שולדיג!... איהר האָט געמאַכט א גוואַלד: „יודען, ראַטעוועט!" איז זיך דער עולם ביםלעכווייס צונויפגעלאָפען... מע הערט אַזאַ געוויין!... מע זעהט אַלע לויפען, אַלע שרייען: „געשטאָרבען! געשטאָרבען!"... מע האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר, זאָגט ער: „שלעכט! שלעכט!"... אײַער משרת זאָגט: „אײן עק! אַ סוף!" אונ דאָ ווייגט מען, — נו, איז מען דאָך יודען, לויפט מען; אײַער פאָטער איז דאָך פאָרט, ווי זאָגט מען... אונ פריווט זאָגט דעם עולם, אַז ער איז נאָך ניט געשטאָרבען, ווערט מען אײַך דען גלויבען? שוין צו שפעט!... אָן געהן די „חברה נושאי המטה", — נו געה, מענה מיט זיי!... שקצים! ווער האָט געשיקט נאָך אײַך?... שכורים? אַרוים אין אײַער טאַטענס — מאַמעס — טאַטען אַרײַן!...

---

## דער דריטער אַקט.

— אוי, אַ דונער האָט מיך דער שלאָגען! זעלדע! איהר הערט אַ געוויין? איהר הערט ווי די בעל הבית'טע רעוועט?

— וויסט איז מיר! זלאַטקע, אַט דאָס איז ער אויסגעגאַנגען אַ פּנים! ווינד איז מיר! גיטאַ שוין מײַן בעל הבית!... מלכה! זלאַטקע! לויפט אַרויף אונ טהוט אַ פרעג בײַ פרויקען אַ מכּה איז מיר אַ גרויסע!

— אָן לויפט פרויקע.

— וואו? וואָס טראָגט ער דאָס? עפּים אַ פעקעל?

— פרויקע סערדצע, וואָס הערט זיך דאָרט? שוין, צי נאָכניט? פרויקע! וואָס שטומסט דו? רעד! שוין צי נאָכניט?...

שוין... נאָכניט... געפעהלט דיר אַביסעל, ווי זי האָט געפּענט אַ מויל! ליגט אין דער ערד אַלע! ווערט די כפּרה פאַר מיר אונ פאַר מײַן

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!

— וָואס פֶּערְצִיג?

— פֶּערְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ!

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!..

— שְׁרַייט, קִינְדֶער, פֶּערְצִיג!

— פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג! פֶּערְצִיג!!!...

---

## דֶער צְווייטֶער אַקְט.

— אִיךְ פְּרֶעג אַייךְ אַלֵיין, ר׳ קַלְמָן, אִיהר זֶענְט אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד; ווִי קוּמְט דָאס, אִיהר זָאלְט אַזֶעלְכֶעס זָאגֶען?...

— וָואס זָאג אִיךְ, וָואס? אִיךְ זָאג דֶען חָלִילָה עֶפִּים? וָואס זֶענְט אִיהר מִיךְ דָא חוֹשֵׁד, ר׳ חַיִים? אַייֶער פָּאטֶער — לָאז אִיהם גָאט גֶעבֶּען יָאהרֶען — גָאט אִיז אַ גְרוֹיסֶער קִינְצְלֶער — נָאר וֶוען חָלִילָה וְחַס, דִי שָׁעָה זָאל נִיט זַיין, עֶר מַאכְט צוּ אַיין אוֹיג, וֶועט מֶען אַייךְ צֶעטְרָא־גֶען דִי שְׁטוּבּ אוֹיף שְׁטִיקֶלֶעךְ! אִיהר זֶעהט? מְהוּט אַ קוּק, זַייט מוֹחֵל דוּרךְ דֶעם פֶּענְסְטֶער, וָואס פַאר אַיין עוֹלָם עֶס קְלוֹיבְּט זִיךְ!

— וָואס זְשֶׁע ווִילְט אִיהר, ר׳ קַלְמָן?

— וָואס ווִיל אִיךְ? וָואס זָאל אִיךְ וֶועלֶען? אִיךְ ווִיל גָאר נִיט; פְּרָאמֶענֶע לָאז זַיין ווִי אִיהר ווִילְט; — אִיךְ בִּין אַייךְ, גְלוֹיבְּט מִיר, דֶער בֶּעסְטֶער גוּטֶער פְרֵיינְד, אוּנ מִיט אַייֶער פָּאטֶער, אִיז אִיךְ ווַייס? מִיט׳ן שֶׁענְסְטֶען אוֹפֶן! מִיט אַ הַלְוָואָה, מִיט אַ גְמִילַת חֶסֶד, מִיט, מִיט אַלֶעס... אִיךְ מֵיין אַייֶער טוֹבָה דָא; אִיהר מוּזְט דָא יוֹצֵא זַיין; פָאהרְט, ווִי זָאגְט מֶען, אַ קַאפִּיטַאל... דֶער עֶרְשְׁטֶער גְבִיר אִין שְׁטָאדְט... דֶער רֹאשׁ וְרִאשׁוֹן!... אוּנ לְמַאי זָאלֶען מִיר זִיךְ דָא מַאכִי נַארֶען? אַייֶער פָּאטֶער אִיז אַוַדַאי גֶעוֶוען אַ פַיינֶער מֶענְשׁ, אַיין עֶהרְלִיכֶער מֶענְשׁ... אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט נָאךְ, לָאז אִיהם גָאט גֶעבֶּען יָאהרֶען... אוּנ אוֹיבּ נִיט, לָאז עֶר מִיר מוֹחֵל זַיין... עֶר הָאט פָארְט נִיט יוֹצֵא גֶעוֶוען פַאר דֶער שְׁטָאדְט!.. אִיז אַ יוֹשֵׁר, אַז אִיהר, אַ יוֹרֵשׁ, אַיין עֶלְטֶערֶער זוּהן... אַ... אַ... ווִי זָאגְט מֶען...

— איך זאָג אײַך דעם אמת, צוואַנציג טויזענד קערבלעך איז גאָר ניט אַזאַ אײַ־אײַ־אײַ! וואָס איז דאָרטען? וועט אָנקומען ווינציגער אַביסעל די יורשים! אַ גרויסער אומגליק!..

— ער האָט אָנגעזאַמעלט געגנוג, נישט קשה!...

— כּשר געלד!

— מיט פרעמדע הענט!

— יודיש בלוט!

— שאַ!... וואָס איז דאָרט אַזאַ גוואַלד?

— וואו? אין שטוב? מע קערט איהם שוין „אויפהויבען"? זיין! מיר דאַכט אַז עס איז געצעלים קול?

— וואָסער געצעלים?

— געצעל דעם שניידערים?

— וואָס וויל ער? דאָס איז אַ שייגעץ! אומעטום מישט ער זיך אַריין!

— אַ שניידעריל, אַ פּאַלגע! איהר ווייסט דען ניט?...

— אַזוי טאַקי? און איהר קאָנט דאָס ניט סובל זיין? ווי באַלד אַז נאַשבראַט זאָגט אַ וואָרט, אַזוי חאַפּט אײַך אַוועק דער רוח!... אַז געצעל איז אַ שניידער איז אײַך ווינד און וועה? איך בין אויך אַ שניידער און שעם מיך כּלל נישט מיט מיין מלאָכה! אַבי ניט קיין פּוסטעפּאַסניק, קיין בלוטזויגער, קיין שבתי־צביניק! אַ רוח אין אייער טאַטענס ביינער אַריין, פאַר וואָס זאָל מען טאַקי דאָ נישט אָפּלעקען קיין ביינדיל?... איהר האָט אַ סך אַזעלכע ר' סענדערים? פאַר וואָס זאָל מען טאַקי נישט געמען אויפ'ן שניידער'שען שולכיל אויך אַ מטבע? פרעסערים! זויפערים! שקצים! הולטאַיעס!...

— איהר האָט זיך אָפּגעזוכט כּבוד, וואָס טויג מיר מעשיות...

— וואָס שרייט מען דאָרט אַזוי?

— דאָס טענה'ט אַ טרעגער; ער שרייט דרייסיג טויזענד! דרייסיג טויזענד און געגנוג!

— דרייסיג! פערציג! דרייסיג!

— יָא, אַ גָאוֹן עוֹלָם, חוּץ זַיין שָׁאדֶען...

— דֶערְפַאר אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא־שָׁמַיִם!

— יָא, אַ גְוַואלְדָאוֹוֶגֶע זַאךְ!

— אַ לַמְדְ־וְיוֹנִיק, חַא־חַא־חַא!

— אִיהר זֶענְט אַלֶע זֶעהר פְּרוּם!

— פְּרוּם זָאגְט אִיהר? אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעהֶען אוֹיךְ אָהן הִיטְלֶען, וִוי ר' סֶענְדֶערְ'ס קִינְדֶער, הַא? וָואס זָאגְט אִיהר, ר' חַיִים? מַיין אֵיידֶעם רוֹיכֶערְט אוֹיךְ אַ פַּאפִּירָאס אוּם שַׁבָּת, אַיָא?

— אוּנ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער טְרָאגֶען מִסְתָּמָא אוֹיךְ דִי אֵייגֶענֶע הָאר, הַא?

— קוּמְט אֵייךְ אַ דַאנְק!

— וָואס טוֹיגֶען אוּנְז אָט דִי אַלֶע שְׁטוּתְ'עֶרַיי, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ? וָואס זָאגְט עֶפִּיס אוּנְזֶער גַבַּאי?

— אוּנְזֶער גַבַּאי פוּן חֶבְרָה קַדִישָׁה?...

— יָא, יָא, אוּנְזֶער רֶב קַלְמָן פְלָאקְעֶן?...

— אִיךְ וֵוייס? אִיךְ מִישׁ מִיךְ שׁוֹין נִיט אִין קָהָלְ'שֶׁע זַאכֶען... לָאזֶען זֵיי זִיךְ דַארְט שְׁלָאגֶען קָאפּ אִין וַואנְט!

— וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף אִיהם? עֶר מִישְׁט זִיךְ שׁוֹין נִיט אִין קָהָלְ'שֶׁע זַאכֶען?... גוּטֶע יָאהרֶען? הַא?

— אִיךְ מֵיין, וָואס טוֹיג אוּנְז אָט דִי דָאזִיגֶע פּוּסְטֶע מַחֲלוֹקוֹתְ'ן זָאגְט בֶּעסֶער, מֶע וֶועט עֶפִּיס גֶעבֶּען גֶעלְד?

— וָואס הֵייסְט גֶעלְד?...

— וִויפִיעל גֶעלְד? גֶעלְד צוּ גֶעלְד אִיז נִיט גְלַייךְ!

— אִיךְ מֵיין אַ צֶעהן זֶעקְלֶעךְ...

— פַאר וָואס נִיט קֵיין צְוַואנְצִיג, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ?

— צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלֶעךְ? וֵועה אִיז מִיר! וָואס וֶועלֶען מִיר טְהוּן מִיט אַזַא סוּמֶע גֶעלְד?

— מְפוּ זָאלְסְט דוּ וֶוערֶען, אַז אָךְ אוּנ וֵועה אִיז דַיין שֵׂכֶל!.. וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף אַזַא שַׁאֲלָה פוּן אַ תָּם?...

— הַא ? צְוֶועלְף ? קִינְדֶער ! קִינְדֶער ! דִי נַאכְט שְׁטֵעהט נִיט הַיידָא !

די פְלוּצְלִינְגֶע בְּשׂוֹרָה פוּן סֶענְדֶערְ'ס טוֹיְדְט הָאט אוֹיף מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוִוירְקְט, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלָאזְט גֵעהן מִיט דֶער חֶבְרָה שַׁמָשִׁים, נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט זִיךְ, וואוּהִין אוּנ צוּלִיעבּ וָואס. אַז סֶענְדֶער הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז עֶר מִיר וֵועניג וָואס אָבְּגֶעגַאנְגֶען, אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ דֶערְהֶערְט, אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט דָאס מִיךְ עֶפִּים וִוי אַ צִיפּ גֶעטְהוּן, אַ רִיס אִין הַארְצֶען: וָואס פְרֶעגְט אִיהר ? אַ מֶענְשׁ לֶעבְּט, עֶסְט, גֵעהט אַרוּם אוּנ פְּלוּצְלִים — נַא דִיר ! וִוי אַזוֹי זָאל דָאס נִישְׁט אָנְגֶענֶעמֶען בַּיים הַארְצֶען ? וּבִפְרַט נָאךְ אַזַא סֶענְדֶער, וָואס... וָואס...

נָאר לָאמִיר בֶּעסֶער הֶערֶען, וָואס זָאגְט דִי שְׁטָאדְט, וָואס רֶעדְט דֶער עוֹלָם, אָט דִי אַלֶע רֶעדְלִיךְ, וָואס שְׁטֵעהֶען דָא אַרוּם דֶעם הֶער בְּלַאנְקְ'ס הוֹיז, בַּיי דֶעם הֶער בְּלַאנְק אִין הוֹיף, בַּיים הֶער בְּלַאנְק אִין שְׁטוּבּ ?...

### וְדֶער עֶרְשְׁטֶער אַקְט.

— וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, קֵיין עַיִן הָרָע נִיט !

— נִיט אוּמְזִיסְט זָענֶען מִיר יוּדֶען, רַחֲמָנִים בְּנֵי רַחֲמָנִים.

— וָואס זָשֶׁע מֵיינְט אִיהר ? עֶר הָאט אַ וַדַאי פַארְדִיעֶנְט, אַז מֶע זָאל אִיהם אָנְטְהוּן אַ כָּבוֹד.

— וָואס אִיז דָארְט אַזֶעלְכֶס ? מִיט וָואס ?

— יָא ; דִי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דִי שְׁטָאדְט הָאט פוּן אִיהם דָא גֶעהַאט ? דִי גְלִיקֶען ?

— טוֹבוֹת ווִילְט אִיהר ? וָואס פַאר טוֹבוֹת ?

— צוּ אֶפְשַׁר אַ בַּעַל־צְדָקָה אַ גְרוֹיסֶער ?

— וָואס הֵייסְט בַּיי אֵייךְ, רֶב מֵאִיר, אַ בַּעַל־צְדָקָה ?

— צוּ גְלַאט אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער נַדְבָן ?

— אִיךְ וֵויים נִיט, וָואס אִיהר ווִילְט הָאבֶּען ?

— אוּנ דֶערְצוּ אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן מִסְתָּמָא ?

האבען מיך די פיס ניט געפאלגט... עד היום הזה קאן איך עס ניט פערשטעהן, ווי אזוי איך בין ניט געשטארבען פאר שרעק, פאר פחד! נאר שטעלט אייך פאר מיין איבערראשונג, אז די דאזיגע מתים מיט דער מטה זענען צוגעגאנגען נאהענט צו מיר און איך האב זיי דערקענט!

— א גוטען אבענד! דאס זענט איהר, חברה שמשים? חברה מקברים?

גוט יאהר! יא, דאס זענען מיר, מיר

— פון וואנען? וואוהין?

— פונ'ם בית הקברות צו ר' סענדער דעם נגיד... זלמן! וואו זענען די „כלים"? ביי לוי מרדכי'ן? שטעלט אנידער די מטה און ניט אהער דאס פלעשעל, וועלען מיר נעמען צו־קאפעטשקעליך.

— ר' רפאל! וואס רעדט איהר? ר' סענדער איז געשטארבען?

— יא געשטארבען ניט געשטארבען; ס'איז נישט אונזער עסק: מען האט געשיקט רופען, געהען מיר; מסתמא ניט פאר וואלטאג, פערשטעהט זיך? ווען קומט מען אן צו רפאל דעם אויבער־שמש? אז מען געהט אויף יענער וועלט... מיכאל, האסט דאכט זיך א שמעק טאבעק?

— אזוי? הייסט דאס איז ר' סענדער אויך אבגעשטארבען, ר' רפאל? איין עבירה חלעבען.

— איין עבירה? וואס איז? געהאט א גראבען בויך? לאזען זיך די ווערעם פרייען... אויסבעהאלטען פונ'ם טויט איז אביסעל שווערליך, און אויפ'ן „בית עולם" איז דא ארט גענוג, טאטע מיינער!... חברה, נו, גענוג אייך שוין צו חלעפטשען, לאזט איין ארט אויף שפעטער; סענדעריכע איז א גאנץ וואוילע יודינע און איין עטער „שפירעט" וועט מסתמא זיין, הא? מיר זאלען איהם חאטש קאנען ביז טאג מאכען זיין רעכט... ווי מיינט איהר שוין שפעט?

— זייגער צוועלף, ר' רפאל.

נידעריגקייטען וואס ווערען אבגעטהון צווישען די זינדיגע מענשען. די שטערען זענען געווען ווי בריליאנטען אויסגעשאטען אויף דעם ריינעם בלויען הימעל און א שרעקליך שטילשווייגעניש האט געהערשען אויף דער ערד, גלייך ווי די גאנצע נאטור מיט אלע איהרע בעשעפעניש'ען זענען אנשלאפען געווארען מיט א זיסען, א שרעקליכען שלאף, גלייך ווי אלעס איז אויסגעשטארבען אויף דער ערד. מען האט ניט געהערט קיין קול פון קיין מענשען, קיין געזאנג פון קיין פייגעל, קיין בילען פון קיין הונט, קיין שאראך פון קיין גרעזעלע, קיין בעוועגונג פון קיין צווייגעלע, אלעס איז געשלאפען מיט'ן מהייערען, מיט'ן זיסען שלאף אין דער שענער שטאדט N. וואו עס קומט פאר אונזער פיינע געשיכטע.

און איך, דער פערפאסער פונ'ם דאזיגען בוך, נאר איך אליין בין געווען דער איינציגער מענש אין דער גאנצער שטאדט, וואס האט געוואכט די דאזיגע שענע זומער־נאכט; איך האב מיר געשפאצירט איינער אליין איבער אלע גאסען פארטיפט אין געדאנקען און געזוכט מאטעריאל צום שרייבען, און וויפיעל איך האב ניט געטראכט און געקלעהרט, האב איך גאר נישט געקאנט אויסקלעהרען אזעלכעס, וואס זאל טויגען אין א ראמאן אריין, ביז גאט האט רחמנות געהאט אויף א יונגען שרייבער און מיינע אויגען האבען דערזעהען עפיס א רעדעל פון שווארצע פיגורען... די פיגורען זענען ציגעגאנגען אלע מאל נאהענטער צו מיר, און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך זעה מתים, אנגעטהון אין שווארצע קליידער; די מתים האבען עפיס ווי געערעדט צווישען זיך, געטענה'ט און געקריגט; זיי זענען געשטאנען ארום א מטה, און איך וואלט געקאנט שווערען, אז זיי האבען געהאלטען א מין זאך, ווי א פלעשעל, א בוטעלקע, וואס יעדער בעזונדער האט זי אנגעבויגען צו זיך אין מויל אריין און איבערגעגעבען דעם צווייטען, דער צווייטער דעם דריטען א. ז. וו... א פראסט איז איבערגעגאנגען איבער מיין לייב און די האר האבען מיר זיך געשטעלט קאפויר... איך האב געוואלט זיך לאזען לויפען,

צייט, וואס מע וועט די דאזיגע שיינע זשארגאנישע ראמאנען, אנגעריזען גאנצע וואגאנעס און מע וועט זיי עקספעדירען ווייט ווייט, און איך האב מורא, אז דער וואס וועט זיי אוועקהאנדלען, וועט געוויס פארדינען א גוזמא געלד אינ'ם דאזיגען „פאפיער־מסחר"... איך שטעל מיר פאר די טרויריגע לאגע פון די דאזיגע ראמאניסטען (אויב זיי וועלען דאס דערלעבען), מיט זייערע אויסגעצויגענע פנימער אז זיי וועלען דערזעהען, ווי אזוי זייערע אינטערעסאנטע ווערק ווערען געפאקעוועט אין זעק און אין טיוקעס, ווי אזוי א באסיאק חאפט א גאנצען טיוק מיט „העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען פון 4 טהייל מיט איין עפילאג און מיט א שיר" און טהוט איהם א שלייךער אין וואגאן אריין! אוועק אוועק אט די אלע בלאנדע העלדען, די שרעקליכע מערדערס, די יודישע גראפען מיט די בארא‌נען, די ווילדע מיליאנערען, די אומגעלומפערטע יודישע פראצענטניקעס, וואס זענען ניט גע־שטויגען און ניט געפלויגען און אנגעצויגען אויף הויכע דרוקעס אין דער ווילדער פאנטאזיע פון די דאזיגע בעהעלפער וואס האבען זיך א נאמען געגעבען שרייבער, פערפאסערס, ראמאניסטען!...

נאר אזוי ווי ביז דעמאלט דארף נאך אוועקגעהן א היבשע צייט, ביז וואנען דאס יודישע פובליקום וועט זיך ארומקוקען, אז מע האט זיי געהאדעוועט א לאנגע צייט מיט שמאטעס, געגעבען קייען שטרוי, פשוט ווי בהמות, און די בעהעלפערס וועלען זיך נעמען צו זייער אלטער מלאכה און וועלען אויפהערען צו פאטשקען דיין פאפיער, ביז אט די דאזיגע גליקליכע צייט וועט קומען, וועלען מיר זיך אויך פרובירען חאטש אויף א מינוט נעמען זיך אויף דעם דאזיגען שנים און געבען די לעזער א ראמאנטישע סצענע, ווי א סורפריז ווי א פרעמיע צו דעם דאזיגען ווערק.

בכן, איז געווען איין אויסגעצייכענטע, א זעלטענע זומער־נאכט: אויפ'ן הימעל איז ארום געשוואומען די שיינע לבנה (וואס אלע פארליבטע זענען זעהר גערען), און האט מיט איהר בלאס געזיכט אראבגעקוקט אויף דער ערד צו זיין איין עדות אויף די אלע

א גוטע נאכט! מיר האבען באלייגט אלע אונזערע העלדען, וואס דארפען אצונד רוהען און געניסען דעם זיסען שלאף נאך אלע נארישקייטען מיט די שטות'עריי פונ'ם גאנצען טאג. איך מיין, אז עס דארף זיין א גרעניץ פאר דעם ראמאניסט אויך, ביז וואנען איהם איז ערלויבט נאכצוגעהן מיט'ן לעזער פיס-מריט נאך זיינע העלדען. פון אונזער זייט איז דאס אליין שוין אויך ניט אזוי שען און איידעל, וואס מיר האבען זיך ערלויבט אונטערהערען, וואס אונזערע פיינע העלדען שמועסען צווישען זיך פאר'ן שלאף. ארויסגעהענדיג פון ר' סענדער'ס הויז האבען מיר דאס רעכט ביי זיך און צווישען זיך רעדען, שמועסען, בעדויערען און חוזק מאכען פון אלע, מיט וועלכע מיר האבען זיך דא בעקאנט — קיינער קאן אונז נישט שטערען: דערויף בין איך א שרייבער, און איהר מיין ליעבער פריינד, א לעזער, אז מיר זאלען רעדען פון „יענעם" — און „יענער" לאז רעדען פון אונז, וואס ער וויל און וויפיעל ער וויל... א גוטע נאכט!

## דאס ניינטע קאפיטעל.

**עט דא הויבט זיך אן די רעכטע שפיעל, וואו די אקטיארען קענען באווייזען אין גאנצען זייער קונסט.**

עס מאכט מיר פערגניגען, וואס איך האב דאס געלעגענהייט אנצוהויבען דאס דאזיגע קאפיטעל, ווי איין עכטער ראמאניסט, און פארשטעלען מיין ליעבען לעזער אויף הארצרייסענדער סצענעס מיט ריהרענדע בילדער, גלייך מיט אלע מיינע חברים די ראמאניסטען, וואס האבען שוין לאנג קונה־שם געוועזן און וואס איך קאן זיך צו זיי בשום אופן נישט גלייכען, דען זייער קליין פינגעריל איז גרעבער פון מיינע לענדען, און אז איך זאל אפילו לעבען נאך הונדערט יאהר, וואלט איך אויך נישט געקאנט אנשרייבען אזוי פיל שענע ראמאנען, מיט וועלכע אונזער ניי־זשארגאנישע ליטעראטור האט זיך נישט וואס צו שעמען אקעגען אנדערע ליטעראטורען, און איך פערהאף אויף דעם וואס לעבט אייביג, אז עס וועט אי"ה קומען א

אסיפ! גיב נאר אהער מיין שקאטולקע! — אסיפ האט איהר צו גע־טראגען די שקאטולקע אונ רעוועקא האט אהין אריינגעלייגט איהר ביסעל ארעמקייט, האט פארשלאסען אונ געגעבען אסיפען צוריק דאס קעסטעלע, ער זאל דאס אוועקשטעלען. מיט גרויס קנאה האט געביך אסיפ געקוקט אויף רעוועקא'ס קעסטעלע!

— עס וואלט שוין, כ'לעבען, א יושר געווען, רעוועקע, אז דיין „אלמער" זאל...

— וואס מאכט ער דיר קאליע, אז ער לעבט, אסיפ?

— איך מיין פון דיין טובה וועגען, רעוועקא! טשעסטנאיע סלאווא...

— איך בעט דיך, זאלסט ניט זארגען פאר מיר, אסיפ!

— הם...

— ווי אזוי ווייזט „ער" דיר אויס, אסיפ?

— שלעכט, זעהר שלעכט, רעוועקא, היינט, מארגען... טשעסט־נאיע סלאווא!

— נו, נו! ביים זיך אפ די צונג!

— הם...

— וואס זאגט דער דאקטאר, אסיפ?

— ער זאגט, אז „ער" דארף שרייבען א צוואה, מחמת...

— דער דאקטאר איז אזא שוטה ווי דו!

— הם...

— איך מיין, אז ביי איהם ליגט ערגעץ א גרייטע צוואה; ווי מיינסט דו אסיפ?

— לאם איך דיר דערציעהלען, רעוועקא; נאר דו וועסט דאך מיר אויף קיין שבועה ניט גלויבען, — שווער איך דיר, אז ווען ניט, זאל איך א מיתה משונה איינגעמען דא אויפ'ן ארט, איך זאל ניט דערלעבען אויף שמעדן, טשעסטנאיע סלאווא!...

— א? דו שווערסט זיך שוין? איז דאס געוויס א ליגען!

גענוג, גענוג אסיפ! . . . . . . . . . . . . . . . .

* * *

ווי דער כח פון עלעקטערי האבען דא פרויקעס ווערטער גע־ווירקט, און חברה האט זיך ערשט דערמאנט אז ניט איצט איז די צייט אין קארטען שפיעלען — און יעדער איז זיך צעגאנגען אנגעבלאזען, מיט איין אראבגעלאזטער נאז, צו זיך אין זיין רוה אריין, אהן ווערטער, אפילו אהן א „גוטע נאכט", שטיל אויף די שפיץ־פינגער...

* * *

ליגענדיג אין בעט האט חיים א פרעג געטהון זיין סאני'ן „וואס הייסט דאס?" — און סאני האט זיך געשווארען ביי איהרע קינדער, אז זי ווייסט ניט „פון קיין פותר און פון קיין חלום", און וועט געהן שווערען ביי ספר־תורה, אז זי האט אליין געזעהען, ווי אסיפ האט אונטער געדרוקט עטליכע מאל זיינע קארטען רעוועקא'ן, און ווי רע־וועקא האט געווינקען אויף מארקוס'ן... מעגסט זיך טאקי איבערנעמען, חיים, מיט דיין משפחה! ביי מיין מאמען וואלט אויך אזוי געווען, איא, חיים? חאטש דיין שוועסטער איז א טאכטער, ניט קיין זוהן, וועט זי נעמען מעהר ווי דו! איך האב פארשפיעלט צוויי און צוואנציג קערב־לעך און רעוועקא האט זיי אפגעוואונען און ירושה וועט זי אויך נעמען מעהר פון אונז, חאטש זי איז א טאכטער און דו ביסט א זוהן!.. רעוועקא האט תמיד געקאנט מאכען דעם שוועהר חניפה'לעך מיט חנ'דלעך, דערפאר וועט זי זיין א גרעסערע יורש פון דיר, דאס זאג איך דיר פריהער, חיים; דו מעגסט זיין אויף מיר ברוגז וויפיעל דו ווילסט!..

* * *

— וויפיעל האסט דו געווינען, רעוועקא? האט אסיפ א פרעג געטהון ארום געהענדיג איבער'ן צימער האלב אויסגעטהון און נאך אלץ שטארקער פארפלאמט.

— דו דארפסט דאס טאקי נייטיג וויסען, אסיפ? האט איהם רעוועקא געענטפערט און האט זיך גענומען איבערצעהלען איהר קא־פיטאל פערציג, פופציג, זעכציג, זיבעציג פינף, אכציג, דריי און אכציג, זעכס און אכציג, זיבען און אכציג, ניינציג, צוויי און ניינציג מיט פערציג קאפיקעס... צוויי און ניינציג רובל מיט פערציג קאפיקעס..

שפּיעלט ניט מיט קיין זשוליקעס! איך האב היינט אזעלכע אפּפערעס! טשעסנאיע סלאווא!

סאני איז געווארען אלערליי פארבען און דער עולם איז אן געפאלען אויף אסיפ'ן:

— הא? וואס איז דארטען? וואס? ווי אזוי? וואו? ווען?

— סטייטש! האט אסיפ געשריגען ניט מיט זיין קול: ווי אזוי דערלאזט איהר גאר אזעלכעס? מיר זענען ניט קיין קארמאנשטשיקעס! דא שפּיעלען ערענטליכע מענשען, ניט קיין קארטיאשניקעס! סאפיע אבראמאוונא! איך פּראטעסטיר פאר אלעמען, אז איהר האט געשטעלט א גילדען (פינפצעהן קאפּ') און האט ארויסגענומען א פערציגער (צוואנ־ציג קאפּ') אויסגאב! זייט זיך מודה! טשעסטנאיע סלאווא!

— אך, איהר קארזשיאזשניק! איז אויף איהם סאפיע אבראמאוונא אנגעפאלען, איהר זענט אליין דער גרעסטער אפּפעריסט! איהר מיינט, אז איך זעה ניט, ווי איהר טרעט אן רעוועקא'ן אלע מאל אויף די פים אונטערען טיש?

— א דו, מערזאווקע איינע! איז רעוועקא אויף איהר אנגעפא־לען — דו האסט שוין אנגעהויבען דיינע אלטע שטיק?.. און רעוועקא האט איהר א ווארף געטהון די קארטען אין פּנים אריין און איז ארויס פון'ם טיש.

— דו ביזט אליין א מערזאווקע! האט איהר סאני געענטפערט מיט כעס און דיין פראנט האט פארשארלאטאניעט אין גאנצען זיין ירושה אין פעטערסבורג אויף גוטע זאכען...

—הא?! וואס ??! איך ????!! איך ???!!! איך ????! טשעסנאיע סלאווא !!!!

— לאז זיין שטיל!

— וואס זאגסט דו אויף דער קאטאסטראפע, אויף אזא טראגע־דיע? האט מארקוס געזאגט צו זיך אליין.

— ששששששא! דער בעל הבית האט בעפוילען עס זאל זיין שוין שטיל! האט פרויקע געזאגט אריינגעלאפען א דערשראקענער.

אט־אט אט־אט־אט־אט!.. האק! מפררררררו! לויף ניט!.. מארקוס שטעל געלט!.. זוך, זוך, חיים! רעוועקא מאלאדיעץ!..

אונזער געעהרטער אסיפ האט אזוי לאנג געסמאלעט א וועלט, ביז ער האט זיך אויסגעבייטעלט ביז גאר, איז ער אויפגעשטאנען און האט עפּיס איין געראמט רעוועקא'ן א סוד אויפ'ן אויער.

— איך וויל ניט, איך וויל ניט! האט איהם זיין ליבסטע פרוי געענטפערט אויף א קול. בעסער הער אויף צו שפּיעלען, אז דו האסט קיין געלט ניט!

אסיפ איז געוועזן אויסער זיך פאר כעס; פון דעסטוועגען האט ער זיך איינגעהאלטען און האט געזאגט הויך אויף א קול:

— דו מיינסט, אז איך האב קיין געלט ניט? — איך האב משעסטנאיע סלאווא. אט וועל איך באלד ווייזען.

און אונזער העלד איז אוועקגעלאפען גלייך צו פרויקע'ן אונטען ביי די טרעפּ און ביי איהם געבעטען א הלואה ביז מארגען זייגער אכט אין דערפריה משעסנאיע סלאווא... פרויקע האט איהם דערמאנט די פריערדיגע פעטש און האט לאנג ניט געוואלט געבען; נאר ער האט אויף איהם רחמנות געהאט (פרויקע האט זעהר א גוט הארץ!) און האט איהם געליגען צעהן רובל, בתנאי, אז ניט שפּעטער, ווי מארגען זייגער אכט זאל ער איהם דערפאר געבען פינפצעהן רובל...

אסיפ איז אריין מיט גרויס קוראזש אין זאל אריין: — א פיינע שטאדט! זייגער צוועלף ביינאכט קאן מען שוין ניט צעבייטען קיין הונדערטער!! — משעסטנאיע סלאווא!

עס איז איבערגעגאנגען נאך א האלבע שעה און ביי אסיפ'ן האבען די צעהן רובל געטאנצט און די חברה וואלט זיך אפשר צוגאנגען פון די קארטען בשלום יעדער אין זיין רוה אריין, ווען דער צע־היצטער הער זעמעל וואלט פלוצלים זיך ניט אויפגעהאפּט פון'ם ארט, ווי איין אפּגעבריטער, מיט א גוואלד:

— סאפיא אבראמאוונא! איהר דארפט געדענקען, אז איהר

וואו מען איז אין דער וועלט, האט שוין אסיפ געהאלטען א פעשעל קארטען אין די הענט און דאס פנים האט איהם געפלאמט פאר שמחה; נאר אסיפ'ן איז היינטיגען אבענד ניט בעשערט געווען צו טהיילען קארטען, ווייל רעוועקא האט זיך ניט געשעמט און אויסגעשריגען אויף א קול צו איהר געליבטען מאן:

— זייט זשע מוחל, אסיפ מאיסעייוויטש, גיט אהער די קארטען, מהמת איהר זענט צו א גרויסער מזיק אויף פינף טייז...

דער עולם האט זיך צעלאכט און אסיפ האט זיך געביך געביטען די נעגעל פאר דאסאדע; ער האט אויסגעלאזט זיין ביטער הארץ צום אומגליקליכען פרויקע'ן, וואס האט אין דער מינוט אריינגעטראגען ליכט מיט א שטיקעל קרייד; פרויקע האט דערלעבט א נקמה אין זיין שונא און האט שוין כמעט פארגעסען, אז פון אסיפ'ס פעטש איז איהם אויפגעלאפען א באק.

רעוועקא האט געטהיילט קארטען און דער גאנצער עולם האט כלומר'שט געשפיעלט אהן חשק אהן ווערטער; נאר בימלעכוויים, וואס ווייטער, איז געווארען אלץ מונטערער, לעבעדיגער; יעדער האט גערעדט, געקוקט, גערעכענט, געצעהלט און געשטעלט געלט, געהאפט א קוק יענעם אין די קארטען אריין, געוואונקען געשמייכעלט חוץ איין חיים, וואס איז געזעסען, ווי א פרעמדער, און האט כסדר צעביטען איין קערבעל נאך דעם אנדערען; נאר מעהר פון אלע האט געלעבט דער הער אסיפ זעמעל: זיינע האר זענען געווען צוקאשמעט, דאס פנים פארפלאמט, דער שטערען פארשוויצט און אליין איז ער אלע מאל אונטערגעשפרונגען:

— וואליי! — איך קויף!.. שנייד!.. געב איהם אהער דעם חברה מאן!.. איך בראס ווייטער!.. דער מלכה א קניפ אין בעקעל און דעם מלך א פייג אונטער דער נאז!.. צוויי טייז ווי די מייז! א פליאסק אין פיסק! אהא, רעוועקא!.. געב נאר געב! גוט—גוט!.. נאך! נאך! נאך!. אט אזוי לערנט מען ביי אונז!.. האק א צדיק!.. דו פייפסט ברודער?. קריך, קריך, חיים סערצע!.. סאפיע אבראמאוונא! לייגט זיך שלאפען!..

אויבֶּען־אָן, אויף מִרְיָם חַיָה'ס אָרְט, (מִרְיָם חַיָה אִיז גֶעזֶעסֶען אִין קַאבִּינֶעט נֶעבֶּען אִיהר טַאן דֶעם חוֹלֶה) אִיז גֶעזֶעסֶען רֶעוֶועקָא; נֶעבֶּען אִיהר פוּן דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט — סָאנְיָ, בַּיי דֶער לִינְקֶער הַאנְט — חַיִים; נֶעבֶּען חַיִים'ן אִיז גֶעזֶעסֶען אָסִיפ, נֶעבֶּען כָאנִי'ן אִיז גֶעזֶעסֶען מַארְקוּס, נֶעבֶּען אָסִיפ'ן דִי אַלְטֶע מוּמֶע דָאבְּרוּשׁ. דֶער בַּאהֶלְצַייט אִיז צוּ גֶע־גַאנְגֶען גַאנְץ גֶעוֶוינְלִיךְ; אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעסֶען סְטַאטֶעטְשְׁנֶע, וַוייל סֶענְדֶערְס שְׁטוּהל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען לֶעדִיג אוּנ עֶס אִיז עֶפִּים גֶעוֶועןן נִיט פְרֶעלִיךְ. אוּנְזֶער נִיטְפַארְלַארֶענֶער הֶעלְד אָסִיפ הָאט יָא אַ פָּאר מָאל אַ לַאךְ גֶעטְהוּן אִיבֶּער דֶער מוּמֶע דָאבְּרוּשׁ, נָאר זַיין סַאטִירֶע הָאט אָבֶּער דָא נִיט גֶעוִוירְקְט. דִי מוּמֶע דָאבְּרוּשׁ הָאט גֶעגֶעסֶען מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, דְהַיְינוּ: זִי הָאט נָאךְ יֶעדֶער זוּפּ אַוֶועק גֶעלֵייגְט דִי לֶעפֶּעל אוּנ אָפְּגֶעוִוישְׁט דִי לִיפֶּען אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער. פְּרוֹיקֶע הָאט דֶערְלַאנְגְט צוּם טִישׁ מִיט גְרוֹיס כּוּרַאזְשׁ: עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיסְפַּייגֶען פַאר דִי גֶעסְט, אוּנ פַאר גְרוֹיס אִימְפֶּעט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף דֶעם הֶער זֶעטֶעל אַ טֶעלֶער יוֹךְ; אוּנְזֶער פְרַאנְט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעחַאפְּט פוּנ'ם אָרְט אוּנ הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם גֶעטְרַייהֶען מְשָׁרֵת עֶטְלִיכֶע פַייֶערְדִיגֶע פֶּעטְשׁ אוּנ הָאט מִיט טְרֶערֶען אוֹיף דִי אוֹיגֶען זִיךְ גֶענוּמֶען ווִישֶׁען, בֶּערְשְׁטְ־לֶען, רֵייבִּיגֶען אוּנ שֶׁעלְטֶען פְּרוֹיקֶע'ן מִיט טוֹיטֶע קְלָלוֹת, אוּנ פוּן יֶענֶעם אָבֶענְד אָן אִיז צְווִישֶׁען אוּנְזֶער אַרִיסְטָאקְרַאט זֶעטֶעל מִיט פְּרוֹיקֶע' דֶעם מְשָׁרֵת גֶעוָוארֶען אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶע שִׂנְאָה אוֹיפְ'ן טוֹידְט.

נָאךְ דֶער וֶועטְשֶׁערֶע זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען זָאגֶען דֶעם קְרַאנְ־קֶען פַּאטֶער "אַ גוּטֶע נַאכְט"; מִרְיָם חַיָה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי סֶענְדֶער'ן אִין קַאבִּינֶעט; דִי מוּמֶע דָאבְּרוּשׁ הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ ווִינְקֶעלֶע מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה אוּנ עֲנִיוּוּת; דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶע־נֶען שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁלָאפֶען מִיטְ'ן זִיסֶען, טְהַייעֶרֶען שְׁלָאף, אוּנ חַיִים, מַארְקוּס, רֶעוֶועקָא, אָסִיפ אוּנ סָאנִי הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע בַּאזֶעצְט אִין דֶער שֶׁענֶער, גְרוֹיסָארְטִיגֶער זַאל — אוּנ אִיךְ וֵויים עַד הַיּוֹם נִיט, ווִי אַרוּם, פוּן וָואס אוּנ פוּן וַואנֶען זֶענֶען אַלֶע פְּלוּצְלִים מוּסְכָּם גֶעוָוארֶען צוּ שְׁפִּיעֶלֶען אִין קָארְטֶען? — נָאךְ אֵיידֶער מֶען הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט

איך רעכען, אז מיין לעזער שטויסט זיך שוין אן, אז אזעלכעס זיסע רייד קאן נאר זאגען א ווייב — א ווייב, וואס איז איבערגעבען צום מאן מיט'ן גאנצען לעבען — אז וואהל איז דיר, העד דאקטאר, אויף דער וועלט, אונ אז וואהל איז דיין ליבען נאמען, געבענשטער, דער גליקליכסטער פון אלע, פון אלע מאנען! — מיר פארגינען דיר מיט'ן גאנצען — גאנצען הארצען!...

איך מוז ווידער אמאל בעטען מחילה פון מיינע לעזער אונ לעזערין, וואס איך האב אוועק געווארפען אונזער ליבסטע פאמיליע בלאנק אונ האב זיך אביסיל פארנומען מיט זייטיגע פארשוינען: ערשטענס איז די גוטע מומע דאברעש אונזער סענדער'ס איין איינגענע שוועסטער, בלוט אונ פלייש; אונ אזוי ווי די דאזיגע בארמהערציגע שוועסטער האט געקאנט קומען „מבקר חולה" זיין דעם ברודער, האט זי געוויס פארדיענט א שטיקעל ארט אין אונזער קראניקע; אונ צווייטענס, דעם דאקטאר קלוגער האבען מיר אהער ניט געבראכט; איהם האט געבראכט צו פיהרען פרויקע דער משרת.

ווי באלד דער דאזיגער גוטער דאקטאר איז געקומען צו פאהרען דאס ערשטע מאל, האט ער אנגעהויבען צו פאהרען אהער פינף מאל אין טאג אונ האט געמאכט פון סענדער'ס בויכוויטאג א גאנצען יאריד, אונ זיין געטרייע פרוי, די דאקטערשע, האט צו קלונגען איבער דער גאנצער שטאדט, אז דער אלטער בלאנק איז פערביי, איין אומגליק א מין חלירע! סע געהט ארום א חלירע אין שטאדט! מען דארף זיין געהיט זעהר — זעהר! מען דארף זיך זעהן בעצייטענס מיט'ן דאקטאר, נישט אפליינען אין דער לאנגער באנק אריין!...

---

## דאס אכטע קאפיטעל.

דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען; די געזונדע פארגעסען אינים חולה, אונ עפים נאך.

דער זייגער האט געקלונגען צעהן, אז סענדער בלאנק'ס משפחה האט זיך געזעצט עסען „וועטשערע".

— אָ, פרעגט גאר נישט! אוודאי א גרויסער בראך, א גרויסער בראך, א גרויסער אומגליק פארן ווייב מיט די קינדער, געביך. גוטע מענשען, ערליכע לייט, אלע, די גאנצע פאמיליע! וואסער א פאר־מאך אזעלכע שאף, דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פונ׳ם בוימעלע...
לייטעשע מענשען! נאר וואס זאל מען טהון?

— א דימענדיגער מענש, א גילדענער מענש איז דער דאקטאר קלוגער!

אזוי זאגען איהם נאך זיינע פאציענטען און אזוי זאגען מיר איהם אויך נאך דעם זעלבען שבח: א דימענדיגער, א גילדענער מענש! אלע קאנען איהם; אומעטום איז ער דא; וואוהין מען זאל איהם נישט רופען פאהרט ער; וועקט איהם אויף האלבע נאכט, וועט ער מיט אייך פאהרען אין עק וועלט אריין, אבי דאס האלבע קערבעל...
אוי, האט ער ליעב דאס האלבע קערבעל!

זייט זשע מוחל, וואס האט איהר געוואלט: אומזיסט זאל ער צו אייך פאהרען? פון די דאזיגע אידעאליסטען איז ניט אויסצושטעהן!

דער דאקטאר קלוגער האט ליעב דאס האלבע — קערבעל; ער האט דאס אזוי שטארק ליעב, אז ער לויפט נאך דעם נאך, און דינגט זיך מיט׳ן ארעמאן; וואס קאן עס איהם נישט געבען, אזוי לאנג, ביז ער מוז עס איהם געבען, און איך זעה דא בפירוש ניט ארויס קיין שום עולה פון זיין זייט, ובפרט, אז מען טרייבט איהם:

— געה, נשמה מיינע, אין האב געהערט אין מארק, אז ער ליגט אויף א טיפוס און ביי דעם מאזעלט א קינד! געה, מיין לעבען, גיכער. דארט קאנסט דו נעמען א קערבעל און אפשר מאכי צוויי, מחמת איך ווייס, וויפיעל פלייש מען נעמט אהין יעדען טאג; און דו זאלסט זעהן, וואסער א טואליעט זיין ווייב מיט זיינע טעכטער טראגען, וואלסט די אליין געזאגט, הארץ מיינס, אז דער רוח וועט זיי ניט נעמען, נישט קשה, מאמע מיינע, האסט גענוג געהארעוועט, ביז דו האסט בעקומען דעם דיפלאם צו מזל! שעם זיך ניט, מיין קרוין, דאס איז דיין פרנסה; דאס איז מיין קלייט, מיין קראם, און דאקטוירים איז היינט דא גענוג.

קווימעלעך און גלאט אזוי פאפירען... דער דאקטאר קלוגער האט נעבעך געמוזט איבערקוקען דעם גאנצען פאק מיט פאפירען און א קאלטער שווייס האט איהם בעשלאגען. וואס האט ער געקאנט טהון, אז ער האט זיך אליין אנגעפרעגט איין אומגליק? עטליכע מאל האט ער זיך געריסען פון זיינע הענט, געקוקט אויפ'ן זייגער, נאר אומזיסט, אסיפ איז איהם אריינגעפאהרען מיט זיינע געשעפטען גלייך אין הארצען אריין און האט איהם אבגעטוטשעט א גוטע שעה צייט, ביז רעוועקא האט איהם מיט איהר אריינקומען איבער געשלאגען (פאר איהר האט זיך אונזער העלד געהאט דרך ארץ).

אז דער דאקטאר קלוגער איז ארויסגעפאהרען פון ר' סענדערס הויף, האט ער ארויסגעלאזט א פרייען זיפץ פונ'ם הארצען, ארומגעקוקט זיך צי עס לויפט איהם ניט נאך דער הער זעמעל מיט זיינע דאקומענטען.

— א זעלטענער קאפ! — האט דער דאקטאר קלוגער דערצעהלט ביי זיינע אנדערע פאציענטען — 1½ מיליאן! איך בין געוועזען ביי א פאציענט, ביי דעם הער בלאנק; איהר קאנט דאך דעם הער בלאנק? האט ער איין איידעם, א זעלטענער קאפ. שטעלט אייך פאר, ער פיהרט א פראצעס אויף 1½ מיליאן!

— אזוי? וואס זשע מאכט עפיס אייער חולה? ווי געהט עס דעם הער בלאנק'ען אין געזונד?

— עט; דערוויל אהן א שום פערענדערונג, סטאטוס נעררוואזוס... איך רעכען, אז מארגען אדער איבער מארגען — ניט שפעטער — דארף זיין דער קריזיס, אדער אהער, אדער אהין... און דער דאקטאר קלוגער האט בעוויזען מיט'ן גאנצען גוף אהער און אהין.

— או — ווא! איין עבירה אזא מענש, ווי ר' סענדער, כ'לעבען. ווי זאגט איהר הער דאקטאר?

— א, אהן א שום ספק! א פיינער מענש, א ליטעשער מענש, א פאטשטיוגע מענש, א זעלטענער מענש!

— נו, און דאס ווייב מיט די קינדער, הער דאקטאר?

ער איז א רופא כל בשר, מיין קינד! ער איז א מפליא לעשות (לעשות), מיין קינד!...

די מומע דאבריש קאן א גוזמא לשון־קודש־ווערטער, און דערפאר גילט זי פאר א למדנטע, א וואהלקענדיגע, א מאנס־בילשער קאפ.

— נו, און אבשפרעכען העלפט דען ניט? — האט איהר אסיפ ווייטער דעקוטשעט מיט זיין סאטירע.

— ניין, מיין קינד! אין א פרעמדער שטאדט קאן מיין שפרע־כען ניט עולה־יפה זיין, מיין קינד.

אונזער העלד אסיפ האט לאנג געטריבען קאטאוועס מיט דער מומע דאבריש, וואס האט איהם גערופען „מיין קינד" און איז ניט ברוגז געווען, וואס מע שפעט איבער איהר אזוי אפענטליך; נאר אסיפ'ס סאטירע האט זיך סוף כל סוף צוגעגעסען אימליכען, האט איהם רעוועקא געזאגט:

— גענוג שוין אסיפ! — און האט אויף איהם אזא קוק גע־מהון, אז אסיפ איז אנשטומט געווארען אויף א היבשער ווייל, ביז דער דאקטאר קלוגער איז געקומען בעזוכען דעם חולה, און ביים געזעגענען זיך האט זיך מיט איהם אסיפ צורעדט מכח זיינע געשעפ־טען. ער האט איהם דערצעהלט וועגען דעם גרויסען פראצעס. וואס ער פיהרט מיט זיין געוועזענעם שותף פייפערמאן, וואס האט איהם בעראבעוועט אויף $1\frac{1}{2}$ מיליאן און וועגען דער אמעריקאנישע וועש־פאבריק וואס געהט ביי איהם זעהר גוט — משעכנאיע סלאווא!

דער דאקטאר קלוגער האט זיך תחלת שטארק בעראינטערע־סירט מיט אסיפ'ס מעשות און איז זעהר נייגעריג געווען צו בעקומען א בעגריף וועגען דעם אינטערעסאנטעם פראצעס אויף $1\frac{1}{2}$ מיליאן און וועגען דער אמעריקאנישע וועש־פאבריק — אונזער העלד האט זיך פשוט מחיה געווען, וואס נאט האט איהם צוגעשיקט אזא מענשען, וואס אינטערעסירט זיך מיט איהם, האט ער ארויסגענומען א גאנצען פאק פאפירען: פראשעניעס, קאפיעס, חשבונות, פלאנען, וועכסלען,

אויף „יענער וועלט" און איז געבליבן אַ „קטלנית", וואָס ווערט ביי אונז אָנגערופן, און קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט.

די מומע דאָבריש האָט, ווי עס ווייזט אויס, געוואוסט, אַז אויף דער עלטער וועט זי בלייבן עלענד, ווי אַ שטיין, האָט זי פון פריער צוגעגרייט אַ שטיקעל פּאַרמעגען, עטליכע הונדערט רובעל מיט אַ קליין שטיבעלע און מיט איין אייגען קלייטעלע פון „באַקאַליע". פון וואַנען זי ציהט זיך איהר בעדערפעניש. אין שטאָדט הייסט זי ביי אימליכען „די מומע דאָבריש", און כריסטען רופען זי „דאָברוכאַ". אַ חוץ, וואָס זי האָט אַ קלייטיל, איז די מומע דאָבריש אַ שטיקעל רופאַ'טע אויך; ביי איהר קריגט מען אַלערליי רפואות, פערשידענע גראָזען, סם, מישיאַק, ראָזמאַרין, שאַלווי, ראָמאַשקעס, און איז אַ ווילדע מומחה'טע אויף אָפּשפּרעכען איין עין־הרע, צעהנווייטאָג, אַ „בעשיכע", אָבקוועטשען „זובישטשעס", אויסגיסען אויף וואַקס, וואַרפען אויף קאָרטען, ברענגען איין אַנטלאָפענעם מאַן אויף אַ קאָטשערע, פערטרייבען מכשפות, שדים, לצים, „דאָמאָוויקעס" און אַ סך אַנדערע תחבולות און סגולות. פאַר דער מומע דאָבריש האָט יעדער אַבשיי, און די כריסטען געבען איהר אָב גרויס כבוד, נאָך איהר ווערטה נאָך. זומער קאָן מען זי אָפט בעגעגענען גאַנץ פריה, איידער די זון געהט אויף, אין פעלד, קלייבען איהרע גראָזען, און ווינטער — שפּעט אין דער נאַכט אַקעגען דער לבנה מאַכען מיט די הענט און שעפּטשען מיט די ליפּען. אין דער שטאָדט, וואו די מומע דאָבריש וואוינט, דערצעהלט מען וועגען איהר עטליכע זעהר ניט קיין שיינע מעשות, און „נאַטשאַלסטווע" האָט אויף איהר שוין לאַנג איין אויג, נאָר אין די קליינע שטעדטלעך ווערד אַלעס אָבגעטהון פאַרנייט און פאַרדעקט.

— איהר זענט דאָך עפּיס יאָ אַ מומחה'טע, האָט זיך צו איהר אָסיפּ ניט אויפגעהערט צו טשעפּען, וואו זשע קומט דאָס, אַז איהר זאָלט ניט געבען קיין רעכטע רפואה דעם שווער?

— גאָט, גאָט וועט איהם צושיקען אַ רפואה שלמה, מיין קינד!

בין איך געוואָהר געוואָרען פונ'ם שלאַק! אך! איין ברודער! איין און איינציגער ברודער! און וואָסער אַ ברודער! אַזאַ ברודער! אך! אך!

— וואָס אָבקיט איהר, דאָבריש? — האָט זיך מרים חיה אָנגערופען, גאָט וועט געבען, וועט ער אי"ה זיין געזונד.

— יאָ, מיין קינד, יאָ ביי גאָט איז אַלעס מעגליך, יאָ! ער איז אַ ודאַי אַ גרויסער בריה! ער איז אַ דאָקטאָר איבער אַלע דאָקטוירים!

דער געריהמטער אָסיפ זעמעל, וואָס האָט גאָר וואָס געהאַט דעם שענעם פּסק פון זיין שווער, האָט פאַרבונדען אַ שמועס מיט דער מומע דאָבריש און האָט אויסגעשאָטען אין גאַנצען זיין פּאַטירע, אַלע זיינע וויטצען מיט די ווערטעלעך איבער איהר און דערמיט צעלאַכט דעם גאַנצען עולם. ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך איהר קומען, האָט מען זי אַריינגערופען צום קראַנקען ברודער, וואו זי איז אָבגעזעסען עטליכע מינוט און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען, שנייצענדיג די נאָז און ווישענדיג די אויגען. דער ניט־געפאַלענער אָסיפ האָט זי באַגעגענט מיט אַ הילכיגען געלעכטער און האָט איהר אין די אויגען איבערגעקרימט, ווי זי וויינט און שנייצט די נאָז; דער עולם האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער און אָסיפ האָט געשיינט פאַר שמחה.

— לאַכט, לאַכט, קינדערלעך! — האָט זיי די גוטע מומע געענטפערט מיט גרויס הכנעה. איהר וועט אַמאָל אויך אַלט ווערען, וועט מען אייך אויך אויסלאַכען!

דער לעבעדיגער אָסיפ האָט ניט אויפגעהערט צו שפּעטען פון דער אַלטער מומע, צום גרויסען פערגניגען פון דער גאַנצער פאַמיליע, און די גוטע מומע דאָבריש האָט ניט איבערגערעדט דאָס צווייטע וואָרט און האָט געלאַכט גלייך מיט זיי אַלע.

שווער צו פאַרשטעהן דאָס פּראַקטיקייט און דאָס ווייכקייט פון דער דאָזיגער אַלטער: צו ווייל זי איז טאַקי בטבע אַזאַ גוטע פרוי, צי איבער איין אַנדער זאַך? מיר קאָנען די מומע דאָבריש פאַר אַ יודינע, וואָס האָט ביז פיפציג יאָהר עקספּעדירט דריי געזונדע מאַנען

דֶער נָאמֶען „זֶעמֶעל״ שְׁטֶעהט שׁוֹין נִיט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט; נָאר מִיר וַוייסֶען, אַז דִי וֶועשׁ־פַאבְּרִיק אִיז זַיינֶע, אוּנ סִ׳אִיז גָאר קַיין עַוְלָה נִיט, אַבִּי פַארְדִיעֶנֶען גֶעלְד. דֶער חִסָרוֹן אִיז אָבֶּער וָואס סֶע פַארְדִיעֶנְט זִיךְ נִיט. אוּנְזֶער אָסִיפ זֶעמֶעל הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי פַאבְּרִיק וִוי אַ גְרוֹיסֶער פְּרִיץ אוּנ מִיט אַזָא שִׁיק, אַז גָאט וַוייסְט אוֹיבּ זִי וֶועט זִיךְ הַאלְטֶען נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער הֶעכְסְטֶענְס צְוַויי חֳדָשִׁים.

בַּיי דִי דָאזִיגֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען אוּנ בַּיי דֶער דָאזִיגֶער לַאגֶע פוּן זַייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטֶען הָאבֶּען זַיי, אָסִיפ מִיט רֶעוֶועקַא׳ן פְלִיצְלוּם עֶרְהַאלְטֶען דִי טְרוֹירִיגֶע דֶעפֶּעשֶׁע אוּנ אָט אַזוֹי זֶענֶען זַיי גֶעקוּמֶען צוּ סֶענְדֶערְ׳ן אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, וואוּ מִיר הָאבֶּען גֶעהֶאט דִי עֶהְרֶע זַיי שׁוֹין צוּ זֶעהֶען.

## דָאס זִיבֶּענְטֶע קַאפִּיטֶעל.

**וואוּ דֶער לֶעזֶער בַּאקֶענְט זִיךְ מִיט צְוַויי וַוייטִיגֶע פַארְשׁוֹינֶען אִינְ׳ם דָאזִיגֶען רָאמַאן.**

דִי אַלְטֶע לַייט הָאבֶּען שׁוֹין אַזָא מַזָל, מִשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט, אַז ווּי בַּאלְד זַיי הַאפֶען זִיךְ גָאר אַרַיין צְווִישֶׁען יוּנְגְוַוארְג, אַזוֹי פַארְגֶעסְט מֶען גָאר אָן זַיי, גְלַייךְ וִוי זַיי זֶענֶען גָאר נִיטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

צְווִישֶׁען אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַארְשׁוֹינֶען, וָואס דְרֵעהֶען זִיךְ דָא אַרוּם בַּיי אוּנְזֶער פַיינֶעם סֶענְדֶערְ׳ן אִין הוֹיז, הָאבֶּען מִיר גָאר דוּרְכְגֶעלָאזְט דִי מוּמֶע דָאבְּרִישׁ, סֶענְדֶערְס אַיין אֵייגֶענֶע שְׁוֶועסְטֶער, אַיין אַלְטֶע יוּדִינֶע פוּן אַ יָאהר זִיבֶּעצִיג, מִיט אוּנְטֶערְגֶעבּוּנְדֶענֶע צֵייהְן, אַ הוֹיכֶע אוּנ אַ גְרָאבֶּע אוֹיף סֶענְדֶערְס מַאנִיעֶר.

— וִוי קוּמְט אִיהר אַהֶער, מוּמֶענִיוּ? הָאבֶּען זַיי דִי יוּנְגֶע דַאמֶען גֶעפְרֶעגְט; וֶוען קוּמְט אִיהר אָן? וִוי אַזוּם אוּנ פוּן וַואנֶען?

— אָךְ! הָאט זַיי דִי מוּמֶע דָאבְּרִישׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט קְרֶעכְצֶענְדִיג אוּנ שָׁאקְלֶענְדִיג מִיטְ׳ן קָאפּ. אָךְ! אִיךְ הָאבּ דֶערְהֶערְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּן אַ הִיגֶען בַּעל־עֲגָלָה, וָואס פָאהְרְט צוּ אוּנְז אַלֶע וָואךְ; פוּן אִיהם

אז דער ערשטער קלאג איז איבערגעגאנגען און אסיפ האט אויפגעהערט צו קלאגען נאך זיין טהייערען פאטער, האט ער אין א יאהר ארום אויפגעבראכען זעהר א גרויס געשעפט פון ערד־קאהלען מיט עטליכע שותפים, און אויף אסיפ'ס הויז איז פלוצלום, אין א שיינעם פריה־מארגען אויסגעוואקסען א גאנץ גרויסע טאבליצע, מיט גילדענע אותיות, מיט די דאזיגע ווערטער:

Главная контора каменоугольнаго Товарищества Земеля, Файфермана и Ко.

אין דער דאזיגער קאנטאר זענען תמיד געזעסען דריי בוכהאלטערס, צוויי קארעספאנדענטען, א סעקרעטער מיט א קאסיר און האבען פון זייגער ניין אין דער פריה ביז פינף בייטאג געשפיעלט אין פרעפעראנס; און זעמעל, פייפערמאן מיט דער קאמפאניע זענען געזעסען אין פעטערסבורג — גאט ווייסט צו וואס, צו ווען! רעוועקא איז זיך געזעסען אין דער היים, זעהר אין א שיינעם הויז, און די פיינסטע יונגע לייט פון דער שטאדט פלעגען זיך דארט כמעט אלע נאכט צונויפקלויבען „האפען א קערטעל". אזוי איז אוועקגעגאנגען דריי יאהר; דריי גוטע, בארימטע יאהר פאר זעמעלס בוכהאלטערס מיט די קארעספאנדענטען, דריי פרעהליכע יאהר פאר רעוועקא'ן מיט איהרע בעקאנטע, — און דריי ביטערע יאהרען פאר דעם אומגליקליכען הער אסיפ זעמעל, וואס האט נעביך געפטר'ט אין גאנצען זיין קאפיטאל און האט נאך געהאט א פראצעס מיט זיין שותף פייפערמאן, וואס האט איהם אנגעפייפט מחילה אין דער ערד־קאהלען... שטיל, אהן צערעמאניעס, איז די גילדענע טאבליצע ארויף, און שטיל, אהן צערעמאניעס, איז זי אראפ פון זעמעלס הויז און ארויפגעטראגען געווארען אויפ'ן בוידעם; דארט צווישען אלע אלטע חאליעוועס, ליגט זי נאך עד היום הזה; שפינען בויען אויף איהר זייערע קינציגע שטיבעליך און מייז טאנצען אויף איהר ארום מיט גרויס עזות!... אויף איהר ארט הענגט היינט איין אנדער טאבליצע שוין נישט מיט קיין גילדענע אותיות:

Механическое Прачешное Заведеніе

פריהער מיט צוויי שעה, אונ האט נאך ניט אויספּעיעט אפילו א קלעהר טהון ווי עס געהער צו זיין, איז שוין אסיפ געווען מיט איהר אין וואגאן אונ האט זי געהאלזט אונ געקושט אונ גערעדט מיט היץ, מיט פייער... רעוועקע האט ניט געהערט גאר ניט... נאר אין פאעטאן (אסיפ איז ארויסגעפאהרען מיט'ן פאטערס גרויסארטיגען עקיפאזש אקעגען רעוועקא'ן) האט זי זיך אנגעשפארט מיט איהר הייסען קאפ אויף אסיפ'ס פלייצעס אונ האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד... אסיפ האט זי געטרייסט אונ איינגענומען, ווי ווייט ער האט געקאנט, אונ אזוי זענען זיי געקומען אהיים... די נייע שטאדט, דאס נייע הויז, נייע קאנטשאפט, נייע קאמפּלימענטען, מיט נייע געדאנקען האבען מיט געוואלד ארויסגעטריבען פון רעוועקא'ס קאפ דאס בילד פונ'ם יונגען סטודענט...

אין דער דאזיגער צייט איז צווישען מאן אונ ווייב פארגע־קומען עטליכע מיאוסע סצענעס, וואו אסיפ האט געשפּיעלט די ראלע פון א פערזינדיגטען, וואס האט אויף די קניעס געבעטען מחילה, אונ רעוועקא פלעגט איהם, פאר רחמנות מוחל זיין... איין מאל אין א פריה־מארגען האט זיי דאס שטוב־מיידיל געטראפען אין א טרויריגער לאגע: די מאדאם רעוועקא איז געשטאנען אין איין העמד אונ האט אויף זיך געריסען די האר, אונ דער הער אסיפ איז געשטאנען מיט א שטיוועל אין איין האנט אונ מיט אפּאר אשקאלירענע ברילען אין דער אנדערער האנט... ווי אזוי אבער זענען זיי אלע טאג ארויס־געפאהרען מיט'ן קנאק אונ מיט'ן פייף? ווי גרויסארטיג איז רעוועקא געווען געקליידעט? וויפיעל דאמען אונ מאמזעלען האבען איהר מקנא געווען אויף איהר רייכטהום, אויף איהר גרויסקייט? א כפרה, לעזער, א גוטער עדלער, געבילדעטער מאן פאר אפּאר גרויע פערדליך! א כפרה, לעזערין, א גליקליך לעבען מיט דעם ארעמען ליעבענדען מאן פאר א לאזשע אין טהעאטער! א כפרה, קינדער, אלע אידעאלען פאר א גרויסארטיגען אבענד, פאר א גלענצענדען באל, פאר א טאנץ מיט איין אפיציער!...

וועלט!... און די זון האט געשיינט, געקוקט פון אויבען; עס האט אלעס געבליהט, געזונגען, געלעבט — עס איז געווען תחלת מאי, איהר פערשטעהט?... רעוועקא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען אויף דעם יונגען סטודענט און האט זיך באגעגענט מיט זיינע גרויסע, שווארצע, פייערדיגע אויגען... זי האט דערפיהלט, אז זי איז רויט געווארען און אויפ'ן הארצען איז איהר געווען אזוי גוט, אזוי ליכטיג, אזוי ווארעם, ווי אין דער נאטור... די קאפ האט אויף איהר ווי געברענט... רעוועקא האט נאך קיין מאל אזעלכעס ניט געפיהלט, ווי אין דער דאזיגער מינוט... זי געדענקט ניט, ווי ארום איהר האנד איז געלעגען אין די גרויסע ווארעמע הענד פונ'ם יונגען סטודענט... זי געדענקט ניט, וואס ער האט איהר אזעלכעס געזאגט... זי האט נאך אמאל זיך בעגעגענט מיט זיינע שעהנע אויגען און האט פלוצים אויסגעריסען איהר האנד פון זיינע הענט און זי האט זיך דערמאנט, אז אויף איהר קוקט ארום איהר מאן אסיפ, איהר עלענדער אסיפ!... נאך איין מינוט איז זי געשטאנען און האט געקוקט אויף דעם יונגען מאן, גלייכענדיג איהם מיט איהר אסיפ'ן, זיינע שעהנע אויגען מיט אסיפ'ס קליינע רויטליכע אייגעלעך אונטער די אשקאליערנע ברילען; זיין ליכטיגע, קלוגע, פרייהליכע קאפ מיט אסיפ'ס שאפען־קאפעל, וועלכעס איז ליידיג ווי א מיאטשיק; דעם יונגען מאנ'ס גרויסארטיגע רעדע מיט אסיפ'ס ליגנים... „אוועקט אוועקט שלעכטע מחשבות!... אוועקט, אוועקט, פאלשע געדאנקען!... אהין, אהין דארף איך פאהרען!... איך דארף, איך מוז, איך קאן ניט אנדערש!... ווער אנדערש? וואס אנדערש?... אהין! אהין!!!...” האט רעוועקא געטראכט און האט זיך מיט א קלאפענדיג הארץ אפגעזעגענט מיט'ן סטודענט...

אז רעוועקא איז געקומען, וואוהין זי איז געפאהרען, האט זי נאך דורך דעם פענסטער דערזעהען אסיפ'ן שטעהען אויף דער פלאטפארם שטארק אויסגעפוצט; און אין איהר קאפ איז ווי א וויחער דורכגעפלויגען דער יונגער סטודענט, וואס זי האט זיך אבגעזעגענט

נים געוואלט די ערשטע פערבינדען א שמועס מיט איהר שכן, איהר Vis-á-vis; זי האט זיך אנגעשפארט מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן פענס־טער אונ האט זיך פערטראכט. רעוועקא איז געווען געטליך שען אין דער דאזיגער מינוט. דער יונגערמאן האט פערמאכט דאס בוך אונ האט זיך געקליבען חאפען א דרעמעל; גאר זיינע אויגען האבען זיך נים ווילענדיג אפגעשטעלט אויף רעוועקא'ן, אויף איהר קלאהר ווייס העמטיל, וואס איז געווען אין גאנצען נאקעט—הויל; דער יונגער מאן איז וואכענדיג געווארען אונ האט פשוט אויפגעגעסען מיט די אויגען די יונגע שענע פרוי.

— איהר פאהרט וויט, מאדמואזעל?

רעוועקא האט דערהערט דאס ווארט „מאדמואזעל", איז זי רויט געווארען אונ האט נאך שענער אויסגעזעהען ווי פריהער. זי האט איהם געזאגט, וואוהין זי פאהרט, אונ צווישען זיי האט זיך גיך פער־בונדען א לאנגער שמועס, פון וואס רעוועקא איז געוואהר געווארען, אז דער יונגער מאן איז א יוד, א סטודענט, זעהר א פיינער, א קלוגער אונ א פרייהליכער יונגער מאן. דער סטודענט האט דערצעהלט טוי־זענדער אנעקדאטען אונ רעוועקא האט ערנסט, ערנסט געלאכט, צום גרויסען פערגניגען פונ'ם יונגען מאן, וואס האט ליעב געהאט זיין פריילין אונ אויך יענעם פריילין מאכען. רעוועקא האט אויך נים געשוויגען אונ האט, פון איהר זייט, אויך דערצעהלט עטליכע שענע מעשיות — אונ די יונגע מענשען האבען שטארק — שטארק גע־לאכט צוזאמען. אויף די וואגזאלען זיינען זיי ביידע ארויסגעגאנגען, געגעסען, געטרונקען, גענאשט — אויך צוזאמען. אויף איין וואגזאל האט מען בעדארפט ווארטען אויפ'ן צוג דריי שעה. אונזער יונגע ביי־זענדער זיינען ארומגעגאנגען — געארמעט — אויף דער פלאטפארם אונ דער סטודענט האט געהאלטען עפיס זעהר א לאנגע אונ א שענע רעדע. רעוועקא האט דאס ערשטע מאל דערהערט אזעלכע זאכען, וואס זי האט אין איהרע בעסטע ראמאנען נים געלייענט; א נייע וועלט האט זיך פאר איהרע אויגען געעפענט, א שענע, א גרויסע, א ליכטיגע

דריי הונדערט טויזענד. הערצליך דערשלאגען. קומצופאהרען. אסיפ זעמעל".

אונזער געריהמטער סענדער בלאנק האט געהאלטען סאמע אין מיטען מיטאג, ווען עס איז אנגעקומען די דאזיגע טעלעגראמע; פונדעסטוועגען איז דער פאטער אוועקגעגאנגען מיט דער טאכטער אין קאבינעט אריין און האבען זיך דארט פערזאמט אקעגען א האלבער שעה און אז זיי זענען ארויסגעגאנגען איז רעוועקא געווען פערוויינט... פאר קיין געלד וואלט רעוועקא ניט געפאהרען צום מאן! נאר ווער ווייסט ניט אז די פרויען זענען ווייכהערציג און האבען רחמנות אויף אונז, מאנספערזאנען, אפילו ווען מיר טהוען זיי שלעכטס?... אסיפ איז נעביך געבליבען א יתום און איז נעביך דארט איינער אליין ביי אזא צופאל, ביי אזא שווערען נסיון!... רעוועקא האט זיך זעהר שען אנגעטהון און פונ'ם וויינען האבען איהר געפלאמט די בעקליך; פערבייגעהענדיג אין זאל האט זי דערזעהען איהר שטאלט אין שפיגעל, און זי האט בשום אופן ניט געקענט אפשטעלען זיך אקעגען שפיגעל און בעטראכטען זיך אביסעלע... אויף איהר שען מיילכיל האט זיך בעוויזען א שמייכעל, ווי איינער רעדט: „קיין מעשה ניט?..." שפעטער, אז רעוועקא איז געזעסען אין וואגאן, און דער קוריער־צוג האט זי געטראגען אהין, אהין, צו איהר געליבטען מאן, צו איהר עלענדען אסיפ'ן, האט זיך איהר געטראפען א צופאל, וואס מיר קאנען ניט פערדעקען פון אונזערע לעזער און מוזען איהם אין קורצען דערצעהלען.

אריינגעקומען אין וואגאן אריין האט רעוועקא אנגעהויבען זיך זוכען א רעכט ארט און איז א פאר מאל דורכגעגאנגען אהין און צוריק איבער'ן וואגאן; ענדליך האט זי זיך געפונען איין ארט ביים פענסטער — אקעגען א יונגען מאן, וואס איז געווען פערטיפט אין א בוך. דער צוג איז שוין לאנג אפגעפאהרען און דער יונגער מאן האט ניט אויפגעהויבען די אויגען פונ'ם בוך. רעוועקא איז בטבע געווען א פרעהליכע און האט פיינט געהאט זיצען און שווייגען; דאך האט זי

נִישְׁט מֶעהר ווִי אִין אַ הַאלְבֶּער שָׁעָה אַרוּם אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער הֶעלְד אָסִיפּ גֶעשְׁטַאנֶען פַאר זַיין טְהַייעֶרֶער רֶעוֶעקַא'ן אוֹיף דִי קְנִיהֶעס, זִי גֶעבֶּעטֶען מְחִילָה, אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַאר זַיין טְהַייעֶרֶער, טְהַייעֶרֶער רֶעוֶועקַא, אַז עֶר אִיז נִיט וֶוערְט אִיהר טְרִיט, אִיהר מִינְדֶסְט פִינְגֶערִיל, אִיהר גָאז-טִיכִיל, אַז עֶר מֶעג זַיין דִי כַּפָּרָה פַאר אִיהרֶע שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע אוֹיגֶען, אַז עֶר מֶעג אַ מִיתָה מְשׁוּנָה אַיינְ־נֶעמֶען פַאר אִיהר אֵיין שְׁמַייכֶעלֶע, אַז וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט הָאט עֶר גֶעבִּילְט טְשֶׁעסְנָאיֶע סְלָאוָוא!

אַזֶעלְכֶע אוּנ אַנְדֶערֶע סְצֶענֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶפְּטֶער אוּנ עֶפְּטֶער, בִּיז אָסִיפּ הָאט גֶעמוּזְט מַאכֶען אַ פְלֵיטָה צוּם פָאטֶער אוֹיף אַ דְרַיי חֳדָשִׁים, אוּנ חָאטְשׁ עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעשְׁווָארֶען, אַז צְוַויי שָׁעָה אֲפִילוּ קֶען עֶר אָהן רֶעוֶועקַא'ן נִיט לֶעבֶּען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען הָאט דָאס אִיהם חָלִילָה נִיט גֶעשַׁאדְט אוּנ עֶר הָאט דָאס דַאנְקֶען גָאט אוֹיסְגֶע־הַאלְטֶען אוּנ אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען; פֶערְקֶעהְרְט, מֶע זָאגְט, אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ אַבִּיסִיל פַארְעֶכְט דָארְט אִין זַיין שְׁטָאדְט צְווִישֶׁען זַיינֶע אַלְטֶע בֶּעקַאנְטֶע, אוּנ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען, שׂוֹנְאִים, הָאבֶּען אוּנְטֶערְגֶערֶעדְט, אַז עֶר שַׁדְכֶנְ'ט זִיךְ יַאק בַּי צוּ זַיינֶע אַ קוּזִינֶע, זֶעהר אַ שֵׁיין פְרַיילֵיין וָואר נָאר, אַז אָסִיפּ וֶועט זִיךְ גֶטְ'ן מִיט רֶעוֶועקַא'ן (אָ, בֵּייזֶע טַיילֶער)!...

דִי דָאזִיגֶע רְכִילוּת'ן הָאבֶּען גֶעגְרוּיכְט צוּ דֶער ווִיסְטֶער עֲגוּנָה—רֶעוֶועקַא בְּלַאנְק, אָדֶער רֶעוֶועקַא זֶעמֶעל, — וָואס עֶס הָאט זִי גֶענוּג גֶעקְרֶענְקְט אוּנ פֶערְשַׁאפְט גֶענוּג שְׁמֶערְצֶען — צִי פַאר גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צִי פַאר שִׂנְאָה — וֶוער קֶען דָאס ווִיסֶען?... גָאט ווַייסְט, וָואס וָואלְט דֶערְפוּן אַרוֹיס, אוּנ עֶס וָואלְט נִיט אָנְגֶעקוּמֶען אַזַא מִין דֶעפֶּעשֶׁע צוּ דֶער מַא־דַאם רֶעוֶועקַא זֶעמֶעל:

»Передать Ревеккѣ, скончался папенька, оставилъ 300 тысячъ, сердечно сокрушенъ. пріѣзжай, Осипъ Земель«.

אוֹיף יוּדִישׁ הֵייסְט דָאס:

»אִיבֶּערְגֶעבֶּען רֶעוֶועקַא'ן, גֶעשְׁטָארְבֶּען מַיין פָאטֶער, גֶעלָאזְט

זיך איהר די קאָפּ... אָסיפּ האָט איהר געענטפערט, אַז סע ווייזט זיך איהר אויס, אַז סע איז ניט מעהר ווי אַ נאַרישער קאַפּריז; טשעסנאָיע סלאָווא!... רעוועקא האָט איהם געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט, ווער איז צווישען זיי דער נאַר און ווער איז דער קלוגער... אָסיפּ איז אָנגעצונדען געוואָרען און האָט איהר מיט כעס געענטפערט, אַז אַזעלכע קלוגע ווי זי האָט ער געזעהען, אַז שטענדיג-ווערטליך האָט ער פיינט, אַז דאָס, וואָס זי ווייסט, האָט ער שוין לאַנג פערגעסען, טשעסנאָיע סלאָווא!... רעוועקא איז שוין אויך בייז געוואָרען און האָט איהם געזאָגט, אַז זי פערשטעהט ניט, אין וואָס ליגט זיין חכמה מיט זיינע קענטניסען, אַז זי האָט זיך מעהר אָנגעלייגט פון איהם, אַז עס איז קיין מלאכה ניט זיין אַ פּוסטער גדלן מיט אַ שענער, גלאַטער העמד און מיט אַ ליידיגער קאָפּ... אָסיפּ איז שוין אונטערגעשפּרונגען פאַר הארצווייטאָג און האָט איהר אויסגעוואָרפען איהר פאָטער דעם גראָבען יונגאַטש, וואָס פערמאָגט ניט דאָס מיסט, וואָס וואַלגערט זיך ביי זיין פאָטער אויפ'ן הויף, טשעסטנאָיע סלאָווא!... רעוועקא'ן האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, האָט זי איהם געזאָגט, אויב עס שטעהט איהם ניט אָן צו זיין ביי אַ אָרעמען שווער, קאָן ער זיך פאָהרען געזונטערהייד צו זיינע רייכע עלטערען אפילו היינטיגען טאָג, און זי, רעוועקא, וועט איהם כלל ניט נאָכלויפען... אָסיפּ האָט מיט גרויס קוראַזש אָנגעהויבען אַרומשפּאַנען איבער'ן שטוב מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט גרויס גדלות; ער וועט טאַקי אַוועקפאָהרען צו זיינע פיינע עלטערען, סע אַרט איהם ניט, אַז רעוועקא וועט איהם ניט נאָכלויפען, אַזעלכע פיינע בריות ווי זי האָט ער שוין געזעהען אַ סך און דווקא שענערע, קלינגערע און מעהר געבילדעטע פון איהר, טשעסנאָיע סלאָווא! דאָס האָט שוין רעוועקא ניט געקאָנט איבערטראָגען און האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען און האָט ווי אַ פערמישטע געשריגען אויף אַ קול:

— וואַן, וואַן, שאַרלאַטאַן! וואַן, פון מיינע אויגען! איך קאָן דיך ניט אָנקוקען! וואַן!!!

דערפאַר, ווייל ער איז אַ געבאַלעוועטער, אַ צימטעריגער און אויף ראָש־קאָש אויפגעצויגען, און אַז אַסיפּ פּלעגט אַוועק פאָרען און ווייטער שיקען זיינע הייסע, פייעריגע בריוולעך, פּלעגט זי ווידער אָנהויבען פאַנטאַזירען, אַזוי אַז דער אמת׳ער אַסיפּ איז אַרויס געפלויגען פון איהרע געדאַנקען, און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסען ווייטער אַ גרויסער, אַ שענער, אַ גוטער, אַ טהייערער אַסיפּ, אַווירקליכער העלד!

מיט גרויס ציטערניש האָט רעוועקאַ געצעהלט די טעג צו דער חתונה, און דאָ האָט מען גענייט אויף איהר די טהייערסטע און שענסטע מלבושים אויף דער וועלט: אונזער היינגעשעצטער סענדער בלאַנק האָט זיך צעבייטעלט, בכדי ער זאָל חלילה ניט פאַרשעמט ווערען פאַר אַזאַ מחותן, ווי משה זעמעל. אָט נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי טאָג, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ מינוט — דער חתן איז שוין דאָ!... די חתונה... די כלי־זמר... דער באַל... די טענץ... דאָס ווייסע קלייד... די חברה׳ס... די חופּה־וועטשערע... דאָס געזעגענען זיך... אוים חתונה...

דער ערשטער חודש, דער „האָניג־חודש" ווי מע רופט דאָס, דאָס איז דאָס פריהלינג ביי דעם יונגען פּאָרפּאָלק. די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון זייער כבוד וועגען, זיי צו פריילעך מאַכען; און אפילו אָט דער וואַסער־פיהרער, וואָס האָט געלאָזט אין דערהיים אַ קראַנק ווייב מיט הונגעריגע קינדער, בעקומט ביי זיי אין די אויגען עפּים אויך אַ מין חן, און דער בעטלער, וואָס שטעהט מיט אַ הוילען קאָפּ אָנגעלעהנט אויפ׳ן שטעקען מיט איין אויסגעשטרעקטער האַנט — אַך, ווי שען דאָס איז!... אַך, עס זאָל זיך ציהען אייביג אַזוי!!...

ניטאָ, ניטאָ קיין אייביגע זאַך אונטערן הימעל! דער פריהלינג געהט אַוועק, דער „האָניג־חודש" געהט אַוועק, — אַלעס געהט אַוועק! רעוועקאַ האָט פינף וואָכען נאָך דער חתונה בעמערקט איהר געליעבטען אַסיפּ׳ן, אַז ער געהט קוועטשט ער אויף די סקריפּקעס, בכדי זיי זאָלען שרייען, און סע זשומעט איהר פּשוט אין די אויערען און סע דרעהט

צונויפֿליגען זיך אויף א „גשרף“ נעבעך פֿונ׳ם ווייב׳ס צד, אָדער פֿירען צום פּריזיוו א גליד־גליד שוועסטער־קינד, עפּיס א שלים־מזל, א דער רוח ווייסט וואָס! — ניטא וואָס צו רעדען, לעזער; מע דאַרף צו מאַכען די אויגען און מע מוז שווייגען.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

מע קאָן ניט זאָגען, אַז רעוועקא האָט תּמיד געלעבט גוט און פֿיין מיט איהר מאַן; אמת, אַז רעוועקא איז א כּלה געוואָרען פֿאַר אסיפֿ׳ן, איז זי געווען כּמעט איינגעליעבּט אין איהר שענעם, רייכען חתן; רעוועקא איז נאָך געווען א קינד פֿון פֿופֿצען יאָהר, דאָך האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז איהר ערוואַרטעט א גרויס גליק; דאָס האָט געזאָגט די גאַנצע שטאָדט און ס׳איז ניט געווען קיין ליגען: משה זעמעל איז געווען א גרויסער גביר און די מתּנות, וואָס ער האָט איבער געשיקט דער כּלה, זענען טאַקע געווען גרויסאַרטיג. און די בּריעף וואָס דער חתן האָט איהר געשיקט א יאָהר כּסדר, זענען געווען אַזוי שען, מיט אַזא פֿייער געשריבּען, אַז די יונגע, שענע, געזונטע רעוועקא, וואָס האָט געהאַט א גרויסען בּעגריף אין די שענסטע ראָמאַנען אויף דער וועלט, האָט זיך ניט ווילענדיג איינגעליעבּט אין איהר חתן, וואָס איז שוין דענסמאָל אַלט געווען צוואַנציג יאָהר. ניט איין נאַכט פֿלעגט די פֿערליעבּטע רעוועקא אויסליגען אויפֿ׳ן בּעטעל מיט טרעהרען אויף די אויגען און איהר פֿאַנטאַזיע האָט איהר פֿאָר־גע־שטעלט איהר חתן, אסיפֿ זעמעל, פֿאַר אַזא שענעם העלד, פֿאַר אַזא גרויסאַרטיגען, הויכען, קלוגען מאַנספּערזאָהן, אַז יעדער טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט האָט זיך געצויגען בּיי איהר אין די אויגען אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!... אמת, זי האָט זיך א מאָל דריי געזעהען מיט איהר חתן, האָט ער בּיי איהר אויסגעוויזען ניט אַזוי ווי די פֿאַנטאַזיע האָט איהר געמאָלט! רעוועקא האָט פֿון איהם קיין גרויס קלוגשאַפֿט, שענקייט און בּילדונג ניט אַרויס געזעהען; פֿאַרקעהרט, זי האָט בּאַ־מערקט אין איהם איניגע קליינינקייטען און נידעריגע תּנועהלעך און אָפֿט מאָל חאַפּען אין א ליגען; דאָך האָט זי געדענקט, אַז דאָס איז

„רעכט געשעפט; איך רעכען, אז דאס פּריצענט פון אזא קאפּיטאל
„דארף אייך טראגען צום לעבען, ובפרט איהר ווייסט, אז איך הארעווע
„אויך פון אייערטוועגען און וועל מיין געלד אין קבר אריין ניט מיט-
„נעמען, און א מענש לעבט ניט אייביג... בלייבט אייך געזונד און פיעל
„גליקליך און איך זאל האבען פון אייך א גרעסערען נחת, ווי פון
„מיין זוהן חיים נעביך, וואס האט מיך ניט געוואלט פאלגען... גריסט
„אייער טהייער ליב קינד גאר פריינדליך פון מיר אייער געטרייהער
„פאטער „סענדער בלאנק".

„גם זוגתי מרת מרים חיה גריסט אייך אלע הערצליך.
„סענדער הנ"ל".

דאס דאזיגע בריוועל איז געווען ביי אסיפ'ן שטארק אן געלייגט: ער האט נאך קיין מאל ניט געזעהען, אז זיין שוועהר זאל איהם שרייבען: „הגביר המפורסם החכם המשכיל", האט ער איהם צוריק אפּ געענטווערט דוקא אויף העבּרייאיש א מליצה בריעף מיט זעהר אסך גריזען, און פון דעמאלט אן זענען זיי געווארען שלום אויף א היבשער צייט, ביז וואנען אונזער פיינער אסיפ זעמעל האט אנגעוואהרען דאס געלד, און ביז וואנען ער האט דאס ניט גע'פּטערט אין גאנצען האט ער זיך ניט בערוהיגט, און אז ער האט דאס גע'פּטערט איז איהם געוואהרען גרינגער אויף דער נשמה און איז פונדעסטוועגען ביי זיך ניט ארויסגעפאלען דאמיט; אונזער דאזיגער פיינער העלד איז געבאהרען געווארען אונטער אזא גליקליכען שטערען, אז כמעט זיין גאנץ לעבען האט ער גענומען איין ירושה נאך דער אנדערער, און ביז ער האט צוטראזשירט „די" ירושה, איז איהם שוין אונטערגעשפּרונגען א נייע ירושה: דאס פון א באבע, דאס פון א פעטער, דאס פון א מומע! און איך מיט אייך, ליבער לעזער, האבען גאר קיין זכיה ניט ביי גאט צו האבען אזעלכע באבעס פעטערס מיט מוהמעס, וואס זאלען אונז אויך דערמאנען פאר'ן טויט צו גוטען... ניין! איך מיט אייך האבען אנדערע גליקען: איין ארעמע פלעמעניצע חתונה מאכען... אונטערהאלטען א געפאלענעם „שני שבשלישי"...

מוזט פארקויפען פאר האלב געלד. אז ר' סענדער איז געוואהר געוואָרען פון אזא מעשה האט ער איהם אריין געשריבען א בריוועל פול מיט שטעכווערטלעך, אז ניט אזוי האנדעלט מען: מען דארף קאָנען טרעפען די צייט, מען דארף זיין געהיט, מען דארף ניט לאָזען קריכען זייט, אסיפּ האט איהם אָפּגעענטפערט, אז אזוי האנדלען ווי ער, אסיפּ, האנדעלט, קאָן קיינער ניט, און סע וואונדערט איהם, אז אזא מענש, ווי זיין שווער, וואס האט קיין מאל ניט אָן געקוקט קיין פּוד ווייץ, לערענט איהם, אסיפּ'ן ווי אזוי צו האנדלען... דעם דאָזיגען ענטפער האט ר' סענדער צעריסען און איז געוועזן ברוגז א קליינע צייט, ביז ער האט פלוצלים מקבל געווען א דעפּעש פון רעוועקאַ'ן אז אסיפּ'ס באָבע, א רייכע אלמנה, איז געשטאָרבען און האט איהם אָפּ געשריבען הונדערט זעכציג טויזענד רובל. ר' סענדער איז אויפגעמונטערט געוואָרען און האט אוועק געשיקט אזא מין בריעף צו די קינדער:

„לכבוד חתני הגביר המפורסם החכם המשכיל היקר ומהולל מוהר"ר יוסף נ"י הער זעמעל.

„ולכבוד בתי הגבירה המפורסמת החכמה המשכלת היקרה המהוללה
„מרת רבקה שתחי' עכב"ב. מיט פיעל ענמת-נפש האב איך איבער
„געלייענט אייער טעלעגראַמע און עס טוהט מיר הערצליך לייד, וואס
„דיין געריהמטע באָבע מיין הויכגעשעצטע מחותנת'טע, איז נאָך גאָהר
„יונג פון דער וועלט געגאַנגען. תנצב"ה! נאָר וואס קאָן א מענש
„העלפען מיט זיין וויינען און טרויהרען, מסתמא הייסט גאָט אזוי, און
„דיין געטרייהע באָבע, וועסט דו שוין ניט לעבעדיג מאַכען; לאָז זי
„האָבען א ליכטיגען גן-עדן, און איהר זענט נאָך יונגע קינדער און
„דאַרפט נאָך לעבען אויף דער וועלט, דכן חתני היקר ובתי היקרה,
„נעמט זיך ניט צום הארצען און פארגעסט און לאָז גאָט געבען מיר
„זאָלען שוין מעהר פון קיין צער ניט וויסען מיט דעם כלל ישראל
„און קיין יונגערע זאָלען ניט שטאַרבען — אמן! מיין דעה איז, קינדער,
„אז דאָס געלד זאָל לע"ע ליגען אין באַנק, ביז גאָט וועט העלפען
„איהר וועט זיך ארום-קוקען און סע וועט זיך אייך מאַכען עפּיס א

אויף געוואוסט, אז ר' סענדער האט קראנקערהייד געזידעלט דעם איידעם, ווי א הונט, און אסיפ האט איהם דאס אנדערע ווארט ניט געענטפערט און איז די גאנצע צייט געשטאנען, ווי א גולם מיט גלעזערנע אויגען. און נאך א סך אינטערעסאנטע זאכען האט פרויקע דערצעהלט זיין געליבטער כלה, פארבייסענדיג מיט שטיקער טארט פון דער קעשעני, מיט ניס און מיט נאך גוטע זאכען...

לאזען מיינע לעזער ניט מיינען, אז אונזער אסיפ האט קיין שכל ניט געהאט צו ענטפערען דעם שווער צוריק, אדער ער האט אויף איהם געלייגט כבוד; אבער גאר לא! אסיפ האט געקאנט פאררעדען צעהן מענשען מיט אמאל, און וועגען אפגעבען כבוד, איז אויך א ספק, ווארעם סע איז געווען א צייט, ווען אסיפ איז געזעסען ביים שווער אויף קעסט און האט געהאט א סך געלט, האט, פארקעהרט, דער שווער איהם אפגעגעבען כבוד און ווער שמועסט, אז אסיפ מיט רעוועקען זענען אראפ פון קעסט און סענדער האט דערהערט, אז זיין איידעם מאכט אזעלכע גרויסע, גליקליכע געשעפטען, איז ער געווען צופרידען גאר אויף זיין אנדערען אופן; ער פלעגט זיי שיקען גאנץ אפטע בריעף און שענקען רעוועקא'ן אמאל די שענסטע מתנה, און אויף אסיפ'ן האט ער געזאגט, אז איהם פאסט צו זיין א גרויסער גביר אז ער האט א פנים פון א „מיליאנשטשיק".

די ערשטע שפעקולאציע, וואס אסיפ האט זיך גענומען, איז געווען דער האנדעל פון ברויט. ווען עס האט גראד געגאלטען, האט ער, געווענליך, פארדינט א סך געלט; נאר זאגען האט ער זיך ערלויבט צוויי מאל אזוי פיעל, [illegible]ון אזוי איז ער אויסגעוואקסען געווארען ביי יעדען אין די אויגען. דער מסחר פון ברויט האט געפלאצט און אסיפ האט נאך מעהר געפל[illegible] [illegible]ון האט איינגעקויפט א היבשען טראנספארט ווייץ אויף א יאהר און אויף צוויי יאהר; ווייץ איז געפאלען, נאר אסיפ איז ביי זיך ניט געפאלען: ער האט אפגעשאטען דאס ברויט אין די שפייכלער און האט דאס געהאלטען אזוי לאנג ביז האלב איז כפרה געווארען און די אנדערע האלב האט ער געביך גע־

געטרויעט! סע איז נאר א תענוג צו זיצען פון דער ווייטענס און קוקען אויף אזא שיינער קארטינע, וואו שיינהייט, גראציע, אויפריכטיקייט און אומשולדיקייט ווערען צונויף־געוואקסען אין איינעם און איהר קוקט דערויף מיט פערגניגען און מיט קנאה אינאיינעם...

ערשט אין א האלבע שעה ארום איז רעוועקא אויפגעשטאנען, האט א וועקגערופען אסיפ'ן אויף א זייט און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— געה נאר אריין צום טאטען, אסיפ; נאר זעה האלט צונג, ווארעם ער קאן דיך שוין, — גלויב מיר! טאטער וועט ער דיך זידלען, שווייג איהם אפ היינטיגס מאל, בכדי זאלסט קיין חרטה ניט האבען — געדענק זשע!

אסיפ האט זיך כלומר'שט צעלאכט און רעוועקא האט איהם געזאגט אויף א קול:

— געה, אסיפ, דער פאפאשא וויל זיך מיט דיר זעהן! און אסיפ האט מיט א פארסענעם קאפ און סקריפענדיג מיט די שטיוועל אוועק געשפאנט ווייטער.

ווי אזוי סענדער בלאנק האט איהם צוגענומען און וואס זיי האבען גערעדט — ווייסט נאר איין פרויקע, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען אונטער דער טיר און האט זיך צו געהערט צום שמועס פון דעם געשעצטען שווער מיט זיין געערטען איידעם אסיפ זעמעל...

אונזערע לעזער זענען אומזיסט אין כעס אויף דעם פאלשען משרת, וואס האט א העזה צו אונטער הערען זיך, וואס די פרינציפאלען רעדען צווישען זיך. איהר דארפט פערציהען דעם עלענדען משרת, וואס איז ניט מעהר ווי א פארקויפטער מענש, איין „אומגליקליכער קנעכט" וואס מוז יעדען פאלגען: — איהם האט געשיקט אונזער געעהרטעסטע דאמע כאפיע אבראמאוונא, ער זאל זיך אונטערהערען, וואס זיי רעדען דארט, און דערפאר וועט ער באקומען אין יד אריין, וויפיעל ער האט זיך קיין מאל ניט גערעכט...

שפעטער מיט עטליכע שעה האט שוין בליומקע (פרויקעס כלה)

איך זיך בעקאנט מיט א יונגען מאן אין וואגאן 1־טען קלאס. ער פרעגט מיך, ווער איך בין; זאג איך איהם: דער און דער; ענטפערט ער מיר: אזוי? קאן איך דאך אייך! פרעג איך איהם: וואו ארום? ענטפערט ער מיר: מיין פאטער האט ביי אייך פארזאהרען געהאנדעלט ווייץ אויף הונדערט טויזענד רובל. ווער זשע איז אייער פאטער? פרעג איך איהם; האט ער אנגערופען זיין נאמען בקיצור אהין א הער — מיר האבען זיך געזעצט שפיעלען און ביז קיעוו האט ער מיר אנידער געלייגט פופצען טויזענד רובל און איז געווען טויט ווי די וואנד און איך האב איהם נאך געמוזט לייהען אויף הוצאות, א פופציגער, חא—חא—חא! משעסטנאיע סלאווא!...

ביי די לעצטע ווערטער איז רעוועקא אריין געקומען צוריק פונ'ם פאטערס קאבינעט און האט זיך ווייטער ארום געחאפט קושען מיט סאניין לאנג—לאנג, ווי צוויי געטרייע שוועסטער, וואס האבען זיך שוין פון צעהן יאהר ניט געזעהן און דער גוטער גאט האט זיי געבענשט אז זיי קאנען זיך ווידער זעהן און קושענדיג און האלזענדיג, קאנען זיי אויסגיסען זייערע הערצער... אך! אין דעם דאזיגען מאמענט האבען אונזערע צוויי געעהרטע דאמען גאר פארגעסען, אז בשעת זיי זענען געווען אויף קעסט האבען זיי זיך געריסען ווי די קעץ און זענען געווען א גאנץ יאהר ברוגז דער פאר, וואס רעוועקא האט געזאגט אויף סאניץ, אז זי האט ביי איהר אוועק געגנב'עט א נאזטיכעל, און סאני האט איהר אויסגעווארפען דעם מאן דעם „קארטיאזשניק". עס קאן זעהר זיין, אז אין דער דאזיגער מינוט, האבען זיי זיך מיט'ן גאנצען הארצען מוחל געווען, וואס זיי האבען זיך אמאל געקריגט, געזידעלט געיאגט, און אזעלכע צוויי גוטע פריינד, ווי אונזערע געשעצטע דאמען — רעוועקא און סאני — אין דער מינוט, זענען אויף דער גאנצער וועלט גאר ניט געווען, עס איז שווער געווען צו חאפען אלעס וואס זיי האבען גערעדט; ווי די פייגעלעך האבען זיי געשטשעבעטשעט, און האבען „אנפלעקט" און פארגלויבט איינער פאר דער אנדערער אזעלכע זאכען, וואס פאר זייערע געטרייע מאנען וואלטען זיי דאס געוויס ניט

די שותפים האבען אייך ניט שען בעהאנדעלט, אזוי ווי אונז... דער געוויסער מערדער פייפערמאן...

— א, סאפיע אבראמאוונא! האט איהר אפיס געענטפערט און האט זיך אויפגעהאפט פונ'ם ביינקיל, ווי איין אפגעבריטער, און האט אנגעהויבען ארום שפאנען איבערן שטוב, סקריפענדיג מיט די טהיי־ערע שטיוועל — א, איהר ווייסט גאר ניט, וואס פאר שווינדלער עס איז דא אויף דער וועלט! זיי האבען מיך געוואלט אומגליקליך מאכען אויף טויזענדער, אויף הונדערט טויזענדער, אויף מיליאנען! טשעסטנאיע סלאווא נאר איך האב זיך יאקאס אויסגעדרעהט פון זייערע הענט און האב מציל געווען א גרויסען קאפיטאל, און הגם דאס געשעפט האט זיך צו געשטעלט אויף א קליינער צייט, פון דעסטוועגען שלאף איך ניט און וועל מיט גאטס הילף אויספיהרען מיינס; איך רעכען אז היינ־טיגס יאהר זאל מיר אומקערען דאס, וואס מיינע שותפים האבען ביי מיר צו גענומען... א חוץ האט ביי מיר דאס הויז וואס איך האב גע־קויפט צו גענומען גוטע פופציג טויזענד רובל... דער גארטען אליין קאסט מיך א קאסע געלט... דער גערטנער נעמט ביי מיר ת"ק קערבלעך א יאהר; היינט וואו איז דער עקיפאזש מיט די פערד? וואו איז זיי־מיגע הוצאות? וואס מיך קאסט אפ א יאהר אונטערהאלטען קרובים און פרעמדע, וואלט מען זיך איך וויים... טשעסטנאיע סלאווא.

— נו, אין קארטען שפיעלט איהר היינט אויך? האט איהם סאני געפרעגט מיט א זים שמייכעלע אויף די ליפען.

— חס ושלום! האט איהר אפיס געענטפערט מיט א געפיהל פון א מענשען, וועלכען מע בעליידיגט אומזיסט. — לאז מיך גאט היטען! סיידען אמאל אין א פרייהער צייט, אין א לאנגער ווינטער־נאכט, אז סע איז ניטא וואס צו טהון, זעצט מען זיך אמאל צום „גרינעם טישעל"; אי דאס דארפט איהר געדענקען, אז איך פארשפיל קיין מאל ניט; פארקעהרט, איך געווין שטענדיג טשעסטנאיע סלאווא! (דא האט זיך אפיס צו געשטעלט און האט זיך צעלאכט, בעוויזען זיינע שווארצע צעהן). אט דא ניט לאנג געפאהרען פון אדעס האב

ניט װיסען צי איז ער אַ שׁענער, צי אַ מיאוּסער יוּנגערמאַן, װײל די אויגען זענען פאַרשׁטעלט מיט אַשׁקאַליערנע ברילען, די האָר מיט דער גערעזירטער באָרד זענען אָפּ געפאַרבּט, אָן געפּאַמאַדעט און לאָזען פון זיך אַ שׁרעקליכען אַראָמאַט; דער קאָלנער פון העמדיל איז אַזוֹי אָן געקראָכמאַלעט, אַז דער העַר זעמעל קאָן זיך קײן ריהר ניט טהון מיט'ן קאָפּ און מוז זיך דרעהען מיט'ן גאַנצען קאָרפּוס פון זײן דיגעם, לאַנגען שׁטאַלט; אויף זײן קלאָהר װײסען קאַמזױל הענגען עטליכע קעטעליך מיט מעדאַליאָנען און אויף דרײ פינגער פיער פּערשׁידענע פינגערלעך מיט אַ גרױסען סיגניט, און די שׁטיװעל סקריפּען בײ איהם אויף אַװאַ קול, אַז מע דאַרף אָפּ טרעטען די שׁטוּב. אונזער זעלטענער פאַרשׁױן אָסיפּ זיצט ניט אײן אויף אײן אָרט, און אַפילוּ װען ער רעדט מיט עמיצען האָט ער אויך ליעב אַרום שׁפּאַנען אַהין און צוריק און קװעטשׁען די סקריפּקעס פון די שׁרײענדיגע שׁטיװעל, האַלטענדיג די הענד אין די קעשׁענים. מיר האָבּען שׁיעור ניט פאַרגעסען בּעמערקען אַז אין דעם טהײערען האַלזטוך בּײ איהם שׁטעקט אַ גילדענע שׁפּילקע מיט אַ קעפּעל פון אַ חזיר מיט זעהר שׁענע אָפּ געאַרבּעטע חזיר'ישׁע אויערלעך און אויפ'ן קלײנעם פינגער פון דער לינקער האַנט — אַ לאַנגען, גאַנץ לאַנגען נאָגעל.

— װאָס זשׁע מאַכט איהר עפּיס, סאָפיע אַבּראַמאָװנאַ? האָט זיך אָסיפּ געװענדעט צו זײן געעהרטע שׁװעגערין און האָט זיך צוגעזעצט צו איהר — מרים חיה איז אַװעק געגאַנגען מיט די קינדער אין זאַל אַרײן — שׁױן אַ לאַנגע צײט האָבּען מיר זיך ניט געזעהען!

— יאָ, אָסיפּ מאָיסעיעװיטש, האָט איהם סאָניע געענטפערט בּעטראַכטענדיג דעם געשׁעצטען שׁװאָגער. — שׁױן גאַנץ לאַנג! אַ סך װאַסערען זענען אָפּגעלאָפען פון יענער צײט; גענוג צרות האָבּען מיר איבּערגעטראָגען! װי געהט דאָס עפּיס אײך אין אײערע געשׁעפטען? דער שׁװער האָט אונז אַמאָל געשׁריבּען, אַז דאָס גליק יאָגט אײך פּשׁוט נאָך; איך װײס ניט, װי אַזױ הײנט? מע זאָגט עפּיס, אַז אײע־

געענטפערט און האט זיך אפּ געשטעלט אויף א רגע'לע און האט דערווייל געכאפּט א קוק אויפ'ן האהן.

— פאזשאליטע דיענגעח'ם! האט איהר דער יון געענטפערט אויף איין אמת. די דאמע האט לאנג ניט געטראכט און האט זיך פארקערעוועט צוריק א היים מיט'ן סאלדאט און מיט'ן האהן.

ערשט צום דריטען אכט, אז איך האב א קוק געטוהן דורך מיין בינאקל ארויף, האב איך דערזעהען, ווי מיין דאמע פונ'ם האהן איז אריין געקומען אין טהעאטער אריין און דאס פּנים האט איהר צוויי מאהל אזוי פיעל געשיינט, ווי פריהער.

געקומען א היים פון טהעאטער האב איך זיך דערמאנט, אז מארגען איז „ערב יום־כּפּור" און מע דארף א ווייסען האהן „אויף כּפּרות"...

— גליקליכער מאן! האב איך זיך געטראכט — דו האסט דאס געטרייהסטע ווייב אויף דער וועלט!...

## דאס זעכסטע קאפּיטעל.

רעוועקא; איהר געשיכטע אין קורצען, און אסיפ זעמעל מיט זיינע ירושות.

אז די פאמיליע זעמעל איז אריין געקומען אין שטוב אריין איז די מאדאם רעוועקא זעמעל ארויף געפאלען דער שוויגער און דער שוועגערין אויפ'ן האלז אן ווערטער און פון זיי איז זי מיט דעם אך טאן מיט אלעמענעם אוועק געפלויגען צום קראנקען פאטער אין קאבינעט אריין און דער מאן איהרער מיט די קינדער מיט דער שוויגער און מיט דער שוועגערין זיינען געבליבען דא. פאר וואס דער העד אסיפ זעמיל איז אויך ניט אריין געגאנגען באלד מבקר חולה זיין דעם שווער, וועלען מיר גיך געוואהר ווערען; און דערווייל וועלען מיר זיך בענוצען מיט דעם דאזיגען געלעגענהייט צו בעקאנען זיך מיט דעם העד זעמעל.

ער איז אלט אכט און צוואנציג יאהר און מע קאן בשום אופן

— יא ? א ודאי ? שוין לאנג געשטארבען !

— אוי ! ציפּורה איז געשטארבען ?! וואס רעדט איהר שוויגער ?!!!

אי—אי—אי ! . . .

און גאט ווייסט וואהין די געהערטע דאמען וואלטען פארקראבען אין זייער לאנגען שמועס און צו זיי וואלטען זיך א מאל אום געקעהרט צו די פינף שאק אייער, צו זיי וואלטען אזוי, שפּרינגענדיג, פארפאהרען העט־העט אין די ווייטע לענדער אריין, ווען פּרויקע זאל ניט געוועזען פּליצלום אריין געהן און זאגען א נייע בשורה, אז דער הער אסיפ זעמעל מיט דער מאדאם און מיט׳ן קינד מיט נאך עפּיס איין אלטע יודינע זענען געקומען צופאהרען.

מיינע לעזער וואונדערען זיך, וואס אונזערע האבגעשעצטע דאמען האבען אין אזא צייט, ווען דער אלטער ליגט כמעט אויפ׳ן טויטען בעט, נישט געפונען קיין אנדער זאך אויף צו שמועסען, נאר אייער מיט היהנער וכדומה... שאט ! איהר האט ניט וואס צו וואונדערען זיך: זיי זענען אומגעהערען אריין געפאלען אין אזא אינטערעסנע שמועס מכח בעל־הבתישקייט, וואס עס קומען אריין אי היהנער, אי אייער, אי פּעטרעשקע, אי קעבעבע, מיט לאקרעץ. דער מחבר פונ׳ם דאזיגען בוך האט אליין געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי א פּראווינציאלנע דאמע האט זיך צוגעגרייט אין טהעאטער, שען, פיין, ווי עס קעהר צו זיין ; אפילו א בּיליעט גענומען אין ערשטע רייה קרעסלעס פאר דריי רובּל מיט פופציג קאפּיקעס. פּלוצלים, אין מיטען וועג, געהענדיג, דערזעהט זי, ווי א סאלדאט טראגט א ווייסען האהן אונטערען שינעל און קוקט זיך עפּיס אלע מינוט ארום אויף אלע זייטען. דער מאדאם איז איינגעפאלען אין קאפּ אריין א פרעג טוהן דעם סאלדאט, עס קאן זיין אויף קאטאוועס :

— מששא טעביע זאפּיעטוחא ?

— דוואדצאט פּיאט קאפּעיעק סיעריעבּראמ׳ם !

— וואזמי דוואדצאט ! האט איהם די דאמע אויף געלעכטער

פון זיין זייט אויך ניט געמאכט פון זיך קיין רעדע און האט די גאנצע צייט, וואס זיין יונגערער ברודער האט געפּלאפּעלט, קיין איינציג ווארט ניט געזאגט. און סאני? סאני איז געזעסען מיט מרים חיה'ן אין אַ ווינקעלע און האבען זיך שטילערהייט געשמועסט פון היימישע זאכען: פון די דינסטען די הולטייקעס, פון די קינדערשע מלבושים־לעך, ווי עס קאסט יעדע זאך גאָלד, פון דעם יקרות בכלל און פון די הינער, גענז, קאטשקעס, אַז צו וואס מע רירט זיך צו הייסט מען זיך אָפּגילטען!

— אַ גימעלט האב איך מיר געהייסען ברענגען אייער — האט מרים חיה דערציילט דער שנור און זיי האבען ביידע געפּלאמט — ביי מיר איז שוין אַ מקח 70 קאפּיקעס; סיידען ערב פּסח צאהל איך אַ קערבעל, אַ קערבעל מיט 5, — אָבער נישט מעהר. איך צייל אָפּ די אייער... 5 שאק האב איך זיך געהייסען ברענגען, מחמת איך האב געוואָלט אָפּ באקען אַ טארט פון אַ־10 פונט, חאטש אפילו יענע וואך האב איך אָן געבאקען אַ פולע שאפע מיט צוקערלעקאך, און עס איז אין דריי טעג פארשוואונדען געווארען; איך זאל זאגען אויף דער יודינע — קאן איך ניט: ביי מיר איז היינט איין ערליכע יודינע, איך זאל האבען אַזא יאהר; שא! דו דארפסט זי קענען, זי איז ביי מיר געווען פאר זעכס יאהרען, זי הייסט זלאטע...

— אוי! זלאטע? שוויגער, זלאטע איז ביי אייך?

— יא, זלאטע. זי האט זיך שוין געגט מיט'ן מאן און ווידער אַ מאל חתונה געהאט.

— וועמען האט זי גענומען, שוויגער?

— ווייס איך וועמען זלאטע האט גענומען? אַזא יאהר זאל ער האבען! עפּיס אַ שארלאטאן, איין אויסוואורף; ער איז כלומרשט אַ שניידער, אַ קארנאסער שלים־מזל!...

— אפשר מרדכי ציפּרעס? אַ יא איך טרעף, שוויגער?

— יא, פון וואנען ווייסט דו, סאני?

— און וואו איז היינט ציפּרה? זי דיענט, נעביך?

אז חיים איז אריינגעקומען צום פאטער אין קאבינעט אריין, איז ער איהם געפאלען אויפ'ן האלז, און אויף סענדער'ס אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען. ער האט צו גערופען צו זיך די שנור, געפרעגט „וואס מאכסט דו?" און האט אויסגעצויגען די לינקע האנט די צוויי אייניקלעך, אז זיי זאלען א קוש געבען דעם קראנקען זיידען; דערפאר האט ער זיי א קניפ געטהון אין בעקעל און געהייסען זיך געהן שפיעלען. — די קינדער זענען מיט גרויס פערגניגען ארויסגעלאפען זיך שפיעלען און דערווייל בעטראכטען דעם זיידענס גרויסען הויף מיט'ן שענעם גארטען. אונטען האט זיי פרויקע איבערגענומען געשענקט צו מארמעלאדען און האט זיך גענומען אויספרעגען ביי זיי: ווי רופט מען זיי? וויפיעל זענען זיי אלט? וואס טהוט זייער פאטער אין דער היים? וואס טהוט די מוטער? צי האבען זיי אויך אזא גרויסע שטוב, ווי דער זיידע? צי קאנען זיי שוין לייענען, שרייבען? די עלטערע — פאניע — האט איהם געזאגט, אז זי קאן שוין גיך לייענען ניט נאר געדרוקטע, אפילו געשריבענע אויך; פרויקע האט זיך ניט געפוילט זי באלד אויפ'ן ארט אפ עקזאמענירען; ער האט ארויס גע־ האפט א פעט שטיקעל פאפיער פון דער קעשעני און האט מיט א שטיפטעל אן געצאראפעט: „מאנפרויקערקאקער"; די קינדער האבען אויסגעשאסען א געלעכטער און זענען מיט א קוויטש אוועק אין גארטען אריין, שרייענדיג „מאנפרויקערקאקער!!" אונזער געריהמטער פרויקע האט דאס געהערט און פון יענער מינוט אן האט ער געטראגען א שנאה אין הארצען אויף די דאזיגע צוויי קינדער מיט זייערע עלטערען צוזאמען...

חיים איז שפעטער מיט צוויי שעה אריין געגאנגען צו מארקוס'ן אין קאבינעט, וואו יענער האט איהם באוויזען אלע זיינע אנטיקלעך פון דער ביבליאטהעק ביז די מינדיסטע קלייניקייטען. אונזער יונגער העלד איז געווען אזוי צופריעדען, אזוי גליקלעך מיט'ן נאסט, וואס ער האט זיך שוין אזוי לאנג מיט איהם ניט געזעהן, אז ער האט גאר פארגעסען צופרעגען חיים'ן, ווי גערט עס איהם, און חיים האט

„זאל בלייבען ווי אויפ'ן וואסער; דיין שוואגער מוה"רר יוסף זעמעל
„האט היינט דאס גרעסטע געשעפט און מע זאגט אז ער פארדיענט
„גרידעס מיט געלד; איך זיץ שוין היער מעהר פון דרייסיג יאהר האט
„זיך מיר נאך איין מאל ניט געמאכט אזא גליקלעך געשעפט, ווי
„חתני מוהר"ר יוסף נ"י האט בעקומען דארט אין זיין שטאדט; עס איז
„א סברה, אז ער קויפט זיך א דירה פאר צוואנציג טויזענד רובל, —
„לאז איהם גאט העלפען; איך פארגין איהם מיט'ן גאנצען הארצען...
„היינט געהט מיר א נייע סדרה: מע דארף א שידוך מהון מיט מארקוס'ן
„און געבען איהם א דרייסיג טויזענד רובל נדן און קוויטאנציע פאר
„א זעכס טויזענד רובל; היינט הלבשה און חתונה הוצאות! איך האב
„צורעכט געמאכט מיין הויז, קאסט מיך בלא גוזמא צעהן טויזענד
„רובל! היינט איז ביי מיר געווען בתי מרת רבקה תחי' צו גאסט מיט'ן
„קינד (א זעלטען קינד!) האט מען איהר געמוזט שענקען ת"ק קער־
„בלעך א מתנה—פון וואנען זאל זיך דאס נעמען אהעם? גרים לזוגתך
„מיט די קינדערלעך. פון מיר אביך
„סענדער בלאנק.

נאך א יאהר — א שווער יאהר! — האט זיך חיים אפגעמוטשעט ביז ער האט זיך געקריגען ענדליך א שטעלע מיט פופציג רובל א חודש געהאלט און אין א יאהר ארום האט מען זיך ארום געקוקט, אז חיים איז איין ארענטליכער מאן און איז א געטרייער מענש, האט מען איהם מוסיף געווען נאך פופציג רובל; דערפאר האט ער אבער גע־הארעוועט און איז געווען אין גאנצען פארקויפט דעם פרינציפאל און האט פארבראכט גאנצע טעג מיט נעכט אין וואלד (דאס איז געווען זיין שטעלע).

אין דער דאזיגער לאגע איז ער געווען, ווען ער האט פלוצלים ערהאלטען די עקסטרע טעלעגראמע פונ'ם פאטער, וואס רופט איהם ארויס ער זאל תומ"י קומען מיט די קינדער. חיים האט ניט געקענט ווארפען דעם וואלד אפילו אויף צוויי טאג; נאר עס איז א תירוץ אז דער פאטער איז געפעהרליך שלאף און רופט מע זאל קומען?

„דער... ווי געהט עס זיי היינט? גרים לאחי המשכיל החכם מוה"רר
„מארקוס שיחיה. זייט געזונט און פיל גליקליך, ווי עס ווינשט אייך
„דיין זוהן חיים בלאנק".

„גם איך האב דיר פארגעסען מודיע זיין אז זוגתי מרת סאני
„שתחי' איז איצטער ניט בקו הבריאה, און מיין קלענערע טאכטער
„מאניטשקע פאקט. „חיים הנ"ל".

פון טאג אויף טאג איז חיים געגאנגען אויף דערפאסט און
ערשט אין צוויי וואכען ארום איז אנגעקומען א בריעף.

— א בריעף, סאני, א בריעף פון דערהיים!

סאני איז שוין געזונד געווארען און האט זיך קוים ארום גע־
שלעפט איבער'ן שטוב, נאר דאס קינד איז נאך אלץ געווען שלאף;
מיט גרויס ציטערניש האבען זיי זיך געזעצט לייענען דעם לאנגער־
ווארטעטען בריעף:

„לבני היקר הרבני מוהר"ר חיים נ"י ע"ש וזגתו היקרה מרת סאנע
תחי' עכב"ב".

„ראשית מודיעכם אז מיר זענען אלע ב"ה אין בעסטען געזונד;
„געב גאט דאס געמליכע פון אייך צו הערען ניט ערגער, אמן! והשנית
„פארשטעה איך ניט, וואס האסט דו געהאט צו מיר, בני היקר, וואס
„זאלסט מיר אנטהון אזעלכע יסורים און מיר אלע זאלען האבען איבער
„אייך א פארשטערטען יו"ט? לאז מען פרעגען ביי דער וועלט, צי
„האב איך ניט יוצא געווען א קענען דיר ווי דער בעסטער פאטער?
„ע"כ בני היקר, בעט איך דיך, זאלסט מיר ניט מקצר ימים זיין און ניט
„שרייבען מיר אזעלכע בריעף, וואס זיי זענען מיר ניט לרצון, און
„אהער האסט דו ניט וואס צו פאהרען, מחמת אהן געלט קריגט מען
„אין ערגעץ קיין געשעפטען ניט היינטיגע יאהרען און אזעלכע פיי־
„פערמאנעס, וואס נארען אויס געלט, זענען דא אומעדום אויף דער
„גאנצער וועלט; וואס זאל מען טהון? שווערע יאהרען היינט! פון
„דעסטוועגען, אז מע איז א מענש קומט מען ניט דער צו, אז מע

חתונה געמאכט, געגעבען נדן, געהאלטען פינף יאהר אויף קעסט אויך — אונ וואס נאך? האסט צו מיר כלל וכלל ניט; מיט מיר קעהרסט דו זיך שוין היינט ווינציג וואס אן: איך האב נאך קינדער; איך האלט א טאכטער אויף קעסט אונ דארף חתונה מאכען א זוהן. פאהר דיר געזונדערהייד אונ זיי מצליח! אז דו וועסט זיך שאנעווען, וועסט דו האבען געלד אונ סע וועט דיר זיין גוט, אי"ה; זעה היט אפּ א קערבעל — וועסט דו זיין א מענש!...

אז חיים איז געבליבען אהן געלט, האט ער צום פאטער ניט געוואלט שרייבען: ער האט גאנץ גוט געוויסט, אז עס וועט זיין אומזיסט; נאר אז מע האט שוין אלסדינג אויספארקויפט פון שטוב אונ די קינדער האבען געבעטען ברויט אונ עס איז ניט געווען, האט זיך חיים געזעצט אונ האט אן געשריבען אזא מין בריעף.

„לכבוד אהובי אבי היקר הגביר המפורסים החכם ומופלג בש"ת מוהר"ר קענדער נ"י.

„שוין מעהר אז צוויי יאהר זינט איך בין געבליבען אהן א קא־
„פּיקע האב איך דיר דען אפילו מזכיר געווען זעהסט דו דאך אליין
„אז מסתמא האב איך שוין קיין געלט ניט... וואס רעד איך? די קינ־
„דער אונ מיין ווייב אונ איך שטארבען פאר הונגער... איך בין דא א
„פרעמדער... על כן אהובי אבי! פארשטעהסט דו שוין... ניטא וואס
„צו רעדען... אזעלכע צוויי קינדער ווי איך האב דאכט מיר... אונ מיי
„ווייב איז דווקא ניט קיין אויסברענגערין ווי אנדערע... אונ איך ווייס?
„פארקעהרט, מיט אלע מעגליכקייטען... ווען ניט אט דער פייפערמאן
„אט דער גזלן... ער האט ביי מיר אויסגענארט דריי טויזענד רובל.
„מזומענע דריי טויזענד קארבען!... קיין אנדערע געשעפטען איז דא
„ניטא... אפשר דארט, אין דיין שטאדט, וואו מען קאן מיך, מע ווייסט
„ווער איך בין... מע זאגט אז יעקב משה צוקערשטיין האט געווינען
„צעהן טויזענד רובל... גרים לאמי ח' היקרה מרת מרים חיה, לאחותי
„היקרה מרת רבקה עם בעלה היקר מו"ה יוסף זעמעל מיט זייערע קינ־

— בּוּקִי... אָן... עֶל... יֶע... נַאשׁ — בָּאלִיֶען — שְׁלַאף! אָן... פַּאקָאִי... אַז... סֶע, עֶס... נַאשׁ... אָן — אָפַּאסְנָא — זֶעהר, ד. ה. גֶע־פֶּעהְרְלִיךְ, אָפַּאסְנֶע, ד. ה. אָט שְׁטַארְבְּט עֶר, אַהַא?...

און פְּרוֹיקֶעס גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען זִיךְ וַוייטֶער אַיינְגֶעפְּלָאנְטֶעט אִין דֶעם גִילְדֶענֶעם זֵייגֶער מִיט דֶער שְׁוֶועֶרֶער קֶעט... אוֹיף דֶעם טֶע־לֶעגְרַאף הָאט פְּרוֹיקֶע פְּרִיהֶער גֶעוִויזֶען דִי דֶעפֶּעשֶׁען עֶפִּיס אַ רוֹיטֶען יוּדֶען, עֶר זָאל זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין אִיבֶּער לֵייֶענֶען אוּן גֶעבֶּען אִיהם צוּ פַארְשְׁטֵעהְן, וָואס שְׁטֵעהט דָארְטֶען.

— אַךְ, וֶוען מֶע זָאל מִיךְ גֶעוֶוען לֶערְנֶען אִין דִי יוּנְגֶע יָאהְרֶען! הָאט זִיךְ פְּרוֹיקֶע גֶעטְרַאכְט אַרָאפְּגֶעלָאזְט טִיף אִין דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער קֶעשֶׁענִי דִי צְוֵויי רוּבְּל מִיט דִי פֶּערְצִיג קָאפִּיקֶעס אוֹיסְגָאבּ, אַזוֹי אַז זֵיי זָאלֶען טַאקִי בַּיי אִיהם בְּלַייבֶּען, מַחֲמַת וֶוער וֶועט זִיךְ הַיינְט אַרוּם סוּקֶען צוּ עֶס אִיז דָא אוֹיסְגָאבּ, צִי נַיין? נָאר וִוי אִיבֶּערְרַאשְׁט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ ר׳ סֶענְדֶער׳ן אִין קַאבִּינֶעט, הָאט אִיהם זַיין גֶע־פֶּעהְרְלִיכֶער פְּרִינְצִיפַּאל בַּאלְד אַ חַאפּ גֶעטְהוּן:

— אוֹיסְגָאבּ, פְּרוֹיקֶע! — צְוֵויי מִיט פֶּערְצִיג!...

„עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט. דֶער אַלְטֶער גַאנַאמְנֶעק!“ הָאט פְּרוֹיקֶע גֶעטְרַאכְט אוּן הָאט בִּמְחִילַת כְּבוֹדוֹ אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ׳ן טִישׁ דִי צְוֵויי רוּבְּל מִיט דִי פֶּערְצִיג קָאפִּיקֶעס אוּן אִיז מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ אַוֶועק אִין זַיין רוּה אַרַיין...

בַּאלְד אוֹיפְ׳ן אַנְדֶערֶען טָאג אִיז גֶעקוּמֶען סֶענְדֶער׳ס עֶלְטֶערֶער זוּהן חַיִּים בְּלַאנְק מִיט זַיין וַוייבּ סָאנִי אוּן מִיט צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער: פַּאנְיֶע — אַ מֵיידִיל פוּן אַ יָאהר אַכְט, אוּן מַאנִי — אַ קְלֵיינִינְקֶע פוּן זֶעכְּס יָאהר.

וִוי אַזוֹי סֶענְדֶער׳ן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען גוּט, אַזוֹי אִיז זַיינֶע קִינְדֶער גֶעגַאנְגֶען שְׁלֶעכְט. — אַז חַיִּים אִיז אַרָאפּ פוּן קֶעסְט הָאט עֶר גֶעהַאט זַיינֶע עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד רוּבְּל.

— גֶעדֵיינְק חַיִּים, — הָאט אִיהם דֶער פָּאטֶער גֶעזָאגְט — אַז אִיךְ הָאבּ פוּן מֵיין צַד גֶענוּג יוֹצֵא גֶעוֶוען: דִיךְ אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועט.

— דזין! דזין! האט דאס גלעקיל זיך געלאזט הערען פון אויבען. פייל אויס דעם בויגען האט זיך פרויקע געלאזט לויפען ארויף און אין עטליכע מינוט ארום איז ער אראפגעלאפען מיט צוויי דעפעשען, וואס מע האט איהם געגעבען אוועק צו שיקען עקסטרע צו די קינדער און מע האט איהם צעהן מאל אנגעזאגט: „ער זאל לויפען גיך, אויף איין פוס!" פונדעסטוועגען האט זיך פרויקע ער־לויבט צו צוזעצען זיך אויף א רגע'לע זעהען, וואס שטעהט דא אין די דעפעשען.

צום כבוד פונ'ם דאזיגען געטרייען דיענער מוזען מיר בעמערקען, אז אין די פינף יאהר, וואס פערשיעדענע לעהרער'ס האבען פערבראכט ביי די בלאנקעס אין הויז, האט זיך פרויקע צוגעלערנט אביסיל רוסיש לייענען און שרייבען; מע קאן ניט זאגען, אז פרויקע האט זעהר טהייערע פעהיגקייטען צום לערנען; דערפאר האט אבער מארקוס אליין געגוג געקנעלט מיט איהם ביז ער האט דערלעבט, אז פרויקע קען שוין האלב טראף (סקלאדעס) און חתמ'נען זיך אויף רוסיש: „פרויקע קראקמאן" אזוי אז עס איז אויסגעקומען גאר: „מאנפרויקער קאקער". נאר צום רעכענען האט פרויקע געהאט א זעלטענעם קאפ, און ווער ווייסט וואס פאר א מאטהעמאטיק פון איהם וואלט ארויס, ווען זיין פאטער, קאפיל קראקמאן, זאל ניט געוועזען זיין קיין קוימענ־קעהרער און זאל ניט געווען פון בראנפען שטארבען און פאר דעם טוידט אפגעבען פרויקען צו א קאוואל, און דער קאוואל זאל איהם ניט געוועזען שלאגען אלע טאג ווי א הונט, און פרויקע זאל ניט געוועזען אנקומען פריהער צו זיין א הויז־משרת און גאכדעם א לאקיי ביי סענדער בלאנק. די גרעסטע „זאדאטשע" האט פרויקע געקאנט אויס־רעכענען אויפ'ן קאפ, אזוי אז דער בעל הבית פלעגט ניט איין מאל גבהל ונשתומם ווערען!

בכן האט אונזער געבילדעטער משרת צו געטראגען די דעפע־שען צום פענסטער און איז אפגעשטאנען איבער זיי קרוב צו א האל־בער שעה ביז ער האט יאקאש צונויף געלייגט.

סענדער געהאט א טבע אפנעמען חשבון ביי פרויקען פונ'ם מארק ביז דער לעצטער קאפיקע! מיט זיין גאנצען לעבען איז פרויקע געווען איבערגעגעבען דעם בעל-הבית און פון זיינעטוועגען וואלט ער געגאנגען אין פייער און אין וואסער, און דעריבער האט פרויקע געשארפט די צעהן אויף א דריי טוץ זילבערנע לעפעל, א גרויסען זילבערנעם הדס, א גוטען בורשטינענעם אין גאלד געפאסט ציגארען-שפיץ, וואס נאך זיין רעכענונג נאך האט ער בעדארפט ווערט זיין צום ווייניגסטען פינף און דרייסיג רובל, א טוץ געפרעסטע העמדער מיט נאך אזעלכע קליי-ניגקייטען, וואס די יורשים וואלטען זיך ביים טראסקט ניט ארומגעקוקט און איבערהויפט איז פרויקע געווען ענטציקט פון סענדערס גילדערנעם זייגער מיט דער מאסיווער גילדערנער קעט; דאס דאזיגע קעטיל האט סענדער בלאנק אליין געלאזט מאכען אין דער פאבריק און דעריבער איז דאס געווען אזוי מאסיווע. פרויקע פלעגט ניט איין מאל האלטען דאס קעטיל מיט'ן זייגער, אנמעסטען זיי אויף זיך, קוקען אין שפיגעל אריין און אנקוועלען פון זיך; נאר פרויקע איז ניט געווען קיין גנב; חלילה! גאלד האט געמעגט ליגען פאר זיינע אויגען, וואלט ער ניט געטשעפעט; נאר "נאך דעם בעל-הבית'ס טוידט — האט ביי זיך פרויקע געפועל'ט — ווען אלע וועלען נעמען, וועל איך אויך נעמען: ווער וועט זיך ארומקוקען אויף דעם עלענדען פרויקען?" און איצט, אז פרויקע האט דערזעהען, ווי זיין בעל-הבית פאכט מיט דער נשמה, האט אין איהם אנגעהויבען קלאפען דאס הארץ פאר שרעק און זיי-צענדיג אונטען אויפ'ן ביינקיל און ווארטענדיג, אז אט—אט וועט מען איהם שיקען נאך דער "חברה קדישה", האט זיך פרויקע דערווייל גע-מאכט א צעטיל, וואס ער דארף, און אז עס איז געקומען צום זייגער מיט דער קעט, האט ער זיך געטראכט, וואס זאל ער טהון מיט זיי: צי זאל ער זיי פערקויפען, צי זאל ער נעמען זיך דעם זייגער און דאס קעטיל אוועקשייקען בלומקען (זיין כלה), צי אפשר זאל ער גאר איבערמאכען דאס קעטיל אויף אויערינגליך מיט א בראש פון בלומקעס וועגען?...

ארויסגעטרעטען אויף זיין פנים! נאך דעם האט זיך דער דאקטאר אויף געחאפט, אויסגעשנייצט די נאז שטארק—שטארק און האט אזוי געזאגט:

— מיין ליבער הערר בלאנק! איהר ווייסט אז איך בין אייך א גוטער פריינד; איך וועל טהון אלע מיטלען; נאר איהר וועט מיך פאלגען צי ניין? רופט נאך א דאקטאר, וועלען מיר מאכען א קאנ־סיליום; ביי אונז אין דער מעדיצין איז דא א גלייך ווארט: איין קאפ איז גוט, צוויי איז נאך בעסער .. מיט די דאזיגע ווערטער האט ער זיך אפגעזעגענט מיט'ן חולה און מיט אלע אנדערע און איז געשווינד ארויסגעגאנגען פון קאבינעט, אראפגעלאפען פון די טרעפ און געקו־מען אראפ האט ער געטראפען פרויקען מיט זיין פאלטא אין די הענד. ארויפגעווארפען אויפ'ן דאקטאר דעם ראק האט זיך פרויקע ניט גע־קאנט איינהאלטען און האט א פרעג געטהון דעם דאקטאר: „וואס הערט זיך מיט'ן בעל־הבית?“ האט איהם דער דאקטאר קלוגער גע־ענטפערט מיט א זיס שמייכעלע אויף לאטיין (דער דאקטאר קלוגער איז זעהר א פשוט'ער ביי זיך, זעהר א ליבענסווירדיגער מענש און איז מיט יעדען א גוטער ברודער):

— גישט קשה, אביסעלע גארגולעס, אביסעלע פלעריז קסו־האטיווא, נאר סע וועט זיין רעכט: דער דאקטאר קלוגער שלאפט ניט!..

— דער רוח ווייסט איהם, וואו ער נעמט אזעלכע טערקישע ווערטער! האט פרויקע געזאגט צו זיך אליין און פערשלאסען די טיר.

מיר ווייסען וואל פאר קלאהר, אז פרויקע האט זיך גאר ניט אנגעקערט מיט די בלאנקעס; נאר מחמת ער דיענט שוין דא א יאהר זיבען, אכט, דערפאר האלט ער זיך מיט זיי שטארק היימיש, נאהענט, כמעט ווי א ווייטער קרוב, און דעריבער האט זיך פרויקע גערעכענט ביי זיך, אז על פי יושר קומט איהם אויך א שטיקיל חלק פון סענדער בלאנק'ס ירושה; ער איז געווען, נאך זיין השגה נאך, זעהר גערעכט: דארעווען האט ער געהארעוועט, ווי איין אייזיל, און אין דער גאנצער צייט פון זיין געטרייער דיענסט האט ער נאך ניט געזעהען פון זיין בעל־הבית קיין מתנה אפילו פאר א צווייער, און חוץ לזה האט נאך

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, דעם אמת, דעם ריינעם, לויטערען אמת: צי קאָן איך האָבען אַ שטיקעל האָפנונג? איך בין ערשט אַלט דריי און פופציג יאָהר! מיין פאָטער האָט געלעבט פיער און אַכציג יאָהר; מיין מוטער זעכס און ניינציג יאָהר, און מיין זיידע, זאָגט מען, האָט אָפּ געלעבט מעהר אַלס הונדערט יאָהר, פאַר וואָס זשע קומט עס מיר איך זאָל אַזוי גיך?...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך סענדער צעוויינט ווי אַ קליין קינד; מרים חיה האָט געחלשט און מאַרקוס, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ גוט ווייך האַרץ, האָט זיך געווישט די נאַסע אויגען...

און דער דאָקטאָר קלוגער האָט צונויפגעצויגען די הענד, אויסגעצויגען די קאָפּ און געמאַכט אַזאַ מינע, פונקט ווי דער רייזענדער מאַכט, בשעת עס ברעכט זיך איבער איין אַקס און דער וואָגען טהוט אַ טראַסק אין דער ערד אַריין.

די דאָזיגע מימיקע האָט אויף אונזער סענדער'ן געווירקט שרעקליך: עס האָט זיך איהם דייטליך פאָרגעשטעלט, ווי זיין איגוויינגסטע „מאַשינעריע", די „געדערים", האָבען פּלוצים געלאָפּענט, און צוהערענדיג זיך צום בויך, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער מאָגען האָט זיך אין איהם ווירקליך אַנידערגעשטעלט אויף אייביג; דאָך האָט ער זיך געשעמט אַ פרעג טהון דעם דאָקטאָר און האָט איהם נאָר געבעטען, ער זאָל איהם נאָך אַמאָל גוט בעטראַכטען. דער דאָקטאָר קלוגער איז מרוצה געוואָרען צו בעטראַכטען דעם חולה נאָך אַמאָל און האָט זיך צוגעלייגט מיט'ן אויער צום קראַנקענס בויך. בעטראַכטענדיג איהם, האָט דער דאָקטאָר ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פונ'ם מויל, נאָר גלאַט אַזוי געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געדרעהט מיט'ן קאָפּ, געשמאָרעט מיט דער נאָז, לאַנג–לאַנג געטראַכט, געקוקט דעם חולה אין די אויגען אַריין, געזיפצט, ווייטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און אַזוי ווייטער. סענדער בלאַנק האָט דאָס אַלעס גוט בעמערקט און טראָפּען שוויים, קאַלטער שוויים האָבען

ליגען אויף אונז, און דערצו נאך אזוי בערוהט אפ לעבען זיך דאס וועלטעל — אך! ווי גרינג וואלט אונז געווען צו געהן פון דער וועלט! ווי איינגענעהם וואלט ביי אונז געווען דער טוידט! בעטראכט זיך אליין, איך עס מיר אפ אנביסען, פארדרייבער מיר א געשמאקען ציגאר, טרינק מיר אויס א גוט גלאז ביער, זאג מיר אפ א פאר קאפיטלעך תהילים, שענק מיר איין ארימאן א צוויי גראשען, איך נעם מיר דעם טינט און פען און מאך מיר א חשבון: דעם זוהן אזוי פיעל, דער טאכטער אזוי פיעל, עטליכע קערבלעך אויף דער שוהל, א פאר רובל אויפ'ן מרחץ להבדיל, עטליכע גריוונעס אויף צו טהיילען די תלמוד־תורה־יונגלעך פאר דער מטה, אז זיי זאלען פון מיין כבוד וועגען שרייען: „צדק לפניו יהלך!", נאך דעם זאג איך מיר אפ גאנץ בערוהיגט ווידוי מיט א גלאטען לונג און לעבער און מיט א ריינעם סאוועסט, איך לעג מיך צו, פארמאך מיר איין אויג, דאס אנדערע אויג — און ווער אנשלאפען... און אויף מארגען ווידער אמאל דאס איינענע... אז דער דאקטאר איז געקומען צו סענדער'ן, האט ער איהם געפונען זעהר אין א טרויעריגע לאגע.

די ערשטע פראגע, וואס סענדער האט פארגעלייגט דעם דאקטאר, איז געווען:

— איז מיין שלאפקייט ניט געפעהרליך, און צי וועל איך נאך קאנען געזעגנען זיך מיט מיינע קינדער?

— ווען איהר זאלט זיין אזוי געפעהרליך — האט איהם דער דאקטאר קלוגער גאנץ ערנסט געענטפערט — וואלט איך איצט ניט געהאט דאס גליק מיט אייך צו רעדען; נאר נאך די קינדער שיקט וואס צום גיכסטען טהוט אפ אייער וועט איהר זיין רוהיג, אראפ א משא!

טוידט ווי די וואנט איז סענדער געווארען, אז ער האט דער־הערט דעם דאקטארס רעזאלוציע. און ער האט אנגעהויבען צו ציטער־רען, צאפלען, מיט אלע אברים: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק... אט דאס איז שוין מיין עק! אט דאס איז מיין עס!"

— וואס זשע איז דיר, אזעלכעס? גאט איז מיט דיר, סענדער!

— איך וייס ניט; אט דא איז ביי מיר איין אומגליק! אונ סענדער האט אנגעוויזען מיט ביידע הענט אויפ'ן בויך. ראשית חכמה האט מרים חיה געשיקט רופען דעם דאקטאר, הגם סענדער גלויבט ניט אין קיין דאקטאר אונ זאגט, אז די גאנצע "שפיל" (די מעדעצין) איז גאר א שאנטאזש, א "פאקוס" אויף צונארען געלט, פון דעסטוועגען לאז איהם וועה טהון א פינגער — שיקט ער באלד צום דאקטאר. פאראן א סך אזעלכע צווישען אונזערע יודען, וואס האבען עפּיס קיין "אמונה" ניט אין דער מעדעצין, חאטש די מעדעצין קאסט א יודען אפּ מעהר פון אלע אנדערע מענשען אויף דער וועלט, אונ ער מעג יא גלויבען אונ ניט גלויבען — אלעס איינס!

אונזער געעהרטער סענדער האט זיך געהאט זיין דאקטאר, דעם דאקטאר קלוגער, אונ מיט איהם האט ער ליעב געהאט אין א פרייער צייט אריין צו שמועסען מכח "דאקטאריע". דער דאקטער האט לאנג געקנעלט ביז ער האט איהם איינגעבילדעט, אז פונקט אזוי ווי ער קאן שטארבען פון א שלאפקייט, אזוי קאן מען זיך געזעגענען מיט'ן לעבען געזונטערהייד. דער דאזיגער כלל, איז סוף כל סוף איהם אריין אין קאפּ אונ פון יענערצייט אן האט ער געפיהלט, אז זיין לעבען הענגט אויף א האר, חאטש אפילו ער איז געזונד אונ שטארק אויף אלע אברים; דעריבער האט ער זיך גערעכט טאג אויף טאג אונ האט זיך שוין לאנג צו געגרייט א צוואה אויסגערעכענט ביז דער לעצטער פּרוטה (דאס איז ביי איהם געווען בסוד) אונ יעדער טאג איז ביי איהם געווען א געשענקטער, אונ דעריבער מאכי פלעגט ער זיך אן טהון כל התענוגים אויף דער וועלט: גוט עסען, רעכט טרינקען, אויס־רוהען די ביינער, געוויס אויסלאזען זיך אויף "די היינטיגע" "די קבצנים", אפּ געבען גאט זיינס, ד. ה. דאווענען אלע טאג; אמאל, אז עס איז געווען צייט, אפּ זאגען א צוויי דריי קאפּיטלעך תהלים אונ אמאל שענקען א נדבה (זעלטען, זעהר זעלטען). אך! ווען יעדער פון אונז זאל האבען בכח, אזוי ווי מיין העלד, מקיים זיין אלע חובות, וואס

אויגען אריין און געמט איהם אן ביי דער האנט און טרעהרען קלייבען זיך איהר אויף די אויגען.

— אי, טשעפע זיך אפ פון מיר, — גאר ניט, גאר ניט! מארקוס שלעפט ארויס זיין האנט פון איהרע הייסע הענט, און מרים חיה געהט אוועק מיט א טיפען זיפץ פונ'ם הארצען...

איך פרעג אייך ביי אט אזעלכע פערשיעדענע אומשטענדען וואס איז דער חדוש, אז יעדען צופאל, וועלכער זאל קענען אונזער פייגעם העלד אויסלייזען פון זיין טרויריגע לאגע, וואלט ער באגעגענט מיט פרייד? וואס איז דא צו וואונדערען זיך, וואס מארקוס האט גלייך מיט אלע אונזערע בעקאנטע ביי סענדער'ן אין הויז ארויס געקוקט אויף דעם דאזיגען צופאל, וואס קיינער פון זיי האט אויך ניט ארויסגערעדט און וואס יעדער בעזונדער האט געטראכט ביי זיך טיעף־טיעף אין הארצען?...

ליעבער לעזער, טהייערער פריינד! ווער דו ביסט דארטען און וואס דו ביסט דארטען — גיב מיר אהער דיין האנט און לאמיר זיך ביידע ווינשען, אז עס וועט קומען אמאל די צייט ווען מיר וועלען זיך דארפען אפגעזעגענען מיט'ן דאזיגען נארישען וועלטעל, זאל אונז גאט שומר ומציל זיין פון אזא טרויריגער לאגע, וואו אונזער געעהרטער סענדער בלאנק האט זיך געפונען אין דער צייט, ווען זיין פייגע משפחה האט זיך צונויפגעפאהרען צו איהם „מבקר חולה זיין”...

---

## דאס פינפטע קאפיטעל.

סענדער'ס משפחה פאהרט זיך צונויף בימלעכווייז.

מיר האבען איבערגעלאזט סענדער בלאנק אין קאבינעט נאך דעם גרויסארטיגען אנבייסען. סענדער האט זיך געפיהלט עפיס ניט אין בעסטען; א שרעקליך שניידענעש איז אויף איהם אנגעפאלען און א גאנצער מלחמה האט זיך אויפגעהויבען אין זיין בויך.

— שלעכט! שלעכט! האט ער געזאגט צו מרים חיה'ן; כ'איז מיר שלעכט, זעהר שלעכט!

זיינען די דאזיגע מענשען — און ווי טרויעריג, געבונדען און אומגליקליך איז ער געוועזען! דערמאלט, ווען זיי שיפען זיך אויף דער לאדקע אין דער אויסגעצייכענטער זומערנאכט און זינגען לידלעך אקעגען דער זילבערנער לבנה, מוז ער געוויס זיצען אין דער היים און אומהעדען אט די אלע מעשיות מיט די רייך פונ'ם פאטער, וואס האבען זיך איהם שוין אזוי צוגענעסען! ער איז פשוט געפענטעט אין קייטען; ער איז אין געפענקניש; מע האט איהם פארשפארט, מע האלט איהם אין אסטראג; מע לאזט איהם ניט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין; וואס האט מען געוואלט צו איהם און צו זיינע יונגע יאהר און טעג? פאר וואס קאן ער ניט געניסען פונ'ם זיסען יוגענד, גלייך מיט אט די אלע יונגע מענשען? פאר וואס איז פאר איהם אלעס פארשלאסען, אלעס באהאלטען, אלעס פארבאטען; אלע מעגען, נאר ער, מארקוס, טאר ניט; ער דארף דא זיצען און פארשווארצט ווערען — ביז וואנען? ביז ווי לאנג נאך?

מיט אזעלכע שווארצע געדאנקען זיצט געוויס אונזער יונגער העלד אנגעשפארט דעם שוועם קאפ אויף די ווייסע הענט און טענדער דערצעהלט זעהר א שיינע געשיכטע, ווי אזוי א שותף האט איהם ארייננעפיהרט אין א געשעפט אריין, ווי אזוי ער האט איהם געוואלט „אפקאכען", ווי אזוי זיי זענען ביידע געקומען צום פריץ, ווי אזוי דער פריץ האט איהם געבעטען זיצען, ווי אזוי דער שותף האט זיך ארייננעכאפט צו איהם אין די הענד אריין, ווי אזוי דער פריץ האט זיך מיט איהם אפגערעכענט און האט איהם געזאגט: „עיי, מאשקא! יאק סיעמאש, פאן מאשקא?" חא—חא—חא! טענדער לאכט און זיין פעט לייב טרייסעלט זיך פאר געלעכטער. מרים־חיה לאזט ניט אראפ קיין אויג פון איהר טהייערען זוהן, וואס איז געוויס שוין פון א צייט אזוי בלאס, אזוי אומעטיג; ער עסט ניט, ער טרינקט ניט — וואס איז „דעם קינד"?

— וואס איז דיר, מארקעל? וואס טהוט דיר וועה, מיין קינד? אזוי זאגט איהם די געטרייע מוטער פאר'ן שלאף, קוקט איהם אין די

„געה, מארקוס, ליעב זיך איין, שרייב פלאם-פייערדיגע בריוועלעך, ווער צונאנגען ווי א וואקס, הייג זיך, טרינק זיך, אבי איך זאל האבען שטאף אויף א העכסט „אינטערעסאנטען ראמאן"? ובפרט, אז מיין יונגער העלד האט געהאט נאר איין אנדער אידעע, איין אנדער ציעל, וואס ער האט זיך געשלאגען דורך מיר אונ דורך טויהער מיט אלע כחות פון זיין געזונדען יונגען קערפער, — מיט איינעם ווארט, מיין מארקוס האט געוואלט שטודירען; איין מאל פאר אלע מאל שטודירען: אויף דאקטאר, אויף אדוואקאט אויף אינזשינער — שטודירען אונ גענוג!

ווען אונ ווי אזוי איז דער דאזיגער געדאנק איינגעפאלען מארקוס'ן אין קאפ אריין, קאן איך אייך אקוראט ניט זאגען; נאר די בריוועלעך, וואס ער האט געשריבען צו איינעם פון מיינע חברים, צו אריה-לייב'ן זענען געווען מיט אזא פייער געשריבען, אזוי הייס, אזוי ענערגיש, אזוי אמת, אז איך האב זיך אויף קיין מינוט ניט פארטראכט, אז דער דאזיגער יונגער מענש וועט זיין צוועק ערגרייכען. (איינע פון די דאזיגע שענע בריעף האט דער לעזער באגעגענט אין דעם ערשטען קאפיטעל פון אונזער אמתע מעשה).

נאטירליך האט דער פאטער ניט געטארט וויסען פון דער דאזיגער פיינער אידעע, אונ איך רעכען אז עס איז גלייכער, וואס סענדער האט ניט געוויסט, וואס מארקוס טראגט ביי זיך אין קאפ אונ אין הארצען: גאט ווייסט, וואס עס וואלט געקאנט דערפון ארויס — סענדער האט געהאט צו טהון מיט די שידוכים אונ מארקוס האט געשריבען הייסע בריוועלעך צו אריה-לייבען, אזוי ווי אויבען איז געשטאנען.

מעהר ווי א מאל האט זיך אויפגעהויבען דאס פייער ביי אונזער יונגען העלד זומערצייט פונקט אין דער „עפאכע", ווען עס קומט פאר אונזער נאטירליכע געשיכטע; אין דער דאזיגער צייט זענען זיך צונויפגעפאהרען אלע תלמידים פון די גימנאזיעס מיט אלע סטודענטען פונ'ם אוניווערסיטעט. אך! ווי שטארק אונזער מארקוס האט זיי נעבאך מקנא געווען אויף זייערע גילדערנע קנעפלעך די אפיצערסקע היטעלעך, די העמדלעך פון די סטודענטען; ווי פרעהליך, ווי פרייה, ווי גליקליך

בלאט, אונ שפעטער, אז ער ווערדט עלטער, דערמאנט ער איך, אז ער האט א מאל אין די יונגע יאהרען „געשריבען אין די צייטונגען" — מיט איינעם וואָרט אונזער אויסגעצייכענטער מארקוס וואָלט געווען א יונגעל א משכיל, ווי אלע משכילים אין דער פּראָווינץ, א „אינטעליגענט", א געוועהנליכער טיפּ פון א יודיש בחור'ל א נאחאל וואס נעמט א שיינע כלה מיט רויטע בעקלעך אונ מיט א סך נדן, — אונ האט חתונה, אונ ווערדט א פיין איידעמעל, א בעל הלואה, א שטיקעל סוחר, א גרויסער סוחר א יונגער מאן א גביר מיט עטליכע קינדער, וואס באקומען ביי איהם פּונקט אזא ערציהונג, ווי זיינע עלטערען האבען איהם געגעבען, אונ אזוי איז „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת", איין דור געהט נאך דעם אנדערען, ווי א זייגער... נאר ניין! אונזער שענער העלד האט געהאט איין אנדער השגה אין דער וועלט, אונ זיין צוועק איז געווען ניט אזוי, ווי מיר האבען פון זייערטוועגען אויסגעבעט; יעדער מענש האט זיך זיין קאפּריז, זיינע השגות; פאר וואס זאל מארקוס בלאנק זיין ערגער פון אלע אנדערע מענשען? איך זעה, אז מיינע לעזער, ווילען טרעפען, אז מסתמא מוז דא זיין א שיין מיידעל אינמיטען, אונ מארקוס איז שטארק פארליעבט... ניין! איהר דארפט געדיינקען, אז מיין ראמאן איז א „ראמאן אהן א ראמאן!". איך וועל איך ניט געהן שווערען, אז ווען מיין שענער העלד זאל געווען באגעגענען ערגעץ א מין ראזא, אדער א יעליזאבעטא, וואלט ער פון איהר אנטלאפען ווי דער שווארצער פעפער וואקסט; איך וויים ניט; די עפּאכע צווישען אכצען אונ צווישען צוואנציג יאהר איז די געפעהרליכסטע צייט פאר די יונגע קינדער; אונ אזוי ווי דאס ברעקעלע קינד מוז געביך איבער קומען פּאקען, מאזלען אונ צעהנדלעך, אזוי מוז דאס גרעסערע קינד איבערקומען די צייט פון ליעבע, — אונ למאי זאלען מיר זיך נארען? מיר האבען דאך אלע געפּאקט, געמאזעלט, ליעב געהאט אונ דאנקען גאט! איבערגעקומען אט די אלע ווייטיגען געזונדערהייד... וואס קאן איך אבער טהון מיט מיין יונגען העלד, אז עס האט זיך איהם פּארט ניט געטראפען דער צופאל? קאן איך איהם דען מיט געוואלד זאגען,

אלעמען; ער האט אליין געפרעגט און אליין געענטפערט: און אז יענער האט געפרעגט דעם תלמיד, למשל: „וואס לאזט מיך דא, מארקעל, דער תנא הערען"? האט חיים־חנה פארקאטשעט די ארבעל און געמאכט מיט די הענט אין דער ליך געענטפערט: „נו זאגט ער דאך איין, אז עבודה זרה איז ניט גלייך, זאגט ער, ווי דער פרה אדומה, פארוואס? זאגט ער, מחמת עבודה זרה, זאגט ער איז איין אנדער זאך, און די פרה אדומה, זאגט ער איז ווידער איין אנדער זאך; איז געדרונגען, זאגט ער, אז דער תנא, האט זיך געשטעלט, זאגט ער אויף דעם פסוק, צופרעגען, זאגט ער, א ווידער אנאנד; מה דאך, זאגט ער עבודה זרה, איז אזוי, איז דאך פרה אדומה, זאגט ער, על אחת כמה וכמה!..."

און מיט דעם דאזיגען „זאגט ער" האט חיים־חנה אזוי פאר רעדט און פארקלאפט די צעהן, אז דער פארהערער איז געבליבען זיצען, ווי א מענש, וואס מע חאפט איהם אויף פונ'ם שלאף און מע זאגט איהם: „קוק"! ער קוקט און קוקט און ווייסט ניט וואו ער איז אין דער וועלט...

אז חיים־חנה איז געשטארבען און מארקעל איז אריינגעפאלען צו אנדערע מלמדים אין די הענט אריין; האבען די דאזיגע אנגעהויבען באמערקען, אז רב סענדער'ס זוהן האט א ביסעל „א הארט קעפעל", א „שווערע תפיסה" מיט א „קורצען זכרון"; דערצו האט סענדער אנגעהויבען ווערען רייכער און רייכער, און באלייטען האט ער געזעהען, ווי אזוי מע לערנט קינדער אויף דעם נייעם שניט, האט ער געקריגען מארקוס'ן א צוויי־דריי לעהרערס פון „היינטיגער וועלט", וואס אונזער יונגער העלד האט ביי זיי גענאשט פון יעדער זאך צו ביסעליך, עטוואס פון אויבען, אזוי אז צו 17—18 יאהר האט ער געהייסען זעהר א פיין בחור'ל, ניט ערגער פון א סך אזעלכע בחורים'לעך, וואס איך מיט אייך קאנען זיי זעהר גוט: זיי געהען זעהר שיין אויפגעפוצט; זיי האבען ביי זיך א סך ביכליך; צווישען זיך שמועסען זיי אויף דער גאס וועגען טורגעניעווען און שרייען אזוי שטארק, אז איהר מוזט זיי באמערקען; ציי־ונגען לייענען זיי אלערליי און מיט פרעמדע הענט שרייבען זיי אליין אויך א מאל אריין א קארעספאנדענציע אין א יודיש

טְהוּן, אוּן — אַז עֶר קוּמְט זִיךְ יָא עֶמִיצֶען אוּנְטֶער דִי הֶענְד, טְהוּט מֶען אִיהם אַ שְׁטוּרְךְ, אַ שְׁנֶעל אִין נֶעזֶעל, אַ צְוִיפּ בַּיים אוֹיהֶער, אָדֶער מֶע רוּקְט אִיהם אָן דָאס הִיטֶעלֶע אִיבֶּער דִי אוֹיגֶען, אוּן מֶע מַאכְט פוּן אִיהם חוֹזֶק...

אוּן שְׁפֶּעטֶער אַז מִיר הַאבֶּען דֶערְלֶעבְּט צוּ זֶעהְן אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם הֶעלְד צוּ דֶער בַּר־מִצְוָה, הָאבֶּען מִיר זִיךְ זַאט נִיט גֶעקָאנְט אָנְקוּקֶען זַיין שֵׁיינֶער צוּרָה, אוּן הֶגַם מִיר הָאבֶּען פוּן אִיהם אַלֵיין קֵיין בֶּעזוּנְדֶערֶע שַׁארְפֶע חָכְמוֹת נִיט גֶעהֶערְט; דָאךְ הָאט מֶען אוּנְז דֶערְצֵעהלְט פוּן דֶעם דָאזִיגֶען פֵייֶער, פוּנ׳ם דָאזִיגֶען מַארֶקְעל אַזֶעלְכֶע אַנְטִיקְלֶעךְ, אַז מִיר זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען עֶנְצִיקְט פוּן דֶעם דָאזִיגֶען יוּנְגַאטְשׁ. „שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר — אַזוֹי הָאט דֶערְצֵעהלְט חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵד — אַז מִיט זַיינֶע פִּלִיצְלִיכֶע קַשְׁיוֹת, וָואס עֶר פְרֶעגְט בַּיי אִיהם, בַּיי זַיין רֶבִּין, שְׁטֶעלְט עֶר אִיהם אַזוֹי אַנִידֶער, אַז עֶר, ר׳ חַיִים חָנָה מָאלְט אַייךְ, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חָרִיף, בְּלַייבְּט אָפְּהֶענְטִיג אוּן קָאן קֵיין מוֹיל נִיט עֶפֶענֶען אַקֶעגֶען דֶעם דָאזִיגֶען תַּלְמִיד, וָואס דַארְף אוֹיסְוַואקְסֶען עֶפִּיס אַ מִין גָאוֹן אָדֶער אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִיט וָואס!...“ אִיז נָאךְ דָא וָואס צוּ רֵעדֶען פוּן סֶענְדֶער׳ס פֶּערְגְנִיגֶען אוּן פוּן מִרְיָם חַיָה׳ס גְלִיק, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסֶען אִין מְרֶערֶען? מִיט וָואס הָאט זִי פַארְדִיעְנְט בַּיי גָאט אַזַא בְּרָכָה? מִיט וָואס הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבֶּען אַזַא תַּכְשִׁיט, וָואס גָאט אוּן לַייט טְהוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִיהם? נִיט אַנְדֶערְשׁ, אַז דֶער וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהר, וִוי זִי קוּמְט נֶעבִּיךְ אָפּ בַּיי סֶענְדֶער׳ן; כְּמְעַט וִוי אַ דִינְסְט — גָאט זָאל נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִי רֵייד — נִיט אַנְדֶערְשׁ, אַז דָאס אִיז אִיהר אַ רְפוּאָה צוּ דֶער מַכָּה...

נָאר מִרְיָם חַיָה הָאט אַ פָּנִים נִיט פַארְדִיעְנְט בַּיי גָאט, אַז אִיהר זוּהְן זָאל בֶּאֱמֶת זַיין אַ גָאוֹן־עוֹלָם; כָּל זְמַן ר׳ חַיִים־חָנָה דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז מַארֶקְעל גֶעוֶוען אַזַא תַּכְשִׁיט, אַזַא גִילְדֶען קֶעפֶּעל, אַז קֵיינֶער הָאט אִיהם נִיט גֶעקָאנְט נֶעמֶען פַארְהֶערֶען, מַחֲמַת חַיִים חָנָה אִיז דֶערְצוּ גֶעוֶוען אַ מַזִיק; עֶר הָאט קֵיינֶעם נִיט גֶעלָאזְט אוֹיסְרֵעדֶען אַ וָוארְט: נִיט דֶעם פַארְהֶערֶער, נִיט דֶעם תַּלְמִיד; עֶר הָאט גֶערֶעדְט פַאר

אִיהם אַ טַאפּ גֶעטְהוּן. סוּג'ם יֶענֶעם שַׁבָּת אָן אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַ שָׁעה אוֹיף דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט, אַז בַּיי סֶענְדֶער בְּלַאנְק אִיז דָא אַ מֶעזִינִיקֶעל, אַ מַארֶקֶעל, עֶקְט זִיךְ מִיט אִיהם דִי וֶועלְט; עֶס אִיז אִיהם נִיט אִין פָּנִים אַרַיינְצוּקוּקֶען אוּנ קְלוּג אִיז עֶר, אַז עֶס זָאל אִיהם גָאר קַיין גוּט אוֹיג נִיט שַׁאדְטֶען... אִיךְ וָואלְט אַ בֶּעלְן גֶעוֶוען אָנְטְהוּן לֵייזֶער דֶעם בַּעַל־עֲגָלָה'ס יוּנְגֶעלֶע אִין אַ זַיידֶען הֶעמְדֶעל, סַאמֶעטֶענֶע הֵייזְלֶעךְ מִיט אַ גִילְדֶען יַארְמֶעלְקֶעלֶע אוּנ הֶערֶען, וָואס וֶועלֶען זָאגֶען אָט דִי אַלֶע צְבוּעֶקֶעס, וָואס דַארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ סֶענְדֶערְס קֶעשֶׁענִי, אוֹיף לֵייזֶערְס אַנְטִיקֶעל וָואס אִיז שֶׁען אוּנ קְלוּג, אַז „עֶס עֶקְט זִיךְ מִיט אִיהם דִי וֶועלְט"? אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶעהֶען מִיר פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען סֶענְדֶערְ'ס מֶעזִינִיקֶעל אוּנ מִיר לֵייעֶנֶען גְרוֹיסֶע גִילְדֶענֶע אוֹתִיוֹת אָנְגֶעצֵייכֶענְט אוֹיף זַיין וַוייסֶען שְׁטֶערֶען:

„גֶעלְד וֶועסְט דוּ הָאבֶּען,
אַ פֶערְד וֶועסְט דוּ זַיין..."

אוּנ דָארְט, בַּיי דֶער זַייט, שְׁטֶעהט לֵייזֶער דֶעם בַּעַל־עֲגָלָה'ס אַ זוּנְדֶעל, אַ שְׁוַוארְץ „יוּנְגְבֶּערֶעל" מִיט אַ שְׁטִיק בּוּלְקֶע אִין דֶער הַאנְד (קוֹים דֶערְלֶעבְּט דֶעם גְלִיקְלִיכֶען שַׁבָּת!), אָפְּגֶעריסֶען אוּנ בָּארְוֶועס, מִיט אַ פָּאר גְלֶעזֶערְנֶע אוֹיגֶען, אוּנ אוֹיף זַיין בֶּעוַואקְסֶענֶעם שְׁוַוארְצֶען שְׁטֶע־ רֶען אִיז אָנְגֶעצֵייכֶענְט פַארְקֶעהרְט:

„אַ פֶערְד וֶועסְט דוּ הָאבֶּען,
אַ קַבְּצָן וֶועסְט דוּ זַיין..."

אַךְ! פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִיט קַיין פָּאעֶט? אִיךְ זִיץ אַצִינְד בֶּעגֵייס־ טֶע,ט פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת; אִיךְ וָואלְט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דֶערוֹיף אַ גַאנְצֶען שִׁיר אִין שֶׁענֶע קְלִינְגֶענְדֶע פֶערְזֶען, מִיט מֶעלַאנְכָאלִישֶׁע, פִילָאזָאפִישֶׁע, הוֹיכֶע גֶעדַאנְקֶען מִיט טַעֲנוֹת צוּם בּוֹרֵא שָׁמַיִם, פַאר וָואס קוּמְט דָאס, אַז סֶענְדֶערְ'ס קִינְד וָואס אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי קְלוּג אוּנ מִיט דִי זֶעלְבֶּע טַאלֶענְטֶען, ווי לֵייזֶערְ'ס אִידִיאָט, אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען גֶעהט יֶעדֶער צוּ צוּ מַארְקְלֶען מִיט אַ פַּארְטִיג שְׁמֵייכֶעלֶע, מִיט אַ חֲנוּפָה'לֶע, מִיט אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקֶעל, אוּנ צוּ לֵייזֶערְ'ס פֶּעמְפֶּעס וִויל קֵיינֶער אֲפִילוּ קַיין קוּק נִיט

פָּאטֶער מִיט זַיְנֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וואוּ דֶער גַאנְצֶער סַךְ־הַכֹּל אִיז גֶע־
גַאנְגֶען וֶועגֶען אִיבֶּערִיגֶע עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְטֶער, וָואס מִיט דֶעם הָאט
מֶען גֶעקָאנְט פָּשׁוּט מַצִיל זַיְין פוּן הוּנְגֶער אוּנ פוּן דַחֲקוּת אַ גַאנְצֶען
הוֹיזְגֶעזִינְד; גֶעלְד הָאט טַאקִי דֶער פָּאטֶער גֶעגֶעבֶּען, נָאר בְּלוֹיז הָאט
עֶר אָפְּגֶעצַאפְּט בַּיי דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע קִינְדֶער אַ סַךְ מֶעהר, ווִי אוֹיף עֶט־
לִיכֶע הוּנְדֶערְטֶערְס... אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַ צִיקָאוֶועסְט, אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן
דֶעם אֵיינְגֶעשְׁפַּארְטֶען פָּאטֶער, צוּ וָואס הָאט אִיהם גֶעטוֹיגְט דֶער גַאנְ־
צֶער טַארֶעראַם מִיט דִי בִּזְיוֹנוֹת, מִיט דִי טְרֶעהְרֶען אוּמְזִיסְט אוּנ אוּמְ־
גִישְׁט? הָאט עֶר מִיר גַאנְץ עֶרְנְסְט גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— אַ קִינְד טָאר מֶען נִיט ווַייזֶען קַיין וֶועג. אַ קִינְד אִיז אַ חַזִיר,
אַ קִינְד דַארְף מֶען לֶערְנֶען, סֶע זָאל ווִיסֶען, אַז אַ קֶערְבֶּעל אִיז נִיט קַיין
הוּנְט, וֶועט עֶר אוֹיךְ ווִיסֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּעגֵעהן
מִיט אַ קִינְד אוּנ ווִי אַזוֹי מֶע דַארְף הִיטֶען אַ קֶערְבֶּעל הַיינְטִיגֶע יָאהרֶען.—

סֶע פַארְשְׁטֵעהט זִיךְ אוֹיף אַזַא לָאגִיקֶע הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעהַאט
וָואס צוּ עֶנְטְפֶערֶען...

דִי צְווֵייטֶע סִיבָּה, וָואס מַארְקוּס אִיז גֶעוֶוען טְהַייעֶרֶער בַּיי סֶענְ־
דֶערֶען כִּמְעַט פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אִיז ווַייל מִרְיָם חַיָה אִיז בַּיי אִיהם
גֶעוֶוען דָאס צְווֵייטֶע ווַייבּ, אוּנ אִין גַאנְצֶען אִיהר לֶעבֶּען אִיז גֶעוֶוען
אָפְּגֶעהַאנְגֶען אָן אִיהר טְהַייעֶרֶען בֶּן־יָחִיד.

„נוּ מִילָא? פְרֶעגְט מִיךְ דֶער לֶעזֶער, וואוּ שְׁטֵעהט דָאס אַז דִי
קִינְדֶער פוּנ'ם צְווֵייטֶען ווַייבּ דַארְף מֶען בֶּעסֶער לִיעבּ הָאבֶּען?" נוּ
מִילָא? עֶנְטְפֶער אִיךְ אוֹיךְ דָאס אֵייגֶענֶע; מִילָא אַהִין מִילָא אַהֶער —
סֶע אִיז פָארְט אַזוֹי אֵיינְגֶעפִיהרְט בַּיי גֶעווִיסֶען קְלַאס יוּדֶען. נָאר לְמַאי
זָאלֶען מִיר אַוֶועקְגֵעהן פוּנ'ם אֱמֶת? מַארְקוּס אִיז טַאקִי גֶעוֶוען אַיין
אַנְטִיקֶעל, וָואס מֶען קְרִיגְט עֶס גָאר נִיט. דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט מִיט
אִיהם גֶעהַאט צוּ טְהוּן; אַז סֶענְדֶער הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען שַׁבָּת
דֶעם פִינְף יֶעהְרִיגֶען מַארְקֶעל אִין בֵּית־הַמִדְרָשׁ מִיט אַ זַיידֶען הֶעמְדֶעל,
סַאמֶעטֶענֶע הַייזְלֶעךְ אוּנ מִיט אַ גִילְדֶען הִיטֶעלֶע, הָאבֶּען אִיהם אַרוּמְ־
גֶערִינְגְעלְט אַ מַאסֶע יוּנְגְלֶעךְ ווַייסֶע חֶבְרָה'נִיקֶעס, אוּנ יֶעדֶער הָאט

ווייסען גאר סענדער'ן; מיר געדענקען איהם, אז ער איז אמאל, ניט היינט געדאכט, געווען א געמיינער יוד, א חלפן, א פעלהענדלער, א מוכר־תבואה'ניק, און היינט... היינט איז ער סענדער בלאנק! קוקט אייך גוט צו צו איהם: אפשר איז ער אייך אויך קענטליך, אזוי ווי מיר?

---

## דאס פיערטע קאפיטעל.

### טראקטירט פון מארקוס'ן אליין.

שוין צייט, שוין צייט צו פארענטען זיך אביסעל מיט דעם יונגסטען פון דער פאמיליע בלאנק; שוין צייט, אז אונזערע לעזער זאלען אביסעל נעהנטער זיך בעקאנען מיט אונזער יונגען העלד, מיט אונזער שענעם מארקוס בלאנק, — דאס קלענסטע און דאס בעסטע קינד פון סענדער'ן.

„דאס קלענסטע און דאס בעסטע"; אזא מיינונג איז געווען ווע־גען מארקוס'; דער פאטער אליין איבער צוויי זאכען. ערשטענס האט סענדער ליעב געהאט זיינע קינדער, ווען זיי זענען נאך געווען קליינע, ברעקעלעך, קאראפוזיקעס; און ווי באלד די דאזיגע קאראפוזיקעס האבען אנגעהויבען אונטער צו וואכסען, אזוי האט אונזער פיינער סענדער אנגעהויבען באקומען צו זיי א שׂנאה, וועלכע איז געוואכסען אלע מאל שטארקער און גרעסער; ער האט געקוקט אויף זיי ווי אויף שׂותּפים, ווי אויף פרעטענדענטען אויף זיין גוטס, און אהן קריג, אהן סצענעס, אהן פעטש האט זיך נישט געמאכט קיין שׂמחה, קיין חתונה; דער פאטער האט געארבייט מעשׂים, געטופעט מיט די פיס! די מוטער האט געוויינט, די קינדער האבען געגאסען מיט טרעהרען, — און דער סוף האט זיך אויסגעלאזט אז סענדער האט געמוזט עפּעגען די האנט און מיט טויטע קללות אפצייהלען געלד, וויפיעל מע האט בעדארפט.

ביי א סך גאנץ לייטעשע מענשען פיהרט זיך אזוי; דער מחבר פון דער דאזיגער געשיכטע איז ניט איין מאל געווען איין עדות ביי אזעלכע פיינע סצענעס, ניט איין מאל געווען א פערמיטלער צווישען

און מיט קליינע מַעֲשֶׂה׳לעך גֶעבּוּנדֶען און גֶעפְלָאכְטֶען, אַזוֹי אַז סֶע בְּרֶעכְט דֶעם מוֹחַ!...

און אַזוֹי גֵעהט זִיךְ ר׳ זִיאַמְקֶע אַוֶועק גֶעבּיךְ אָהְן גֶעלְד, אָהְן כֹּחַ, אַיין אוֹיסְגֶעמוּטְשְׁעטֶער אַ נַאמְטֶער פוּן שְׁוֵויס, און פַאר זַיין אַוֶועקְגֵעהן מוּז עֶר נָאךְ אוֹיסְהֶערֶען אַ לַאנְגֶע נָאטַאצִיֶע פוּן ר׳ סֶענְדֶער׳ן, אַז נִיט אַזוֹי הַאנְדֶעלְט מֶען, אַז מֶען זָאל דַארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, און מֶע טָאר זִיךְ נִיט פִירֶען אַזוֹי גְרוֹיס, און מֶע דַארְף זִיךְ הִיטֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע שׁוּתְּפִים, און מֶע דַארְף וִויסֶען וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען און מִיט וֶועמֶען צוּ הַאנְדְלֶען, און מֶע זָאל פְרֶעגֶען בַּיי אִיהם, בַּיי סֶענְדֶער׳ן וָואלְט עֶר קְלָאהר גֶעמַאכְט און גֶעוִויזֶען אַ דֶרֶךְ אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, און בַּיים גֶעזֶעגֶענֶען זִיךְ בֶּעט אִיהם סֶענְדֶער אַמָאל אַרַיין קוּמֶען, מְהֵיכָא תֵּיתָא, אַבִּיסֶעל שְׁמוּעֶסֶען... ר׳ זִיאַמְקֶע לוֹיפְט אָהְן אַיין אָטְהֶעם און הָאט מוֹרָא זִיךְ אַרוּמְקוּקֶען! עֶס גֵעהט אִיבֶּער אַ קְלֵיינֶע צַייט; מֶע דַארְף אָבֶּער פָארְט דִי קְלִינְגֶערְס; וָואס טְהוּט מֶען? עֶר גֵעהט נָאךְ אַמָאל צוּ ר׳ סֶענְדֶער׳ן טָאמֶער, אַ קֻשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה?... וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע גֶעשִׁיכְטֶע; וַוייטֶער אַמָאל דָאס אֵייגֶענֶע; און אַזוֹי אִיז מִיט רֶב זִיאַמְקֶע, מִיט ר׳ חַיִימְ׳ן, מִיט ר׳ אִיצִיקְ׳לִין, און אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע זַיינֶע אַלְטֶע בֶּעקַאנְטֶע. אָט אַזַא מִין נֶפֶשׁ אִיז עֶר.

אוּנְזֶער סֶענְדֶער — אִיז נִיט בֶּעסֶער און נִיט עֶרְגֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶע גְבִירִים, פְּשׁוּטֶ׳ע מֶענְשְׁלִיךְ, וָואס קֶענֶען קֵיין אַנְדֶערֶע פַארְגֶענִיגֶען נִישְׁט הָאבֶּען פוּן קֵיין זַאךְ אַ חוּץ גֶעלְד און כָּבוֹד.

אֵייגֶענְטְלִיךְ וָואלְט אִיךְ דָא בֶּעדַארְפְט אַבִּיסֶעל בֶּעשְׁרַייבֶּען דִי בִּיאָגְרַאפִיֶע זַיינֶע, וֶוער אִיז עֶר? פוּן וַואנֶען שְׁטַאמְט עֶר אַרוֹיס? וֶוער זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן. מִיטְ׳ן גְרֶעסְטֶען און מִיטְ׳ן שֶׁענְסְטֶען כָּבוֹד וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעטְהוּן, וֶוען אִיךְ זָאל דָאס וִויסֶען. אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ, אַז דָאטַאנִיקֶעטֶען זָאלֶען קֶענֶען אַ גַאנְצֶע וֶועלְט? און וָואס אִיז אוּנְז דֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד — לָאמִיר שְׁמוּעֶסֶען עֶפֶּענְטְלִיךְ — וָואס גֵעהט אוּנְז אָן, וֶוער אִיז גֶעוֶוען סֶענְדֶער׳ס זֵיידֶע, צִי סֶענְדֶערְס בָּאבֶּע? צִי אִיז זַיין פָאטֶער גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אַ שׁוּסְטֶער, אַ בָּאנְדַאר צִי אַ מֶעקְלֶער? מִיר

שטעלט אייך פאר, אז פאר צוויי יאהרען ווינטער, ארום חנוכה צו ארום פורים — איך געדענק ניט אקוראט — קומט צו מיר אריין א יוד. גוט מארגען! — גוט יאהר! זעהר פיין! און מישט מיר אויף א מעשה...

רב זיאמקע בייסט זיך די נעגעל, קראצט זיך אונטער דער יארמאלקע, ער הוסט, ער קלאפט מיט די פיס, ער פארשפיליעט זיך די קאפאטע, ער ריקט אן דאס היטעל שטארק, שטארק, און סענדער דערצעהלט גאר א נייע מעשה גאנץ אנגענעהם, בהדרגה, מיט זעהר שענע וויצען פארפראוועט, אהן איין אויסלאז, אהן איין עק! רב זיאמקע שפרינגט שוין אונטער און פאלט אריין אין די רייד, שוין גאר אהן דרך ארץ:

—פארשטעהט איהר, רב סענדער? האב איך ביי אייך געוואלט בעטען א גמילת חסד אויף א קליינער צייט.

— א גמילת חסד?! פרעגט סענדער שטארק, שטארק פערוואונדערט, גלייך ווי מע האט איהם דערצעהלט, אז דער און דער האט גענומען דאס גרויסע געווינס, אדער ס'איז געווען נאר וואס אין דרויסען איין הריגה, א שרפה, א מגפה...

— יא, א גמילת חסד — ענטפערט זיך רב זיאמקע גישט הויך, גישט שטיל, גאר אזוי מיטעלמעסיג, ניט צופארשטעהן, וואס וואונדערט זיך דאס עפים אזוי רב סענדער? — יא, א גמילת חסד, ביז וועסנע; גישט קיין סך: א רובל צעהנטויזענד.

— איצט האב איך גישט, באמונות, איך האב ניט איצט ביי זיך, קיין שלעבין; איך זאל אזוי ריין זיין פון שלעק מיט אייך אין איינעם. פאר וואס האט איהר מיר געבעטען ניט געזאגט? געבעטען האב איך גראד יא געהאט, איז געקומען צו מיר א מענש פון גבריאל פעלקענשטיין און לעגט מיר פאר איין עסק, אזוי ווי אין מיטיקיוקע סטראיעט זיך היינט א נייע פאבריק, און גבריאל פעלקענשטיין האט געמאכט א קאנטראקט מיט די שותפים נאך פאר א יאהרען, אז דער וואלד דער מיטיקיוער א. ז. וו. — אהן איין אויסלאז, מיט מעשיות

דאך געהערט מסתמא, אז איך האב אװעק־געקױפט בײ דעם פריץ שישינסקין אין גאנצען די װײץ און מהמת...

— איך װײס. איך האב געהערט — שלאגט איהם סענדער איבער אינמיטען — איך האב געהערט פון אײער גילדענעם געשעפט · איך בין אײך װעניג װאס מקנא, ר' זיאמקע, אבער גאר װעניג! װײסט איהר־זשע פאר װאס? איך װעל אײך דערצעהלען! אט דער שישינסקי האט בײ מיר פאר פיער יאהרען געװאלט לײהען פינפציג טױזענד קערבלעך און דװקא אויף גוטע קאנדיציעס. איך האב אבער דעמאלט געהאט אײן עסק מיט'ן קאשקיװקער פריץ, די מעשה איז אזױ געװען...

און סענדער האט אװעק געצױגען א שפאגעל נײע מעשה אויף נײע זעקס שעה, ר' זיאמקע איז שױן פיטש נאס: עס רינט פון איהם ריקעס שװײס; ער װישט זיך געביך מיט דער פאלע און זיפצט װי אײן אומגליקליכער פלעגער אין געפענגעניס; ר' זיאמקע שלאגט איהם איבער די רײד:

— האט מיר קײן פעראיבעל ניט, ר' סענדער, װאס איך שלאג אײך איבער די רײד... איהר װײסט, װאס איך בין געקומען צו אײך?

— נײן; פון װאנען זאל איך װיסען?

סענדער בלאנק האט גאנץ גוט געװאוסט, װאס רב זיאמקעס װיזיט בעדײט, נאר ער מאכט א נאיװנע פנים און קוקט איהם אין די אויגען אריין.

רב זיאמקע איז אויפגערעגט געװארען און זאגט זיך גאנץ פרײהליך:

— פארשטעהט איהר מיך, רב סענדער, די מעשה דערפון איז אזוי: איך האב די װײץ אװעקגעקױפט מיט א שותף, מיט אברהם זאלצװאסער...

— מיט אברהם זאלצװאסער? גאט זאל אײך אבהיטען, ר' זיאמקע! דאס איז דאך א שװינדלער, א דרעהער א רוצח, א קױלער,

און נישט פאר קינעם, נאר פארן ווייב האט ער ליעב זיך פארגינען אמאל מיט א געלעכטער.

— וואס זאגסט דו עפיס. מרים חיה, אויף ר' זיאמקע, דעם מיוחס — חא־חא־חא? געדענקסט איהם חאטש, א רוח אין זיין ט...?

קיין פעטער אנבייסען, קיין גוט גלאז וויין האט ניט געקאנט איהם צושטעלען אזא פערגעניגען, ווי ר' זיאמקע וכדומה אזעלכע לייט, ווען זיי האבען בעדארפט אנקומען צו איהם. אויפ'ן שענסטען אופן און מיט'ן גרעסטען כבוד האט אונזער סענדער צוגענומען דעם געעהרטעסטען גאסט ביי זיך אין קאבינעט, געבעטען זיצען, געגעבען א פאפירָאס, אנגעצונדען און אונטערגעטראגען דעם גאסט א שוועבעלע, געפרעגט „וואס האט איהר עפיס אזא שלעכט פנים? און געגעבען איין אויסרייד, „פאר וואס זעהט מען אייך עפ״ס ניט?״ ווי אויף נאדלען איז דער גאסט געזעסען; ער האט שוין לאנג אויסגערויכערט דעם געשענקטען פאפירָאס; ער האט שוין לאנג זיך אויסגעהוסט דריי מאל און אכצעהן מאל זיך אונטערגעהויבען אופ'ן בענקיל, אבגעווישט דעם שוויים, גוט אויסגעשנייצט די נאז ארויסגענומען און געמאכט זיך איין אייגענעם פאפירָאס, איינעם, דעם אנדערען, דעם דריטען, עטליכע מאל געפרווט אנהויבען צו רעדען, וואס ער בעדארף און איבערגעהאקט געווארען אופ'ן ערשטען ווארט — און סענדער האט אלץ דערצעהלט פון זיינע געשעפטען, פון זיינע פערפאלענע חובות, פון זיינע משפטים, וכדומה, מיט גרויס התלהבות, גלייך ווי דער גאסט בעט איהם, וויינט און חלישט פאר איהם ער זאל איהם „אין גאנצען״ דערצעהלען און חס ושלום ניט דורכלאזען קיין ברעקעלע... נאר יעדע זאך דארף זיך אבער האבען איין עק און א מענש האט זיך א גאל! דער גאסט, ר' זיאמקע, אדער ר' חיימקע, חאפט די מינוט און הויבט אן גלייך, ניך אין איין אטהעם:

— איך האב אייך געוואלט בעטען, ר' סענדער, איהר האט

קרובים האט איהם געשענקט פון זיך א לי — איז געווארען „סענדער'ל") אונ צום סוף (א צייט מיט יאהרען האט מען נישט געוואוסט זיין פאמיליע) סענדער בלאנק!... ר' חיימקע, ר' זיאמקע, ר' מאיר'ל, האבען ביסלעכווייס אויפגעהערט צו פארדרייסען פאר סענדער'ן די נאז אונ האבען אנגעהויבען ארומדרעהען זיך ארום דעם אויפגעקומענעם נגיד, פריהער געבענדיג איהם צו וויסען, אז ער איז פון די „אויפגעקומענע", מיט אזעלכע אויסריידליך למשל: „א! שלום עליכם, א בעקאנטער יוד! דאכט זיך סענדער? וואס זשע מאכט איהר עפיס גוטס? עפיס זאגט מען אויף אייך, אז סע געהט אייך אהן עין הרע זעהר גוט?..." אונ נאכדעם שוין: ר' סענדער סערדצע! מיר שטעהען דאכט זיך אויף איין סטאנציע? קומט אריין אויף דער נאכט צו אונז אביסל!..." „א, ר' סענדער! איהר דערווייטערט שוין זיך פון אונז?" „איך האב צו אייך א קליינע בקשה, ר' סענדער: עטליכע טויזענד קערבלעך אויף צוויי חדשים..." „אך! ווען זעה איך? ווען איך ווייס, אז איהר זענט היע!..." אונ נאכדעם: „מיר ווילען, די גאנצע שטאדט וויל, זי הלישט, אויסקלויבען אייך פאר א גבאי, פאר גלאסנע, דעפוטאט, פאר דירעקטאר אין באנק", „הער בלאנק! מיר האבען די עהרע, מיר בעטען איהר זאלט אונז ניט אבזאגען, זייט אזוי גוט אונ געהט אריין אין אונזער לאגע, איהר זענט זיך ביי אונז ווי זאגט מען עפיס, איהר פארשטעהט צי ניין?..."

אונזער סענדער איז ניט געווען, פון די דאזיגע, וואס פאר־חלינען זיך מיט זייער מזל אונ בלאזען, ווי מע זאגט, פון זיך; ניין! ער קאן אויסהערען די דאזיגע אלע קאמפלימענטען גאנץ גלייכגילטיג מיט עניוות, גלייך ווי ער וואלט גאר אזא כבוד ניט פערדיענט, אונ ענטפערען, אז ער איז נישט מסוגל, נישט מיט אלעמען, נישט אויפגעלייגט, סע איז דא גרעסערע פון איהם; אבער דארט, טיעף — טיעף אין הארצען האט ער געמעגט שטארק אנקוועלען פון ביידע זייטען: אי וואס ער האט דערלעבט אזא כבוד, אי וואס אט די אלע בלבים האבען אראבגעלאזט די ווידלען אונ פארשטעהען דרך־ארץ;

ערץ פאר'ן מאן, נישט מחמת „אהבה" נאר מחמת „יראה", דאס הייסט נישט אזוי פאר ליעבשאפט ווי פאר אפשיי. סענדער איז געווען א יוד, וואס ביי זיך אין שטוב האבען אלע פאר איהם געהאט דרך־ארץ, פונ'ם ווייב ביז'ן געפאלעוועטען מיזיניק מארקוס. אויפ'ן לשון פון די „העכסטאינטערעסאנטע ראמאניסטען" קען מען זאגען, אז סענדער איז געווען א דעספאט, א טיראן... איך וואלט נאך צוגעזעצט דאס ווארט „מערדער", איז ער אבער געווען ווייט פון א מערדער, ער איז געווען א יוד גלייך מיט אלע יודען, וואס ביי זיך אין שטוב האט ער געהאט די דעה און ווייטער קיינער ניט, און אז מיר האלטען שוין דערביי געבען מיר דא איבער אביסעל זיין ביאגראפיע אין קורצען: סענדער איז געווען אמאל א קליין מענשעלי, נאר א קליין מענשעלי. דאס איז געווען שוין לאנג, אבער גאנץ לאנג, נאך איידער ער האט געהאט די קלינגערס, אז ער האט נאך געהייסען סענדער חלפן (למאי זאלען מיר לייקענען? ער איז געווען א חלפן) האט ער זיך דעמאלט אנגעליטען פון די שענע יודען, זיידענע יונגע־לייט, גבירישע קינדער. אוי האט ער זיך פון זיי אנגעליטען! אוי פלעגט ער שטעהן פאר זיי כעבדא קמיה מאריה, האבען דאס נייגעהריגע קרחת! אוי פלעגט ער זיי מקנא זיין און אוי פלעגט איהם אויף זיי ברענגען!... און נאכדעם, אז ער איז פון א חלפן ארויף אויף דער מדרגה פון א בעל־הלואה, און פון א בעל־הלואה אויף א פעלהענדלער, פון א פעלהענדלער א גראבאר־שטיק, פון א גראבארשטיק א צעלניקער, פון א צעלניקער א קאמיסיאנער, פון א קאמיסיאנער אליין א סוחר, א צוקערהענדלער, א גרויסער סוחר, א רייכער סוחר, ביז א באנקיר, — איז ער אלס געוואקסען העכער און העכער אין די אויגען פון זיינע בעקאנטע און האט אנגעהויבען אראפווארפען איינציגווייס די פריהריגע נעמען, ווי א פויגעל וואס ווארפט פון זיך איינציגווייס די אלטע פעדערען, און האט אנגעהויבען צו בעקומען נייע נעמען: סענדער גראבארניק, סענדער צעלניקער, סענדער הארטאוויניק. (איינער פון זיינע ארעמע

— אַז וָואס ? חס וְשָׁלום ! דו ווילְסט גָאר, אִיךְ זָאל גֶעמֶען אויף מַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָאהרֶען אונ אַוֶועקְגֶעבֶּען אַזַא קַאפִּיטַאל מִיט גֶעלְד דֶער רוּחַ וַוייסְט וֶועמֶען, עֶפִּים פַּייפֶערְס, גַנָבִים, שְׁלֶעפֶּערְס !

שְׁלֶעפֶּערְס ?

— פֶּערְשְׁטֶעהסט זִיךְ שְׁלֶעפֶּערְס ! זָאלְסְט דו מַאקֶע וויסֶען, אַז סֶע אִיז שְׁלֶעפֶּערְס, קַבְּצָנִים, כְּלָבִים, שַׁארְלַאטַאנֶעס, פְלִיהֶערְס, אָנְזֶעצֶער, גִימְפֶּא אֵייגֶער אַרֶעכְטֶער, אַלֶע אויף פְּרֶעמְד גֶעלְד, אַבִּי קַארֶעטֶעס, פֶּערְדְלֶעךְ ! סֶע אִיז גָאלֶע הולְטַאיֶעס, בְּלוּטְזֵייגֶערְס, קולֶעסְפַּאט... קולֶעסְפַּאטַארְנִיקֶעס... וִוי אַזוֹי הַייסְט דָאס, דָארְטֶען בַּיי דִיר, מַארְקוּס אִין דִי הַיינְטִיגֶע בִּיכְלֶעךְ ?

עֶקְסְפְּלָאטַאטֶערֶעס, — פַארְרֶעכְט אִיהם מַארְקוּס.

— עֶקְסְפְלָאפַּאטָאשְׁנִיקֶעס, מֶערְזַאוְוצֶעס, סְוָואלָאטְשֶׁעס ! — אונ גֶענוּג ! אונ מֶע וִויל, אִיךְ זָאל מִיךְ מִיט זֵיי מְשַׁדֵךְ זַיין, אָ, ווי לַיינְג קְרֶענְקֶען זֵיי, נִיט דֶערְלֶעבֶּען זָאלֶען זֵיי דָאס !

— עֶס, סֶענְדֶער, דֶערְוַוייל עֶסְט דו נִיט.

— אִיךְ עֶס, אִיךְ עֶס ; וָואס דֶען טְהוּ אִיךְ ? זֶעהסְט דו, אָט דֶער דָאזִיגֶער גֵרְשׁוֹן, מִירְמֶעלְשְׁטֵיין אָט דָאס הַייסְט אַ לַייטִישֶׁער מֶענְשׁ, אַ מֶענְשׁ, אַ פַיינֶער מֶענְשׁ, אַ גֶעשְׁטֶעלְטֶער מֶענְשׁ, אַ בֶּערִיהמְטֶער מֶענְשׁ, אַ מֶענְשׁ, וָואס סֶע הַייסְט מֶענְשׁ, וָואס מֶע קָאן אויף אִיהם זָאגֶען מֶענְשׁ, מִיט אֵייגֶעם וָוארְט אַ מֶענְשׁ !... ווי מֵיינְסְט דו, מִרְיָם חַיָה, אַ שְׁטֵייגֶער, אַז אִיךְ זָאל וֶועלֶען מִיט אִיהם אַ שִׁידוּךְ טְהוּן, וָואס וָואלְט עֶר גֶעזָאגְט, הַא ?

— אִיךְ וַויים ? וָואס קָאן עֶר זָאגֶען, סֶענְדֶער ? אִיךְ וַויים וָואס ?

— אַדְרַבָּה, ווי מֵיינְסְט דו, מִרְיָם חַיָה ? אִיךְ וִויל הֶערֶען דַיין מֵיינוּנְג.

— מַיין מֵיינוּנְג ? אִיךְ מֵיין, אַז... אִיךְ מֵיין גָאר נִיט.

פַארְהַאן בַּיי אוּנְז אַ סַךְ אַזֶעלְכֶע וַוייבֶּער. וָואס מֵיינֶען „גָאר נִיט", וָואס מֵיינֶען גָאר דָאס וָואס דֶער מַאן ווִיל אונ וָואס דֶער מַאן הַייסְט. מִרְיָם חַיָה אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי וַוייבֶּער, וָואס הָאבֶּען דֶרֶךְ־

— לאז זיין א מיטעלשטיק מיט איין עקשטיק מיט א קאפ — זאגט סענדער — איך רעד פון דעם שייגעץ רעד איך.

— וואסער שייגעץ, סענדער? נעם אט דאס איז א גוט שטיקל, סענדער

— טויזענד מאל דארף מען דיר זאגען, צו וואס? איך רעד פון גדליה דעם שדכן, רעד איך. ער שרייבט שוין ווידער צמאל ווע- גען דעם דאזיגען גראביאן!

— וועגען וואסער גראביאן?

— איך האב דיר שוין דאכט מיר צעהן מאל געזאגט, אז גדליה דער שדכן דולט מיר א ספאדעק, איך זאל א שידוך טהון מיט מאיר קוואשע, אט דעם בעל-עגלה יונג, וואס פערמאגט ניט מיין מיסט, דו פערשטעהסט? א חוצפה פון א שייגעץ!

— וואס הייסט, סענדער? מע זאגט דאך אבער, אז ער איז איין עושר, א גביר! נעם, סענדער, דו האסט דאך ליעב א געפיהלטע קאפ?

— איין עושר? א גביר זאגסט דו? א קבצן, איין עני ואביון! זעהסט דו דער שתוף זיינער, מאטיל פרידמאן, האט אביסיל געלד, גאר וואסער א געלד? געראבעוועט, גע'גזל'ט, אויסגעריסען מיט גוואלד, אזוי ווי ראובן בייטשעלע, אדער שמחה פייג איז אויך א גלייכער שידוך? הא? ווי מיינסטו דו א שטייגער? א יא א פיינע זאך? סענדער בלאנק מיט שמחה פייג צוויי גלייכע מחותנים, א יא?

— איך ווייס? מיר דאכט, אז ר' שמחה איז א... פיינער מענש...

— א פיינער מענש זאגסטו דו? נו, און ר' יואליק שלעפער און ר' צייזיק פאמפעשייקע? און זלמן קרום-פנים? אויך פיינע מענ- שען? הא? זאל איך זיך מיט זיי אויך משדך זיין? ווי מיינסטו דו?

איך זאג דען, סענדער, אז?..

אמת, סע איז געווען נאך צוויי, דריי מארקוס'ן, נאר ניט אזעלכע מארקוס'ן, ווי אונזער מארקוס, מיט אזעלכע גרויסע בלויע אויגען, מיט אזא ברייטען ווייסען שטערען, ניט אזעלכע שיינע, בלאנדע געקרייזעלטע האר, מיט אזעלכע שיינע ווייסע הענט מיט אזא הויכען גרויס-ארטיגען שטאלט, מיט אזא שיין, ליכטיג, ריין פנים, מיט אזעלכע איידעלע מאניערען, מיט אזא איינגענומענעם רעדען — לאכט, לאכט, איהר געבילדעטע מאמזעלען, „קורסיסטקעס"! אויב אייערע איידעלע הערצער זענען נאך ניט פערדארבען געווארען פון פערשיעדענע פרייע, מאדנע געדאנקען, וועלען זיי זיך נאך קענען קלאפען בעגעגענדיג אזא מאנספערזאן, אזא שענעם קאוואליער ווי אונזער יונגער העלד מארקוס בלאנק, מיט וועלכען מיר טרעטען ארויס מיט גרויס גדלות אויף די בלעטלעך פון אונזער אמת'ער ערצעהלונג. איך ווייס, איהר וועט מיר ענטפערן: וואס קומט אונז ארויס פון א שיין פנים מיט א גרויסען שטאלט? דער עיקר איז, צו האט ער עפיס אין קאפ, אין הארצען? וואס אמת איז אמת; מיין העלד האט די נאטור ניט גע-שיינקט קיין בעזונדערע פעהיגקייטען, אדער טאלאנטען; ווער פער-מאגט אבער אזא גוט, ווייך, ווארעם הארץ, ווי מארקוס האט? ווער פערמאגט אזא גליקליכע לאגע צו זיין א זוהן, א בן זקנים ביי סענדער בלאנק, וואס קאן איהם געבען גדן, וויפיעל מיינט איהר? צוואנציג טויזענד, דרייסיג טויזענד און פאר וואס ניט קיין פופציג טויזענד רובל? סענדער וועט איהם געוויס געבען פופציג טויזענד רובל, אויב ער וועט גרויבען דעם שידוך וואס ער וויל. און דעם שידוך, וואס ער וויל, פאר וואס זאל ער איהם ניט ערגרייכען? מיט וואס איז סענדער בלאנק ערגער פון גרשון טירמעלשטיין.

— וואס זאגסט דו, מרים-חיה, אויף דעם דאזיגען פארך? — זאגט סענדער צום ווייב און קוקט אריין אין די פיש אריין.

— אויף וואסער פארך, סענדער? וואס פאר א פיש ווילסט דו? א מיטעלשטיק? א עקשטיק? צו א קאפ?

סענדער ליעב געהאט מעהר פונ'ם גאנצען זיין גרויס הויז, מחמת די איבעריגע חדרים זענען געווען אויפגעפוצט אויף היינטיגען מאניער, און זייער גרינג, רויכיג מעבעל האט נישט געקאנט אויסהאלטען אויף זיך דעם שווערען קערפער פונ'ם געשעצטען ה' בלאנק. דריי פריבארען זענען אויפ'ן טיש געלעגען: פאר סענדער'ן מיט זיין ווייב, און פאר מארקוס'ן.

אונזערע לעזער זענען נאך ניט באקאנט מיט די איבעריגע צוויי פארשוינען. ביז וואנען סענדער וועט זיך אפ פארטיגען מיט די גע־זאלצענע זאכען וואס שטעהען דא אויפ'ן טיש, וועלען מיר איין קוק באטראכטען סענדערס ווייב מיט איהר זוהן מארקוס'ן.

מרים־חיה, די מאדאם בלאנק איז נאך גאר א יונגע פרוי, פון א יאהר 36 נישט מעהר; זעהר א שעהנע, א קלאר ווייסע, ווי געפאלע־נער שנעה; מיט זעהר שעהנע בלויע אויגען און שווארצע ברעמען, מיט זעהר איין איינגענעמען סימפאטיש געזיכט; דאס גוטקייט איהרס ליגט איהר, ווי מע זאגט, אויפ'ן פנים. מרים־חיה איז א פשוטע, עהר־ליבע, און א פרומע יודישע פרוי: זי טראגט נישט קיין אייגענע האר; פרעמדע טונקעל רוסאווע צעפ באשיינען איהר קאפ; און געקליידעט איז זי ניט נאך דעם לעצטען זשורנאל, גאר ריין, ציכטיג, "משעפקע", איינגענומען; איהר וואוקס איז ניט זעהר קליין, דאך ווייזט זי אויס ווי א קינד, ווי א ליאלקע זקעגען איהר מאן, וואס זי שעצט איהם העכער און גרעסער פון אלעם אויף דער וועלט, און סענדערס ווארט איז ביי איהר להבדיל א דין. זי איז ביי איהם די צווייטע פרוי און האט מיט איהם איין און איינציגען זוהן מארקוס, וואס די נאטור האט איהם געשענקט מרים-חיה'ס שענקייט מיט סענדער'ס גבורה און אין איינעם איז פון איהם ארויס אקוראט אזא זעלטענער העלד, ווי מיר דארפען אין אונזער ראמאן. ארויסלאזען איהם אויף דער גאס, ווען עס שפאצירען אונזערע מאמזעלען מיט די דאמען, איז געווען מיין איך א געפעהרליכע זאך, ווארום אין דער שטאדט, וואו עס קומט פאר אונזער אמת'ע געשיכטע, איז דער צווייטער מארקוס ניט געווען;

— אוגערקעס.

— געדענק זשע, וואס איך האב דיר אנגעזאגט מכח די פיש.

— מכח די פיש — זאגט פרויקע.

— איצט גיה!

פרויקע איז ארויסגעגאנגען און סענדער האט גיך, גיך געענ־דיגט מיט'ן אנבייסען, האט זיך ארומגעטרייסעלט, אפגעווישט מיט דעם מישטיכיל די ליפען, די הענט, אויפגעשטאנען, אויסגעגלעט דעם בויך, פערריכערט א גראבען ציגאר און האט זיך אראפגעלאזט אין דער בעקאנטער קרעסלע אריין. די ציגאר האט ארויסגעלאזט און צוטראגען איבער'ן גאנצען קאבינעט זעהר א שיינעם אראמאט און סענדערס געדאנקען זענען אוועק ווייט ווייט אין קיך אריין און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט א ריח פון געקאכטע פיש; סענדער האט צושפרייט די נעזליכער און האט מיט'ן גאנצען כח גענומען אריינשלעפען צו זיך אין נאז אריין דעם שיינעם, געשמאקען אראמאט פון די אויסגעצייכענטע געפילטע פיש, און אזוי האט ער געחאפט א דרימיל זיצענדיג אין קרעסלע אויף א האלבע שעה. אויפגעשטאנען האט ער זיך גענומען אביסיל צו די געשעפטען, אפגערעדט מיט א צוויי דריי מעקלערס, איבערגעזעהען די בריעף פון דער פאסט, אפגע־ענטפערט וועמען מע דארף און האט א קלונג געטהון צו פרויקען און האט געהייסען גרייטען צום טיש.

אז אונזער סענדער האט אריין געטראטען מיט א פארחלש'ט דארץ אין עס־צימער אריין, איז שוין דער לאנגער דעמבענער טיש געווען אין גאנצען גרייט מיט די טעלער, מעסערס, לעפעל פלעשער און קליינע פלעשעלעך, גלעזער און קליינע גלעזעלעך, מיט אלער־ליי געזאלצענס, הערינג געשניטענער, הערינג געהאקטער, שמאלץ הערינג, גערויכערטער הערינג, געמאראנירטער הערינג, קליינע הערינ־גלאך, סערדעלען, איקרע און ווארשעווער קאלבאסען. דאס עס־צימער אליין האט מיט'ן שטארקייט פונ'ם מאסיווע מעבעל געחאפט דעם אמבליק פון ר' סענדערס קאבינעט; נאר די דאזיגע צוויי חדרים האט

— און בּעֶ׳טעַס׳ט, מאָסטקע, ווי מיט קליי, רויטלעך, געדעכט, מיט פעפער, היים, אויסגעזאָדען. דו הערסט צי ניין?

— איך הער, איך הער.

— קיין זראָזע דאַרף מען היינט ניט — האָט סענדער ווייטער אַרויסגעגעבען אַ אינסטרוקציע.

— דאַרף מען היינט ניט — זאָגט פרויקע.

— אויפ׳ן אָרט פונ׳ם זראַז איין עסיג פליייש.

— עסיג פליייש — זאָגט פרויקע.

— געננזען פליייש אין סופ.

— געננזען פליייש אין סופ — זאָגט פרויקע.

— די דרויבעלעך פון די גענז אויך אין סופ אַריין.

— אויך אין סופ אַריין.

— בעשיטען מיט גרייפּלעך.

— מיט גרייפּלעך.

— אַ ציםעס פון פאַסטערנאַק.

— פון פאַסטערנאַק.

— סע איז נאָך דאָ ביי אונז פונ׳ם ווייסען וויין? האָט פּלוצים סענדער אַ פרעג געטהון און אַנידערגעשטעלט אויף פרויקען אַזעלכע אויגען, גלייך ווי איינער רעדט: „זאָג שוין, זאָג, ממזר, נאַ, שטעך מיך, קוילע מיך!...” פרויקע איז גאָר צומישט געוואָרען; ער האָט זיך אַ חאַפּ געטהון מיט ביידע הענט ביים שטערען, ביי די קנעפּלעך פונ׳ם פּידזשאַק, ביי די עלענבויגענס, ביי די קעשענעס און האָט אַ וואָרף געטהון מיט די אויגען אויף דער סטעליע, גלייך ווי דאָרט איז געווען אָנגעצייכענט, וויפיעל בוטעלקעס וויין עס געפינט זיך נאָך ביי סענדערין אין קעלער, און קוים מיט צרות געענטפערט:

— הא? וואָס? ווייסער וויין? ניין! יאָ! סע איז נאָך דאָ.

— פערגעס ניט שיקען נאָך ביער.

— נאָך ביער — זאָגט פרויקע.

— מע מעג שוין עפענען אַ נייע פאַס אוגערקעס.

וועלען זיך אריינלאזען אין לאנגע שמועסען, וואלטען מיר געקאנט אפציילען נאך צוואנציג אזעלכע צופאלען וואו דער טוידט קומט פלוצים, נישט געדעכט; נאר ניט דא איז דאס ארט צו פערנעמען זיך מיט אזעלכע „ספורי מעשיות”, אונ אז א ראמאניסט זאל וועלען אין איין בוך ארויסשרייבען אלעס, וואס ער ווייסט, וואלט זיין ראמאן קיינמאל קיין עק ניט געהאט, ביז'ן טוידט אריין...

מיט אונזער געהרטעסטען סענדער בלאנק איז אויך געווען איין אומגערעכטע זאך. דאס איז געווען אין א שיינעם פריהמארגען, נישט אין קיין חמארנעם טאג, איז זיך סענדער אויפגעשטאנען, ווי א מענש דארף אויפשטעהן, אונ טרינקענדיג טהיי האט ער, פונקט ווי אלע טאג, א ציה געטהון ביים גלעקיל אונ עס איז אריינגעקומען אונזער בעקאנטער פרויקע, אויסגעצויגען פאר דעם בעל-הבית, ווי א סטרונקע.

— מע האט שוין געבראכט די פיש? האט סענדער א פרעג געגעבען אונ האט אפגעזופט א האלבע גלאז טהיי.

— געבראכט! האט פרויקע געענטפערט, ווי א חוואט.

— העכט?

— העכט.

— גרויסע העכט?

— גרויסע העכט.

— פרישע?

— פרישע.

— זאג זעלדען, די פיש זאלען זיין מיט מעהרען געקאכט — האט סענדער ארויסגעגעבען א בעפעהל אונ האט א זופ געטהון די אנדערע האלב גלאז טהיי.

— מיט מעהרען געקאכט — זאגט איהם פרויקע נאך ווי נאך א סדור.

— עטליכע קארטאפלעס אין די פיש איז אויך נישט קשה — האט סענדער בעפעהלען ווייטער.

— אויך נישט-קשה — זאגט פרויקע.

אין די וואָרפענדע חוואַליעס; איין איבעריג שטיקעל געפילטע פיש, פון א 3, 4 פונט מאכט אן א גאנצע סומאטאכע, א רעוואלוציע אין בויך — און מיר זענען אלע ביי גאט אין די הענט!... ווער וואלט זיך דאס געקאנט ריכטען, אז איבער א האדן מיט א הוהן זאל חרוב ווערען אזא גרויסע שטאדט ווי ביתר? ווער וואלט זיך דאס געקאנט ריכטען, אז איבער אזא גאר נישט מיט א נישט, ווי א שטיקעל העכט, זאל עס נעמען אומוואלגערען אזא מויער, ווי סענדער בלאנק, וואס האט זיך נאך אויף זיין לעבען-לעבען קיין מאל נישט געקלאגט, אז סע זאל איהם עפּיס וועה טהון? און פון דעסטוועגען זעהט איהר דאך אז אויף דערוועלט קאן זיך אלעס מאכען.

---

## דאס דריטע קאפּיטעל

**איז אביסעל צו גרוים, דען עס ווערט דא בעשריבען א סך פארשוינען און געשמועסט פון פערשידענע זאכען.**

אלסדינג קאן זיך מאכען אויף דער גרויסע וועלט, און יעדער צופאל קומט אן אזוי אומגעריכט, פלוצים, אז אונזער מענשליכער פערשטאנד שטעלט זיך אנידער און ווערט פארגליווערט, אז ער בעגעגענט אזעלכע וואונדערליכע זאכען אין דער נאטור.

דער פערפאסער פון'ם דאזיגען בוך איז אליין געוועזן איין עדות ביי א סך אזעלכע אומגעריכטע צופאלען. ווי היינט שטעהט אונז פאר די אויגען אונזער ר' "יוסיל דוד פּאני" מיט דער גרויסער בארד, מיט דער צופלעצטער נאז, מיט'ן גראבען בויך, מיט דער ברייטער ליסענע אויפ'ן קאפּ; אט איז ער געקומען פון'ם דאווענען; אט האט ער געמאכט „שהכל" אויף א גלעזעל ספּירט און האט פאר-ביסען מיט עטליכע הייסע קארטאפעליס; אט האט ער זיך צוגעלייגט א מינוטקעלע אויפ'ן טאפּטשאן, און אט האט ער ניט געשטייעט!... און אלי? אלי דער טלית'ניק ווי אזוי איז געשטארבען? אין פאר פרייטאג, אויף דער אויבערשטער באנק! נאר ווען מיר זאלען נאר

האט אריינגעשטעקט ביידע הענט אין די הויזענקעשענע־ שטשרסען די נאז מיט די אשקאלירענע ברילען און האט אביסעל די אינטערגעשפרונגען, ווי אונטערגעטאנצט, סקריפענדיג שטארק מיט די שטיוועל, און אויף זיין פרעהליך פנים איז געוועזן קלאהר אז עס איז איהם היינטיגען טאג בכלל זעהר אויפגעלייגט אויפ'ן הארצען...

דאס אייזערנע בעטעל, וואס דער אומגליקליכע קראנקער ליגט אויף דעם אצונד און האמפערט זיך מיט'ן מלאך המות, איז אייגענט־ ליך ניט קיין שלאף־בעטעל, נאר אזא מין קושעטקע, א גאנץ גרויסע וואו סענדער האט ליעב געהאט צו לעגען זיך אפ רוהען נאך יעדען מאהל־ צייט מיט א גאנץ גרויסער גראבער ציגאר אין די צעהן; ווי עס ווייזט אויס, האט סענדער ליעב פון תמיד אן שטארק און מאסיווע מעבעל; דאס קאן מען בעמערקען נאך דעם גאנץ גרויסען דעמבענעם שרייב־ טיש, און נאך דער הויכער דעמבענער קרעסלע (פאטעל), וואס האט גיכער א פנים פון א גארדעראבנע שאפע, איידער פון א קרעסלע, חאטש אין מיטען איז אויסגעהאקט איין ארט אויף ר׳ סענדערס געזים בעצויגען מיט א גאנצער יוכטענער פעל. מערקווירדיגער, שטארקער און מאסיווער פון אלם איז דאס שרייב געציג, מיט די אלע שטאב־ טעליאקעס, וואס געפינען זיך ביי יעדען לייטעשען מענשען פון היינ־ טיגער וועלט אויפ'ן שרייב־טיש. אלעס איז אפ געארבעט און אפ געטעסעט אזוי ערנסט, אזוי ארענטליך, אזוי געטריי, — ניט אנדערש, ווי „פא־זאקאזו" געמאכט געווארען, און אז מע קויפט ביי די היינטיגע מאנדעטניקעס איז דאס נאר קיי און שפיי, מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך: אבי נאר געלט אויס צו נארען און גענוג! ניין, סענדער איז ניט פון די דאזיגע שפרינגערס, וואס היינט לעבען זיי און מארגען פו־פא! סענדער האט ליעב שטארקס, פעסטינגס, מאסיווענס — און איז אליין אויך שטארק, פעסטיג און מאסיווע, פארפראוועט פון געזונדע מאכלים מיט די בעסטע ווייגען, און פארזארגט אויף היבשע, היבשע עטליכע יאהר; נאר — אך! ניטא קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט, איין איין איבעריגער טראפען וואסער אין טייך מאכט א גרוים בעוועגונג

— וואס וויינסטו דו, נארעלע?

די דאזיגע עטליכע ווערטער האבן געעפנט ביי דער זעלטענער מאכטער א נייעם קוואל פון טרערן און קוים מיט צרות האט זי געקאנט אויסרעדן אדער אויסקוויטשען:

— מאמע! מע דארף ניט! מע דארף ניט!

— וואס, נארעלע? וואס דארף מען ניט, נארעלע?

— קיין צוואה דארף מען ניט! מען דארף ניט! איך וויל ניט! איך קאן דאס ניט איבערטראגן! דו וועסט נאך לאנג, לאנג לעבן!

— גיי שוין גיי — נארעלע! זעהסט דאך, אז איך עק זיך!

— מע דארף ניט! מע דארף ניט!

וואס האט געקלערט אונזער שיינע רעוועקא, שרייענדיג: „מע דארף ניט" ביי זיך אין הארצן? עס איז נישט גרינג צו וויסן, ליבער פריינד, וואס איהר אדער איך קלערן אין הארצן; דאס איז בכלל זעהר א שווערע זאך צו טרעפן, און היינטיגע יאהרן איז גאר ניטא דער נאר, וואס זאל ארום גיין און דערקלערן, וואס דער אדער יענער טראכט ביי זיך אין הארצן; יעדער אויף זיינע געדאנקען איז בעל־הבית און קאן זיך מיט זיי בענוצן, ווי ער פארשטעהט... על כל פנים דאס קאן איך זאגן, אז נאך דעם געזיין מיט'ן געשריי פון אונזער פיינער העלדין רעוועקא „מע דארף ניט! מע דארף ניט!" האב איך אליין מיט מיינע אויגען געזעהן, ווי זי רעוועקא, האט אוועק גערופען איהר געשעצטען מאן. אפיס זעמעל, און האט זיך מיט איהם עפיס געסוד'עט און געשושקעט עטליכע מינוט און איהרע אויגען זענען געווען טרוקען ווי פעפער; וואס האבן זיי גערעדט, קאן איך עד היום נישט וויסן; איך האב נאר געכאפט עטליכע ווערטער: „ירושה... צוואה... א חלק... זאקאן... איין אכטיל... א זוהן... א טאכטער..." און דאס איז שוין גענוג פאר אונז, און מיר שטויסען זיך שוין אהן, פון וואס דאס דאזיגע פארפאלג האבן דא געשמועסט. די מאדאם רעוועקא איז געווען עפיס זעהר צוטראגען, ווי א סוחר בשעת ער שמועסט פון א גרויס געשעפט, און דער הער

לאנגע ווי אונזערע געשעצטע פרויען מרים־חיה בלאנק מיט איהר ליבסטער שנור סאני בלאנק, וואס האבען, ווי עס ווייזט אויס, פייצייטענס באווייזט ניט דעם הער בלאנק, וואס האט זיך געקליבען שטארבען, זיי האבען באקלאגט זיך אליין; שטעלט אייך פאר, אז בשעת ר' הערץ, אדער ר' זרח האט זיך געזעגענט מיט'ן מלאך־המות, האט קיינער נישט איגזינגען געהאט קיין צוואה מיט קיין בעווארענישען, און ווען עטיצער זאל זיך געוועזען דערפון אויסרעדען, וואלט דאס געוועזען דאס גרעסטע בעליידיגונג פאר דעם גאנצען הויז געזינד, ניט אזוי ווי דא, ביי אונזער געריהמטען הער בלאנק, וואו די מאדאם רעוועקא זעמעל האט א ווינק געטוהן צו איהר פילגעליבטען מאן אסיפ זעמעל ער זאל לויפען און ברענגען וואס גיכער מענשען, דעם רב, דעם נאטאריוס, און אז דער דאזיגער וועלטליכער דיפלאמאט, מיט וועלכע מיינע לעזער וועלען זיך באלד באקענען גאנץ נאהינט, אז דער דאזיגער הער זעמעל, זאג איך, איז געקומען צום נאטאריוס, האט ער מיט איהם געמאכט א גאנץ לאנגען שמועס וועגען זאקאנעס בכלל און וועגען ירושה בעזונדער; ער האט באוויזען ווי ווייט ער איז קלאר אין זאקאנעס, און חאטש ער איז, דאנקען גאט, ניט אזוי נויטבעדערפיג, דאך פערהאפט ער אז זיין געליבטער שוועהר, דער הער בלאנק, וועט איהם אפשרייבען דעם גרעסטען חלק ירושה, מחמת איהם, אסיפען, האט ער ליעב ווי איין אייגענעם זוהן און שפעטער, אז דער נאטאריוס מיט די איבעריגע זענען געקומען צום חולה, האט אסיפ ארום זיי שטארק ארומגעטאנצט און אזוי איינגענומען און אויפגעלייגט, אז א מענש פון דער זייט האט געקאנט מיינען, אז דא וועט מען שרייבען תנאים, ניט קיין „צוואה", אז דא איז א „חתונה", ניט קיין געפעהרליכער קראנקער, וואס געזעגענט זיך מיט'ן לעבען... נאר איין רעוועקא האט זיך ניט פערלארען: די דאזיגע געטרייהע איז ניט אפגעטראטען אויף קיין מינוט אויף קיין רגע פונ'ם קראנקען פאטער; אויף איהר פנים איז געווען אנגעצייכענט אזעלכע יסורים, אזעלכע טיעפע שמערצען, אז דער געפעהרליכער סענדער, האט זי געטרייסט:

שווער זאל מיך אויך נישט פארגעסען, מיט מיין מאן. איהר ווייסט איך האב נאך כמעט קיין חיה־שעה נישט געהאט, חוץ דחקות, יסורים און הארצווייטאג, האטש מיין חיים, איז איין עדליבער, א שטילער, א לייטעשער יונגערמאן, נים אזוי ווי אונזער אסיפ דער שארלאטאן. וואס פארשפיעלט זאגט מען אין קארטען א יאהר וויפיעל איך מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדער דארפען פארלעבען, און פון דעסטוועגען ווייסט איהר, וויפיעל מתנות ריוועקע האט תמיד פונים שווער, און איך, אחוץ דעם גרן, נישט דא וואס צו רעדען!....

און מיט די דאזיגע ווערטער האט גלייך סאני בעהאלטען איהר וויינענדיג פנים ביי מרים־חיה'ן אויף דעם הארצען, און אזוי האבען געבליבען די דאזיגע צוויי אומגליקליכע ווייבער אויסגעגאסען איינס פאר'ן אנדערען זייערע הערצער, זייערע ביטערע הערצער, וואס איז אנגעזאדען פון א צייט מיט יאהרען קנאה, שנאה, פארדראס, הארצווייטאג מיט נאך אנדערע געפיהלען... מיר זענען אלע אזוי, לעזער, ווער וויניגער, ווער מעהר, ווער קליגער, ווער נארישער, ווער אפען, ווער פארבארגען, אבער ענגאיסטען זענען מיר אלע, האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט! אמת, מיר האבען א באקאנטען איינעם ר' הערץ, אדער ר' זרח — דאס איז אלעס איינס — געדענק איך גאנץ גוט, ווי אזוי צוריק מיט א יאהר צוויי, אדער דריי, אז דער דאזיגער ר' הערץ, אדער ר' זרח האט בע־דארפט שטארבען און זיינע קינדער מיט זיינע פריינד זענען זיך צונויפגעפארען... צו איהם, איז כדאי געווען צו זעהען, מיט וואס פאר אריהרענדעם פריינדליכקייט, מיט וואס פאר איין ווירקליך איבערגע־בענהייט און ליבשאפט דאס דאזיגע געזינדיל איז געגאנגען און געהאנגען ארום דעם חולה; עס איז כדאי געווען צו זעהען, ווי אזוי דער גאנצער עולם האט ארומגערינגעלט דעם דאקטאר און ווי אזוי איינער איבערן אנדערען זענען געלאפען צו בעדינען דעם חולה, און שטעלט איך פאר, אז אלע האבען פארגעסען אן זיך און מע האט נאר געהאט, צו טוהן מיט'ן חולה, און ביז דער לעצטער מינוט האבען זיינע קינדער און זיין ווייב זיך נישט געזעצט זיך צו בעדויערן זייער איינענע

אַ צוואה? ווייס איך, וואס דו רעדסט, פּאַפּאַשאַ! נאַ דיר גאָר אַ צוואה! מילא, אַז מע איז ניט געזונד, איז וואס? סע מאַכט זיך! אַ מענטש איז ניט קיין אײַזען...

— אַ... אוי, מאַכטער, איך וויל שרײַבען אַ צוואה; איך האָב עטליכע געציילטע שעה צו לעבען, צו מוטשען זיך, גוואַלד! גוואַלד!

דער דאָזיגער „גוואַלד" האָט אויפגעהויבען דאָס גאַנצע הויז אויף די פוס. צום אַלעם ערשטען האָט מרים־חיה געחלשט, און דאָס ווייסען מיר דאָך אַלע, ווי גרינג דער שוואַכער פרוי איז צו חלשען; צו איהר איז צו געלאָפען די מאַדאַם סאָני מיט אַזאַ שרעקליך געשריי „ש ו ו י ג ע ר!!", אַז ווען מרים־חיה זאָל טאַקע אויף איין אמת געוועזען חלשין, וואָלט זי זיך אויך באַדאַרפט אויפכאַפּען — און זי האָט זיך טאַקע אויפגעכאַפּט, אויפגעעפענט די אויגען, אַנידער געלייגט די קאָפּ בײַ דער שנור אויף דעם האַרצען, און גענומען צו לייענען אַ צעמיל ווי אַזוי אומגליקליך און עלענד זי איז, ווי אַזוי זי בלייבט ווי אויף'ן וואַסער, ווי אַ פאַרוויסטע אַלמנה — אַ יונגע גאָר אַ פאַרוויסטע אַלמנה! ווער וועט זיך אויף איהר אַרומקוקען?

אויף איהר קוקענדיג איז סאָני צעגאַנגען געוואָרען פאַר געוויין און פאַר גרויס רחמנות האָט זי כמעט פאַרגעסען אין איהר אייגענע צרות און האָט גענומען טרייסטען די „וויסטע אַלמנה" מיט די דאָזיגע דיהרענדע און האַרצרייסענדע ווערטער:

— גענוג אייך אויך צו טראַהרען, שוויגער, כ'לעבען, גענוג! פאַרגעסט ניט אָן גאָט און זינדיגט נישט מיט אײַערע רעד, שוויגער! גאָט וועט אייך ניט פאַרלאָזען, איהר זענט נאָך אַ יוגענד, און אייער מזל קאָן קיינער נישט וויסען, איהר זענט ניט די ערשטע, און ניט די לעצטע. גאָט קאָן אייך נאָך באַשערען, און איהר קאָנט נאָך וויסען פון אַ וועלט, און מסתּמא וועט אייך דער שווער ניט פאַרגעסען אין דער לעצטער מינוט און וועט אייך באַוואָרענען. אָבער איך, שוויגער, איך קאָן זיך צו אייך נישט גלייכען, איך בין באַפאַלען מיט קינדער און דאַרף האָבען פיעל זכות־אבות, ביז איך זאָל פועל'ען בײַ גאָט, אַז דער

האט זיך פאר אונזערע אויגען פארגעשטעלט אזא מין בילד: אויף א גרויסער אייזערנע בעט ליגט מיטן בויך ארויף א יוד פון א יאהר פופציג, מיט געלע האר, מיט א גרויסער געלע בארד, דאס גאנצע פנים כמעט מיט די הענט באוואקסען מיט גילדענע האר, מיט לאנגע געלע ברעמען אויף די אויגען (אסך אייגליכקייט מיט זיין טאכטער רעוועקא); סענדער איז געשלאפען, ווי עס האט אויס געוויזען, מיט א זיסען געזונדען שלאף, און אויף זיינע באקען האט געפלאמט א פייערעל.

רעוועקע איז שטיל צו געגאנגען צו זיין בעט, האט צו געלייגט א פינגער צום מויל „ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש!!!” און דער אומגליקליכער חולה האט זיך נעביך אויף געחאפט, האט אויף געעפענט זיינע גרויסע גרויע אויגען און האט ארויסגעלאזט עפעס ווי פון א ליידיגער פאס: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק!” אז די פענסטער האבען געציטערט. אין איין אויגענבליק האט זיך רעוועקעס פרעליך שיין געזיכט ווידער פערענדערט און אויף איהר שיינעם ווייסען שטערען האבען זיך פלוצלים אויסגעלייגט מיט א מאל עטליכע טיעפע, טיעפע קנייטשען, און איהרע אויגען האבען זיך באנעצט מיט אמתע, ביטערע טרעהרען.

— פאפאשא! — האט איהם אונזער העלדין געזאגט, ארויסשיקענדיג אסיפין מיט א ווינק, און האט זיך געזעצט ביים פאטער צוקאפענס און האט אנידער געלעגט איהר ווייכע, ווייסע האנט אויף זיין שטערען. — פאפאשא! ווער שוין געזונד; סע איז שוין צייט, זעה, וואסער א פנים דו האסט באקומען, פאפאשא! שטארק זיך! פאל ניט אראפ ביי זיך! לאז זיך ניט אפ אינגאנצען.

— אוי, שלעכט, שלעכט, טאכטער! האט איהר דער פאטער געענטפערט — איין עק! איין עק! גאט ווייסט, צו איך וועל דערלעבען מארגען, גאט ווייסט! רבקה! קינדער! חיים! מארקום! וואו זענט איהר? וואו זענען מענשען? רופט מיר מענשען! איך וויל שרייבען א... א... א... צוואה!

הער בלאנק, עטליכע שעה פאר זיין טויט, מוזען מיר דאס בעשריי-בונג פונ'ם שענעם הויז אפ ליגען אויף איין אנדער צייט, און יעצט נאך געהן מיט ביי טריט אונזער געשעצטע העלדין, רעוועקע זעמעל, גלייך צו סענדער אין צימער אריין.

דער שארפער ריח פון די אפטהייק-פלעשלעך שטעלט אונז פאר אין דער פאנטאזיע איין אויסגעצויגענעם חולה מיט א בלאס געזיכט מיט א פאר גלעזערנע אויגען און מיט פארשטאכטע ליפען, און מיר פילען אז דא האט זיך דער טויט געמאכט א גאסט און דער מלאך המות ליגט ערגעץ אין א ווינקעלע און מיט א לאנגען שעכט-מעסער אין דער האנד היט איהם די נשמה, אזוי אז א פראסט לויפט דורך איבערן לייב; און יעדער פון אונז, אפילו דער גרעסטער אפיקורס דערמאנט זיך אויך אין דעם לעצטען טאג פונ'ם קורצען לעבען, און יעדער נאך זיין פערשטאנד הויבט אן צו פילאזאפירען אויף זיין שטייגער: דער מאטהעמאטיק זאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען צו א ראד און דער טויט איז דער צענטער, און מיר מענשען זענען נישט מעהר ווי אומגלייכע ראדיוסען, וואס שפארען זיך אן אלע אויף איין פונקטום... דער זייגערמאכער זאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען צו א ציפערבלאט, די ווייזערס — דאס איז אונזער לעבען, דער "אומרוה" — דאס זענען מיר און אז די וואג פאלט אראפ — איז אונזער לעצטע היסטאריע... דער שוסטער זאגט, אז די וועלט איז געגליכען, להבדיל, צו א חאליעווע און דער מענטש — דאס איז דער האמער... דער בעל-עגלה זאגט, אז די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען נאר צו ליב דעם בעל עגלה; אי וואס דרעהען זיך דא ארום אזוי פיעל מענטשין? דאס — זאגט ער — זענען אונזערע פארשויגען פון וועלכע מיר האבען פרנסה... פון א באנדער האב איך אליין געהערט, ווי ער האט געזאגט, אז די גאנצע וועלט איז געגליכען, להבדיל, צו א פעסעל, וואס אז סע ווערט נאר צו לעכצט, מוז דאס דער באנדער אנשלאגען...

אריין געקומען צו סענדער בלאנק אין חדר אריין צום חולה,

— וואו האט איהר געקריגען אזא בריעף, סאָני?

— ? אייער אסיפ האט דאס מיר געגעבען, טאקע אסיפ אליין!

— מיין אסיפ? ווי אזוי? וואס הייסט דאס?...

דאס דאזיגע שיינע בריוועל האט אין איין אויגענבליק אויף געמינטערט די פערזאָרגטע, פערקלאגטע רעוועקע; שעהן, הויך, געזונד און פריש איז רעוועקע געוועזען, האטש זי האט געהאט געלע האר מיט גרויע אויגען, א קליינינקע, א שווארצינקע, א לעבעדיגע, מיט גאנץ שווארצע האר, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט א קליין נעזעל א צונויף געציפעט מיילכיל ווי אויף שנירלאך, מיט גריבעלעך אין די בעקלאך אפילו ווען זי האט ניט געלאכט — אט האט איהר סאָני'ן אין גאנצען!

— סאניטשקע! ליובעניו, הארצעניו, נשמה'ניו! — אזוי האט זיך רעוועקע גאנץ פרעליך געווענדט צו איהר שוועגערין — איך בעט אייך, גיהט, נעמט, רעדט מיט אסיפ'ן; לאז ער אייך אקוראט דערצעה־לען, וואו האט ער דערטאפט דאס דאזיגע בריוועלע? אלס, אלס, אלס ווערט געוואהר, איך בעט אייך, סאניטשקע, הארצעניו! טאקע באלד לויפט ארויף! איך וועל אליין געהן צו פאפאשא און וועל איך ארויסשיקען אסיפ'ן; גיכער!

— די רגע! האט סאָני געענטפערט; און ווי די פייגעלעך זענען אונזערע געשעצטע דאמען ארויף געפלויגען אויף דעם אייבערשטען עטאזש. וואהין מיר בעטען אויך אונזערע לעזער זיי זאלען זיך מיט אונז מטריח זיין.

## דאס צווייטע קאפיטעל.

### די אקטיארען שפילען געצייכענט גוט.

ווי איין ארענטליכער ראמאניסט, זענען מיר מחויב פארצושטע־לען א בילד פון סענדער בלאנק'ס הויז און ניט דורך־לאזען קיין קליי־ניקייט; נאר מחמת מיר זענען זעהר נייגעהריג שוין אן צו קוקען דעם

„ליבע געזיהלען, אָ! קיינער, קיינער פארשטעהט מיך נִשְׁט. נאר איהר
„אריה־לייב! נאר איין מענש אויף דער וועלט!.. ווי אזוי רייסט מען זיך
„ארויס פון דאגען? קיין לעהרער ווילען „זיי“ מיר נִשְׁט האלטען; קיין
„ביכער ווילען „זיי“ מיר נִשְׁט קויפען — און איך בין עלענד, עלענד
„ווי א שטיין, ווי א פארבלאנזשעטער אין דער ווּיסטעניש, ווי אין גע־
„פיינגעניש איך האב אפילו נִשְׁט פארוועטען אויסגיסען מיין ביטער
„הארץ, א חוץ אייך, מיין עהרליכער אריה־לייב, אי, דאס מיט גרויס מיה,
„ווייל איך האב מורא פיעל צו שרייבען, „זיי“ זאלען מיך נִשְׁט בע־
„מערקען — און איהר ווייסט דאך, ווי עס איז שווער אויסצוהאלטען
מיין פאטערס אפּעקע, דרום קאן איך אייך אפט נִיט שרייבען און די בריעף
„אפּטראגען אויף דער פאסט אליין קאן איך נִיט, מע זאל מיך נִשְׁט
„בעמערקען — איהר ווייסט דאך ווי אזוי „דא“ האט מען ליעב צו
„קוקען מיט זיעבען אויגען, דרום מוז איך שיקען דעם בריעף דורך
„אונזער פרויקען, פון וועלכען איך האב גענוג צרות מיט יסורים ביז
„איך רייד איהם צו און ביז איך בעצאהל איהם גוט — איהר געדענקט
„דאך וואס פאר א פאַרך און א גנב ער איז... ווי גאט איז אייך ליעב,
„אריה־לייב, ענטפערט מיר, וואס גיכער אויף דעם דאזיגען בריעף מיט
„איין עצה פון איין אמת׳ן גוטען ברודער, וואס זאל איך טהון? —
„אצינד וועל איך אייך פאלגען אלעס, וואס איהר וועט מיר שאפען —
„אפילו אין פייער אריין! אייערע בריעף שיקט ווייטער אויף דעם
„זעלבען אדרעס, וואס פריהער, און פארגעסט נִיט צו שרייבען „Для
передачи Фройкѣ Кроману“ — ווען נִיט בין איך א פארפאלענער!
„אייער איבערגעבענער תלמיד, געטרייהער חבר
און בעסטער, בעסטער פריינד מארקוס בלאנק.

„P. S. אריה־לייב! איהר געדענקט דאך מיין שוואגער אסיפ־
„זעמעל? האט דער דאזיגער פראלער נִשְׁט לאנג אריין געשריבען א
„בריעף, אז ער עפענט א נייגעשעפט איין אמעריקאנישע וואש־פאבריק
„און האפט צו געווינען א גרויסען פראצעס פון $1\frac{1}{2}$ מיליאן; עס
„פארשטעהט זיך, אז מע האט איהם דערויף אפילו נִשְׁט געגלויבט.
„אייער מארקוס.

אין ביז אהער נישט אנטלאפען, נישט באגעגענט דעם שווער און נישט אנטלאפען שארלאטאנעריען...

— אנטלאפען?

— ווייסט איהר וואס? נאט איך אט דאס בריוועל, לייענט — וועט איהר אויך וויסען.

און איינע האט איבערגעגעבען דער אנדערע א בריעף וואס מיר ערלויבען זיך איבערגעבען אונזערע לעזער ווארט אום ווארט, ווי א דאקומענט, וואס איז נייטיג צו דעם דאזיגען ראמאן.

„מיין טהייערער אריה־לייב! מיין עהרליבער לעהרער! מיין גוטער חבר! מיין ליעבסטער פריינד! — וואס וועט זיין פון דעם דער תכלית? איך קאן דאס שוין מעהר נישט איבערטראגען! וואס ווייטער ווערד אלץ ערגער און ערגער; וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? מען מוטשעט מיך; מע האלט מיך אויף איין אייזערנע קייט; מע באליידיגט מיך אויף יעדען טריט! מע רעדט מיר שידוכים; מע וויל מיך חתונה מאכען; איהר פארשטעהט, אריה־לייב? חתונה מאכען מיט געוואלד! מע וויל מיר אנהייבען א ווייב, א ווייב צו ניינצעהן יאהר! איהר פארשטעהט? מע וויל מיך פארקויפען, ווי מע פארקויפט א זאך, א חפץ, פונקט אזוי ווי עס ווערט בעשריבען אין א ראמאן! און ווען? דעמאלט, ווען איך בין דערפון אזוי ווייט, נאך ווייטער, ווי איהר, אריה־לייב, זענט פון מיר! א, גוטער, ליבער, טהייערער אריה־לייב! גיט מיר איין עצה: איך בין גרייט אויף אלעס! איך פיהל, אז אין דער דאזיגער מינוט איז ביי מיר אויסגעוואקסען פליגעל — און איך וואלט זיך געלאזט פליהען, לויפען אין דער וועלט אריין, וואוהין די אויגען וועלען מיך טראגען! — אבי אנטלויפען, אנטלויפען ווייט פון דאנען, ווייט פון די דאזיגע ווילדע חיות, מערדער, דעספאטען, טיראנען, וואס האבען קיין שום געפיהל פון קיין מענשען, וואס האבען קיין שום בעגריף פון דער השכלה, וואס האבען נישט געהערט פון קיין ציוויליזאציע, וואס זענען איבערגעגעבען מיט זייער גאנץ חיות צו דעם געלד און צו די אלע נארעשע, בלינדע, און מענש־

אַז איהר, רעוועקאַ, זאָלט דערלאָזען האַלטען אַזאַ הונט אין שטוב? מיר דאַכט זיך, אַז אייערט איין וואָרט וואָלט ביים שווער...

— זאָגט דאָס ניט, סאָני! דער פּאַפּאַשאַ איז ניט שולדיג; דאָס איז „איהר" פליגעל-אַדיוטאַנט, און דאָס בן-יחידל „איהרס" הענגט זיך פּשוט אויף זיין האַלז. דער פּאַפּאַשאַ זאָל וויסען אַ צעהנט חלק, אַ הונדערט חלק, פון אַט די אַלע זאַכען, אָ, סאָני! ניט אומזיסט קרענקט ער פון „איהר"; „זי" איז זיין מלאך-המות; „זי" דערגעהט איהם דעם עק!...

— און פון דעסטוועגען בערימט „זי" זיך, אַז „איהר" מאַרקוסל וועט זיין אַ האַלבער יורש... אייער טאַטענס גוטס וועט אַריינפאַלען אין אַ מקום קדוש...

— וואָס מיינט איהר דאַמיט? — איהר האָט תמיד ליעב, סאָני, יענעם באַליידיגען אומזיסט און אומנישט מיט שטעכווערטלעך און אויפ'ן ווינק...

— שטעכווערטלעך, רעוועקאַ? איך ווייס ניט, ווער האָט ליעב יענעם צו שטעכען, אַזוי ווי איהר, רעוועקאַ?

— סאָני! איהר זענט ערשט נעכטען געקומען אַהער, הויבט איהר זיך שוין אָן צו קריגען; איהר מיינט, עס איז אַמאָליגע יאָהרען, ווען איהר זענט געזעסען „ביי אונז" אויף קעסט?

— „ביי אייך" אויף קעסט, רעוועקאַ?...

ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען אין דער מינוט זאָל נישט געווען דורכלויפען דער יונגער הער בלאַנק, מאַרקוס בלאַנק, מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען בעקענען, און ווען מאַרקוס זאָל ניט געווען מיט אַ שמייכעלע אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע צוויי דאַמען, וואָס האָבען געפונען, אַז דאָס דאָזיגע שמייכעלע איז פאַר זיי דאָס גרעסטע באַליידיגונג.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס, סאָני, אויף „איהם"?

— אויף „אייער ברודער, רעוועקאַ? וואָס זאָל איך זאָגען? אַ וואויל־ער יונגער-מאַן, אַ גאַנץ פיינער יונגער-מאַן; איין עבירה וואָס ער

קיך טיר! און אז די דאמען האבען איהם דערזעהען, האבען זיי זיך גלייך מיט איהם געלאזט לויפען אויף די טרעפ! אונזער ארימע פעדער איז ניט אומשטאנד ארויס צו לאזען די דאזיגע ווערטער, גאר דער אמת פאדערט פון אונז אויפדעקען פאר אונזערע ליבע פריינ- אז... גוואלד! די דאזיגע צוויי דאמען זענען געוועזען נישט קיינער גאר די הויכגעשעצטע מאדאם רעוועקא זעמעל און די געעהרטעסטע מאדאם סאני בלאנק, וועלכע האבען מיט אונז קיין ווארט ניט דורכגעלאזט פון דעם, וואס פרויקע דער משרת האט גערעדט.

אונזערע פיעלגעשעצטע דאמען, רעוועקא און סאני, לויפענדיג ארויף אויף די טרעפ, האבען זיך פלוצלים ביידע אין איין אויגענבליק א חאפ געטהון צוריק אראפ, און מוז דעם דאזיגען מאנעווער האבען זיי געוואלט אפנארען פרויקען בכדי ער זאל מיינען, אז זיי קומען ערשט אן און לויפען גאר אראפ ניט ארויף. צו דער מאנעווער איז זיי געראטען צו זיין, — דאס קאנען מיר בשום אופן נישט וויסען, ווארום פרויקע האט גאר א קוק געטהון אויף זיי מיט אויסגעגלאצטע אויגען, האט געטהון א שמייכעלע, א וואוף מיט דער גריווע (גייטיג צו בעמערקען, אז ביי סענדער בלאנק זענען אלע געגאנגען אהן היטלען, חוץ סענדערן אליין, וואס האט געטראגען א יארמעלקע) און געשווינד ארויף געלאפען אויף די אייבערשטע טרעפ.

אונזערע געעהרטע דאמען זענען תחלת געבליבען שטעהן און געקוקט איינס אויף דעם אנדערען מיט גרוים חרפה ובזיון און גאט ווייסט מיט וואס דאס אלץ וואלט זיך געקאנט ענדיגען מיט וואס וואלט פרויקע אפגעשפיעלט פאר זיין שארפע צונג, און ווי אזוי וואלטען די דאזיגע צוויי דאמען געקאנט זיך קוקען גלייך אין פנים אריין ווען צווישען זיי וואלט זיך ניט פארבונדען, מאקי דא אויף די טרעפ, אזא מין שמועס:

— נו, וואס זאגט איהר עפיס, רעוועקא, אויף אייער טאטענס משרתים? דעם גרעסטען בזיון קאן מען דורך זיי האבען! א מערבה בעלעדיגט צו ווערען דורך אזעלכע הינט? עס איז מיר א חידוש, כ'לעבען

מיט איהר און סודה'ט זיך א גאנצען טאג און נאך דעם שיקט זי מיך איך זאל שטעהן אונטערהערען זיך, וואס רעדט דארטען סאני מיט דער שוויגער; א גוטע סחורה דיין רעוועקא, קיין מעשה ניט! „מיר" קענען זיי: „מיר" זעגען דא אויך ניט קיין געבטיגע, פערשטעהסט דו מיך...

— מיין מאדאם סאני הערט זי ווי דעם פאראיאהריגען שנעע! — האט זיך אן גערופען זלאטקע די שווארצע, סאני'ס דינסט מיידיל, — ביי אונז אין דער היים...

— דיין „מאדאם" — האט איהר פרויקע איבערגעשלאגען — איז אויך געקומען אהער טאנצען אויף דער חתונה ז״נ אפלעקען א ביינדיל; נאר האט צייט אביסעלע — פפיו!!! (דא האט פרויקע אויסגע־צויגען א לאנגען קווישטש) דיין „מאדאם" האט אויך גישט פיינד קיין פליאטקעס פיהרען און אן רעדען אויף איהר אייגענער שוועסטער כל הצרות אויף איהר קאפ! אומזיסט האט זי מיך געמוטשעט דריי טעג מיט דריי געבט כסדר איך זאל איהר דערציהלען וואס טהוט מארקוס? וואוהין געהט ער דאס אלע טאג? צו וועמען שרייבט ער דאס קוויטעלעך, און וואס לויף איך אלע טאג אויף דער פאסט נאך בריוועלעך? א! דיין סאני איז דאך גאר איין אנטיק! דערפאר אבער האלט זי דער מאן שטארק אין די הענד! גאר איין אסיפ איז איין בראווער מאן, און ער וואלט יא געוועזען אפשר א שטיקעל לייט, ווען ער זאל ניט זיין אזא שקרן, אזא לאך, אז ער זאל ניט האבען אין זיך קיין וואהר ווארט און זאל... פרויקע האט געהאלטען אפען דאס מויל און וואלט נאך אפשר גאנץ לאנג געקאמענדירט פאר אונז זיינע פרינציפאלען גאר א שטארקער קלונג פונ'ם גלעקעל האט איהם איבערגעשלאגען אין מיטען די רעד; ער האט א ווארף געטהון דעם האנטעך מלכה'ן אין פנים אריין און האט זיך געשווינד געלאזט לויפען צו די טרעפ ארויף אויף דעם אייבערשטען עטאזש; אבער ווי פערוואונדערט און פער־שטוינט איז ער געווארען, אז ער האט אליין מיט זיינע אויגען דער־זעהען ווי צוויי הויכגעשעצטע און געעהרטע דאמען שטעהען אונטער דער

אַריין געחאַפּט צו אונזער „אַלטען" אין בויך אַריין, אַליין ליגט ער ווי אַ קלאָץ אויסגעצויגען מיט אָבגעבלאָזענע באַקען, מיט אַ רויטען פּיסק, מיט אַ קאַרק, אויף מיר געזאָגט געוואָרען, און שרייט ווי אַ משוגע'ן קעלבעל: „אוי מיין סוף! אוי מיין עק!" ניט מיט אַזאַ פּנים ליעגט מען אין דער ערד אַריין, ניין! און דער דאָקטאָר גיסט אין איהם רעצעפּ־טען, מיט פלעשליך, מיט דער רוח ווייסט, וואָס! מען זאָל ביי מיר פרעגען, וואָלט עס איהם באַלד געעפענט די אויגען! ניט אַזאַ בויך נעמט מען מיט פלעשלעך! יאָ, יאָ?

— די בעל־הבית'טע ווייגט דאָך און זאָגט, אַז ער שטאַרבט שוין אַוועק? — האָט זיך אָן גערופען זעלדע די קעכין און האָט אַריין גע־קוקט אין אויווען אַריין.

— זי זאָגט? שפּייט איהר אָן אַ פולען פּנים! — האָט פרויקע מיט היץ געענטפערט און אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע נאָך אַ שטיק לע־קאָך — זי ווייסט דאָך יאָ מיין פון אַ מוידעמען! דאָס האָבען איהר די קינדער איינגערעדט; דאָס וואַקסט פון רעוועקען!

— וואָס האָסט דו צו מיין מאַדאַם, פרויקע? האָט זיך איינגע־שטעלט פאַר איהר בעל־הבית'טע אַ יונג מיידיל פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט דעם נאָמען מלכּה קאַטיל.

— דיין מאַדאַם? — איז אויף איהר פרויקע אָן געפאַלען — דיין מאַדאַם וואָלט שוין לאַנג געהערען, אַז דער „אַלטער" זאָל אויס־ציהען די פּיסלעך; פאַר וואָס — דאָס איז שוין „אונזער" עסק און ניט פאַר דיין קאָפּ צו פערשטעהען אַזעלכע זאַכען! דיין רעוועקא קאָן נאָר שפּילען אין קאָרטען מיט פרעמדע יונגע לייט און אָביסען אַרויס שטעלען דריי פייגען און אַמאָל שטילערהייד, אַז קיינער זעהט ניט, מאַכט אַ פינסטערען פּאַטש אויך; פון וואַנען איך וויים — דאָס איז שוין „אונזער" עסק! זי האָט אַזוי ליעב דעם מאַטען ווי אויגען־וועה־טיג; זי קאָן נאָר אָפּנאַרען איהם גוט, און איצט, אַז ער איז עפּיס ניט געזונד, האָט זי זיך עס אַביסעל צופּעפּעטעט—נו! גראָד איז זי איצטער געוואָרען אַ גוטע שוועסטער מיט דער שוועגערין; זי שושקעט זיך

פון זיי דער תכלית? מע קאן אבער פון דעם אפשר ניט אנטלויפן; אפילו אויף קיין טריט, און מיט'ן גאנצן ווילן באגעהרען מיר צו וויסען, וואס טהוט זיך דא אין דעם דאזיגען הויז? ווער איז דא אזוי מסוכן קראנק? מיר ווייסען, אז דא וואהנט סענדער בלאנק, כמעט דער גרעסטער גביר פון דער דאזיגער שטאדט! קאן עס דען געמאלט זיין, אז סענדער אליין זאל זיין שלאף און אזוי מסוכן שלאף? מיר קאנען דאס שוין מעהר אויף זיך ניט טראגען און בעטען אונזערע ביי־געהריגע לעזער מטריח זיין זיך מיט אונז צוזאמען צו סענדער בלאנק אין שטוב אריין איהם מבקר חולה צו זיין. נאר לעת עתה וועלען מיר אויף א ווייל אפשטעלען זיך דא פון הינטען, און צוהערען די שענע רעד, וואס פרויקע דער משרת האלט פאר דעם גאנצען קאמיטעט דינסטען, משרתים און פריקאשטשיקעס; און הגם עס איז זעהר ניט שען איבערהויפט אונטערהערען זיך, ובפרט נאך אין קעך, וואס דינסטען רעדען צווישען זיך, נאר וואס זאל געבאך טהון, זאגט אליין, איין ארעמער פאנאראמטשיק, וואס וויל צופרידען שטעלען אלע זייגע ליבע געסט? וואס זאל געבאך טהון א מחבר א ראמאניסט, וואס וויל אז אלע קלאסען לעזער זאלען זיין צופרידען? לאז אייך צו קיין חרפה ניט זיין, עדעלסטע דאמען! צווישען אייך געפינען זיך א סך בעלי־בית'טעס אזעלכע, וואס שטעהען ניט איין מאל מיט'ן אויער אונטער דער טיר צו האפען עפיס א ווארט פון די דינסטען אין קעך; פון דעם רעדט מען שוין ניט, אז א שוויגער איז מחויב זיך אונטער־הערען, וואס רעדט עפיס דאס איידעמעל מיט דער טאכטער אויף איהר אויף דער שוויגער? און די שנור פון איהר זייט, מוז דאך א ודאי וויסען, וואס שושקעט זיך עפיס דער שווער מיט דער שוויגער דארט, און וואס ווינקט עפיס דער שוואגער אויף דער שוועגערען? אויערען, מיינע ליבע פריינד, אויערען האט אונז גאט געשענקט במתנה, אז מיר זאלען דורך זיי הערען, וואס מע רעדט!...

— איך וויים ניט — זאגט פרויקע ווישענדיג די גלעזער און קיי־ענדיג קארענעם לעקעך — איך וויים ניט, וואס פאר א רוח האט זיך

געגעשען איז שטארקער פון אייזען; איהר האט געוויס געהערט דאס ווארט: „א מענש איז שוואכער פון א שטרוי און שטארקער פון א שטיין; א וואהל ווארט בלייבען, א קלוג ווארט! מיר דארפען זיין צו גרייט צו אלעס, ווי א גרויסער חכם האט געזאגט: „סי וויזע פאצום פארראבעלאם,“ אויף אונזער לשון הייסט דאס: ווילסט דו שלום, טא גרייט זיך צו א מלחמה... פערשטעהט איהר, מיינע ליבע דאמען? אדיעו! אין צוויי שעה ארום בין איך ווידער דא...

— אוי, שוויגער! איהר פארשטעהט וואס דער דאקטאר זאגט? ער זאגט, מע דארף זיין גרייט, מע דארף זיך ריכטען, איהר פארשטעהט, שוויגער?

— אוי, איך ווייס ניט, איך ווייס גאר, אז איך בין אומגליקליך, עלענד און אומגליקליך! וועה איז צו מיר און צו מיינע יונגע יאהרן...

פון דעם טיעפען הארצען איז דער מחבר זיך מודה ומתודה, אז דער מוידט פון'ם גביר מאכט אויף איהם א סך א גרעסערען איינדרוק ווי, למשל, פון דעם קבצן; ער האט זיך נאך ביז אהער ניט אבגעגעבען קיין דין וחשבון, פאר וואס דאס איז אזוי; דער קבצן איז דען ניט אזא מענש ווי דער גביר? פאר וואס זשע הערען מיר אוים גאנץ קאלט, ווען דער שמש קלאפט מיט דער פושקע: „צדקה תציל ממות!“, אז יוסיל דער שניידער, אדער הערשעל דער שוסטער איז געשטארבען? און אז מע זאגט אונז: „איהר ווייסט? ר׳ יוסעלע איז דאך געשטארבען!“ אדער „ר׳ הערשעלע איז געשטארבען!“ טהוט עס אונז א חאפ און א טראג אין דער לופטען און מיר ווערען פערצאפעלט: „הא? וואס? ר׳ יוסעלע? וויפיעל איז געבליבען געלד? וויפיעל קינדער? ער האט מסתמא געלאזט א צוואה? אזא גוטס! אזא גוטס! א רחמנות, בלייבען אויפ'ן ווייבעל!“ וועט אונז דען קומען אויפ'ן זינען אפילו צו בעדויערען די לאגע פון יוסיל דעם שניידערס, אדער הערשעל דעם שוסטערס אלמנה? ווער וועט זיך דאס פלוצלים אנידער זעצען מאכען א רעכנונג וויפיעל קינדער זיי האבען געלאזט? וואו וועלען זיי זיך פרנסה'ן... מיט די וויסטע אלמנות, זייערע מוטערס, און וואס וועט זיין

# דאס ערשטע קאפיטעל.

## דער פארהאנג הויבט זיך אויף — אונ די קאמעדיע הויבט זיך אן.

צו א גרויסען, צווייגארענדיגען מויער אויף דער שענסטער גאס פון דער שטאדט N (אזוי הויבען אן אלע ראמאניסטען, אזוי הויב איך אויך אן) פאהרען צו אונ פאהרען אב א גאנץ פריה-מארגען, פא־יעטאנען מיט דראזשקעס מיט פערשיעדענע פערשוינען; די פערשוינען שפרינגען אראב אונ בעצאהלען דעם סוטשער מיט דער ברייטער האנט, נישט געדונגען זיך.

חוץ וואס עס פאהרען אהער א גאנצען טאג מענשען, איז שוין דא געוועזען צוויי מאל דער דאקטאר קלוגער אונ נאך יעדען מאל, וואס ער איז ארויסגעגאנגען פון דאנען, האבען איהם בעגלייט יונגע לייט מיט ווייבער, אונ האבען מיט איהם א היבשע ווייל פערבראכט אויף דעם טראטואר אונ איינע פון די ווייבער די יונגערע האט אלע רגע צו געטראגען א קלאר ווייס טיכעלע צו די אויגען אונ האט חוץ דעם געשנייצט די נאז מיט אזא כח, גלייך ווי זי האט געוואלט אויס שנייצען אין גאנצען איהרע צרות דורך דער נאז. דער דאקטאר קלוגער האט זי בערוהיגט מיט אלע מעגליכקייט; ער האט אויסגעשאטען פאר דער אומגליקליכער פרוי א סך מיט שענע ווערטער וואס איך מיין, אז קיינער האט ווינציג פארשטאנען, מחמת דער דאקטאר קלוגער האט ליעב איבערצושיטען זיין שפראך מיט זעהר פיעל הויכע ווערטער, אדער גאר ווערטער פון דער מעדיצין.

— בערוהיגט זיך, מאדאם זעטעל, קומט צו זיך! בעטראכט זיך, אז איהר זענט א מוטער פון קינדער, א יונגע מוטער, — וואס טהוט איהר דאס? זייט רוהיג: אייער פאטער וועט אי"ה זיין געזונד; אמת, ער דארף איבערטראגען זייער א שווערע קריזיס, נאר די נאטור פונ'ם

# סענדער בלאנק

און זיין געזינדעל.

א ראמאן אהן א „ראמאן“.